STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05529

DER UKRAYNER ID IN UKRAYNE UN AMERIKE

*Permanent preservation of this book was made possible
by Ted Winestone
in memory of
Red Kramer*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער אוקראַינער איד
אין אוקראַינע און אַמעריקע

ארויסגעגעבן פון דער נאַציאָנאַלער קאָנפערענץ פון אוקראַינער
אידישע אָרגאַניזאַציעס פון אידישן קאָונסיל
פאַר ראַשיען וואָר רעליף

★

★

★

רעדאַקציע:

וויליאַם עדלין — פאָרזיצער
הרב אברהם ביק
א. דזשענאָפסקי
אליהו דיזשור
נחמן מייזיל
סענאַטאָר איזראַעל סטיפל
מאַקס פערלאָוו

אינהאלט:

באגריסונג פון לואי לעווין — — — — — — — — 7

אַ וואָרט צו אוקראַינער לאַנדסלייט! — פון וויליאַם עדלין — — — — — — 8

דאָס היסטאָרישע געשטאַלט פון דעם אוקראַינער איד—פון הרב א. ביק 11

פּאָגראָמען אין אוקראַינע — פון מאַקס פערלאָוו — — — — — — 19

אידן אין דער סאָוועטישער אוקראַינע — פון משה כץ — — — — — — — — 25

מיר מוזן העלפן ווידער אויפצובויען די אידישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען
פון דער אוקראַינע — פון אליהו דיזשור — — — — — — — — — — — 36

אידן־העלדן פון דער סאָוועטישער אוקראַינע—פון אברהם דזשענאָווסקי 40

דער העלדישער דיכטער און קעמפער אהרן קושניראָוו (בילד) — — 46

העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד שלמה גאָרעליק (בילד) — — — — — — 46

אידישע ליטעראַטור און אידישע קינסטלער אין אוקראַינע—פון נ. מייזיל 47

שלום־עליכם אין קיעוו — פון מאַרי גאָלדבערג — — — — — — 57

שלום־עליכמ׳ס הויז אין קיעוו (בילד) — — — — — — — 60

מ. ז. פייערבערג אין זיין געבורטס־שטעטל נאָוואָגראַד־וואָלינסק זוויהיל
פון ש. צ. זעצער — — — — — — — — — — — — — — 61

טאַנקען־עקיפּאַזש פון אידישע שלאַכטלייט־גוואַרדייער (בילד) — — 65

יאַנקל פּירניק — פון דוד איגנאַטאָוו — — — — — — — 66

דער זיידע מיטן אייניקל אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער (בילד) — — — — 70

באָלשעוויקעס קומען אָן! — פון פּ. טשערנער — — — — — — — — 71

מוסטערן פון אידיש־אוקראַינער פּאָעזיע

צוזאַמענגעשטעלט פון ז. וויינפּער

אוקראַיניש־אידישע פּאָעזיע (פאָררעדע) — פון ז. וויינפּער — 75

אַ קרעטשמע — פון ה. רויזענבלאַט — — — — — — 76

מאַמע — פון אשר שוואַרצמאַן — — — — — — 76

טריאָלעטן — פון ראובן לודוויג — — — — — — 77

אַ שטעטעלע — פון א. לוצקי — — — — — — — — — — — 77

צו אוקראַינע — פון איציק פעפער — — — — — — — — — 78

אַרסימסקע דער האָלצהעקער — פון קלמן ליס — — — — — — — — 80

שבתים׳לעך — פון י. י. סיגאַל — — — — — — — — — — — 80

דער פּאַרטיזאַן טאַראַס — פון מ. כאַשטשעוואַצקי — — — — — — — 81

אַ דאָרף — פון ז. וויינפּער — — — — — — — — — — — — 83

:: :: :: — פון פּרץ מאַרקיש — — — — — — — — — — — 84

ביים טייך — פון מאַני לייב — — — — — — — — — — — — 85

שעפער און בויער פון דער אידישער ליטעראטור אין אוקראינע און אמעריקע (בילדער) — — — — — — 86

מענדעלע מוכר ספרים; שלום־עליכם; חיים נחמן ביאליק; דוד בערגעלסאן; פרץ מארקיש; איציק פעפער; מ. אלגין; אב. גאלד־בערג; דר. אברהם קאראלניק; בעל־שם־טוב.

שלאף ניט, קינד מיינס — מוזיק: פנחס יאסינאווסקי;
ווערטער: איציק פעפער — — — — — — — — 89

מאמענטן פון לעבן און שאפן פון גרויסן אידישן קינסטלער
אברהם מאניעוויטש — פון רחל מאניעוויטש — — — — — — — — 92

רחל מאניעוויטש, געמאלן פון איר מאן, אברהם מאניעוויטש — — — 93

רויטארמייער לייזער פאפערניק; ישראל פיזאנאוויטש;
פייגע פאפערניק (בילדער) — — — — — — — — — — — — 96

אוקראינער אידן ביים אידישן טעאטער אין אמעריקע—פון יעקב מעסטל 97

מארים שווארץ באגריסט די קאנפערענץ און דערשיינונג פון בוך — — 102

א בינטל נעמען פון וועלט־בארימטע חזנים און זינגער וועלכע שטאמען
פון אוקראינע — פון מ. ירדני — — — — — — — — — — 103

די אנשטרענגונג פון אוקראינער אידן אין אמעריקע פארן ווידעראויפבוי
פון אונזער חרוב'ער אוקראינער היים — פון יוסף ראפאפארט — 111

בילדער און באשרייבונגען פון שטעט און שטעטלעך פון אוקראינע

קיראוו גאס אין קיעוו (בילד) — — — — — — — — — 116

געביידע פון קיעווער שעווטשענקא אוניווערזיטעט (בילד) — 117

א זייד־פאבריק אין דארניצע, קיעווער ראיאן (בילד) — — 118

דער קרישטשאטיק (בילד) — — — — — — — — — — — 119

א סקול אין קיעוו; קיעוו אין פלאמען (בילדער) — — — — 120

דאס אידישע וואלין — פון ל. שפיזמאן — — — — — — — — — — 121

בארדיטשעוו — פון נ. מ. — — — — — — — — — — — — 126

בארדיטשעווער מארק (בילד) — — — — — — — — — — 126

חרוב'ע הייזער אין באפרייטן בארדיטשעוו (בילד) — — — 127

בארדיטשעווער פרויען יואשן וועש אין דער גנילאפיאטקע — 128

א ווינקל פון בארדיטשעוו (בילד) — — — — — — — — 129

פאלטאווע — פון נ. מ. — — — — — — — — — — — — 133

אומאן — פון ב. א. — 139
אדעס — פון ב. רש"ף — 142
רויטע ארמיי מארשירט אריין אין אדעס (בילד) — 143
מאגיליאוו־פאדאלסק — פון הערי ברידזשער — 145
נאווא־אושיצא — פון יהושע ווייסער — 151
טאלנע — פון ד. ארליק — 156
קאלאמיי — פון ה. ל. טהוי — 158
מאלין — פון סעם רעזניק — 160

ענגלישע אפטיילונג

Greetings from Edward C. Carter 5
Message from John L. Bernstein 6
The Ukraine Fights Back—Alexander Brin 7
Jewish Culture in the Ukraine—Marie Trommer 12

Prominent Cultural and Organizational Leaders of Ukrainian Origin in U.S.A.

(Pictures) 17-18

Louis Levine, Cong. Samuel Dickstein; Jacob Patoffsky; Irving Potash; George Sandler; Alexander Kipnis; Nathan Milstein; Sidor Beliarsky.

The Flowering of the Neo-Hebraic Renaissance—Israel Stiefel 19
Ukrainian Jews in America—Rabbi Isaac Landman, D.D. 24
Music of the Ukraine—Lazare Saminsky 29

Jewish Council for Russian War Relief, Inc.

5 Cedar Street, New York, N.Y.

נאָוועמבער 15, 1944

סענאַטאר איזראַעל סטיפעל
הרב אברהם ביק
קאָמיטעט פון אוקראַינער אידישער קאָנפערענץ
5 סידער סטריט
ניו יאָרק 5, ניו יאָרק

חשובֿע פֿרײַנד:

ווען דער אוקראַינער קאָמיטעט פון׳ם אידישן קאָונסיל פאר ראַשען וואָר רעליף איז עטאַבלירט געוואָרן אין מערץ 1943, איז כמעט גאַנץ אוקראַינע געלעגן אונטערן מערדערישן נאַצי-קנאָפּל. הײַנט, איז אָט דער רײַכער און נאַטור-שײנער ראַיאָן, די צווייטע גרעסטע פון די סאָוועטישע רעפּובליקן, באַפרײַט.

איבער די איבער צוויי יאָר נאַצי-הערשאַפט האָט איבערגעלאָזט חורבות און פאַרוויסטונג. צענדליגער טויזנטער אידן האָבן זיך אומגעקערט אויף אוקראַינע ווידעראויפצובויען זייערע היימען און זייער לעבן. אַרבעטנדיג צוזאַמען מיט זייערע אוקראַינישע ברידער, מיט וועלכע זיי האָבן געקעמפט זייט בײַ זייט אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי און צווישן די פּאַרטיזאַנען, נויטיגן זיי זיך אין דער פולער מאָס פון אונזער הילף-אַקציע, און ניט אין דער אומבאַשטימטער צוקונפט. דאָס העלפן באַזאָרגן אונזערע העראָאישע ברידער און שוועסטער און זייערע מיט-קעמפער מיט שפּײַז, קליידער און מעדיצין איז ניט קיין צדקה, נאָר א טייל פון דעם זעלבן קאַמף פאר וועלכן אונזערע אייגענע זין און טעכטער גיבן אַוועק זייערע לעבנס אויף די ווייט-פאַרשפּרייטע פעלדער פון דער וועלט.

די אויפגאַבע פון רעהאַביליטאַציע איז אויך א קולטורעלע. אוקראַינע איז געווען, און בלײַבט, איינע פון די רײַכסטע צענטערן פון אידישער קולטור. דער דאָזיגער בונד איז א קלאָרער באַווייז אויף דעם. שולן און בתי מדרשים, ביבליאָטעקן און טעאַטערס זײַנען פאַרניכטעט געוואָרן פון די נאַצים צוזאַמען מיט פאַבריקן, פאַרמעס און היימען. צו העלפן איבערבויען זיי וועט זיין איינער פון די וויכטיגסטע טיילן פון אונזער היסטאָרישן חוב.

איך בין זיכער אַז די נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פון אוקראַינישע אידישע אָרגאַניזאַציעס וועט לייגן דעם פונדאַמענט פאר א ברייטער, פאַרייניגטער פאָלקס-פּראָגראַם פון רעליף און רעהאַביליטאַציע. אלס נאַציאָנאַלער פּרעזידענט פון׳ם אידישן קאָונסיל פאר ראַשען וואָר רעליף, און אלס אַן אַמעריקאַנער איד פון אוקראַינישן אָפּשטאַם,-א. נעזשינער,- באַגריס איך די קאָנפערענץ אין׳ם גײַסט פון פראַטערנאַלער פרײַנטשאַפט צווישן פעלקער.

אויפריכטיג אײַערער,

לואי לעווין
נאַציאָנאַלער פּרעזידענט

אַ וואָרט צו אוקראַינער לאַנדסלייט!

פון וויליאַם עדלין

אוקראַינע — וואָס פאַר אַ מאַגנעטיש וואָרט דאָס איז פאַר אַלע יענע, וואָס האָבן געאָטעמט איר לופט, וואָס האָבן געגעסן איר ברויט, וואָס האָבן זיך געקוויקט מיט אירע פרוכטן, וואָס האָבן זיך געבאָדן אין אירע טייכן און וואָס האָבן געלעבט צווישן אירע פאָלקסמענטשן.

אוקראַינע איז איינע פון די גאָר רייכסטע מדינות אין דעם פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפובליקן. זי איז דאָרט די צווייטע גרעסטע רעפובליק. זי באַזיצט גוואַלדיג גרויסע נאַטור-אוצרות און האָט אין די יאָרן פאַר דעם אויסברוך פון דער היינטיגער וועלט-מלחמה געהאַט אַנטוויקלט מעכטיגע אינדוסטריעס. אויף אירע ריזיגע תבואה-פעלדער האָבן זיך געפונען צענדליגע טויזנטער טראַקטאָרן און אַלע אַנדערע מאָדערנע מאַשינען, וואָס מען באַנוצט איצט ביי דער לאַנד-ווירטשאַפט אין הויך-אַנטוויקלטע לענדער.

אָט אויף דער דאָזיגער רייכער אוקראַינע האָבן אימפעריאַליסטישע דייטשע הערשער שוין לאַנג געהאַט אַן אויג. באַזונדערס האָט עס געצויגן אַהין היטלער’ן — ווייל מיט דער רייכקייט פון אוקראַינע וואָלט אים געווען לייכטער צו באַהערשן גאַנץ אייראָפע. דער מאַניאַק היטלער האָט געמיינט, אַז ס’וואָלט פאַר אים געווען ניט קיין זייער שווערע זאַך צו פאַרכאַפן גאַנץ אוקראַינע און מאַכן זי פאַר אַ פשוט’ע קאָלאָניע פון דייטשלאַנד. ער האָט געהאַט אין זינען די פעטלוראַס און די דעניקינס פון נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה און גערעכנט, אַז

מיט דער הילף פון אזוינע קוויזלינגס ווי סקאראפאדסקי, אדער סעוו־ריוק, וועט ער קענען בויגן די פרעכטיגע אוקראינע צו זיין ווילן.

אבער היטלער האט גיך אויסגעפונען, וואס פאר א בייזער חלום דאס איז פאר אים געווען . . . צוויי יאר נאכדעם ווי די נאצישע האר־דעס האבן אריינגעדרונגען אין אוקראינע זיינען זיי שוין דארט געווען שטארק דערנידעריגטע, געשלאגענע און געפאנגענע. אוקראינע איז געווארן איין ריזיגער קבר פאר מיליאנען נאצים. די מפלה, וואס היט־לער האט געכאפט אין אוקראינע, האט פאקטיש געבראכן דעם רוקנ־ביין פון דער דייטשער אפענסיווע אויף סאוועטישן באדן.

איצט, אין פינפטן יאר פון דער מלחמה, איז שוין אוקראינע אין גאנצן א באפרייטע, א דאנק דער העלדישקייט פון די סאוועטישע זין, וואס האבן אזוי וואונדערלעך געקעמפט פאר זייער לאנד, פאר זייערע היימען און פאר זייער רעכט צו לעבן אונטער א סאוועטישן, סאציא־ליסטישן רעזשים. וואס דער געראנגל מיט די נאצישע באנדיטן האט אפגעקאסט דער באפעלקערונג פון אוקראינע איז א בלוטיגער קא־פיטל פאר זיך אליין. טויזנטער דערפער זיינען חרוב געווארן; צענד־ליגע שטעט זיינען פארוויסט געווארן; און צווישן זיי איז אומגע־בראכט געווארן די גרויסע אידישע באפעלקערונג, וואס האט זיך דארט געפונען.

ס׳זיינען ניטא גענוג ווערטער צו שילדערן דעם שרעקלעכן אומ־גליק, וואס די היטלער־הארדעס האבן געבראכט פאר דעם אוקראי־נישן אידנטום. די גאנצע וועלט וויים שוין איצט וועגן דעם. צוערשט האט זיך פילע מענטשן ניט געגלויבט. אבער ענדלעך, נאך אונטער־זוכונגען, שטייען אלע דענקנדיגע מענטשן אויף דער וועלט גוואלדיג דערצארנטע אויף די דייטשן, וואס האבן זיך ארויסגעצייגט פאר אזוי־נע מערדערלעכע בעסטיעס, פאר אזוינע פשוט׳ע קאניבאלן. דעם שוי־דערלעכן פארברעכן פון די דייטשן אין אוקראינע וועט די ציוויל־יזירטע וועלט קיינמאל ניט פארגעסן און מיר אידן — אודאי ניט!

אבער מיט געפילן פון צארן אליין קען מען זיך ניט באנוגענען. מען מוז גלייך ראטעווען, היילן וואונדן און שטעלן אויף די פיס אלע יענע אין אוקראינע, וואס האבן זיך ארויסגעדרייט פון היטלער׳ס מארד־באנדעס. מען מוז צוריק אויפשטעלן די שטעט און דערפער, מען מוז אויפריכטן דאס גאנצע לעבן דארטן. מען מוז צולייגן א האנט צו

דער גרויסער הילפס-ארבעט וואָס אָרגאַניזירט זיך איבעראַל. מען מוז העלפן שאַפן אָרדנונג אין די חרוב-געוואָרענע געגנטן. מען מוז אויסשטרעקן אַ ברודער-האַנט פון דאַנען אַהין, כדי צו צעמענטירן אַ סאָלידאַריטעט, וואָס איז אַזוי וויכטיק פאַר דער צוקונפט פון אונז אַלעמען.

אָט צוליב דעם איז נויטיק אַן אמת'ע, עכטע, פאַראייניקונג פון אַלע אוקראַאינישע לאַנדסמאַנשאַפטן דאָ אין אַמעריקע!

דאָס היסטאָרישע געשטאַלט פון דעם אוקראַינער איד

פון הרב אברהם ביק

(קאָ־טשערמאַן פון קאָמיטעט פון אוקראַינער אָרגאַניזאַציעס
ביים אידישן קאָונסיל פאַר ראַשיען וואָר רעליף)

נאָכן אונטערגאַנג פון גרויסן אידישן צענ־טער (1492) איז די גייסטיגע פירונג אין אי־דישן לעבן אַריבער צום פוילישן אידנטום. זינט דעם 16־טן יאָרהונדערט איז פוילן דער צענ־טער פון אידן און אידישקייט פאַר אַלע אידי־שע ישובים אין איראָפּע. עס איז ניט קיין גוזמא ווען מען זאָגט אַז קיין שום אידישער גלות־ישוב (מיטן אויסנאַם פון בבל) האָט ניט געשפּילט אַזאַ אַנטשיידנדיגע ראָלע אין דער אידישער געשיכטע ווי דער ישוב פון פוילן. אָבער פוילן איז ניט נאָר דאָס אַזוי־גערופענע עטנאָגראַפישע פוילן, נאָר די באַדייטנדיגע טיילן פון מזרח־ און מערב אוקראַינע און פאַר דער ערשטער צעטיילונג (1772) אַפילו דרום־אוקראַינע.

מען האָט זיך ביי אונז ביז צום היינטיגן טאָג ניט אָפּגעגעבן קיין חשבון וועגן דער גורל'דיגער ראָלע, וואָס דער אוקראַינער איד האָט געשפּילט אין אידישן לעבן במשך פון די לעצטע 400 יאָר.

דאָס אוקראַינער אידנטום איז ניט נאָר בלויז אַ געאָגראַפישער באַ־גריף. ס'איז פיל מער. עס איז ניט בלויז דער אידיש־אוקראַינישער אָפּ־שטאַם פון דער גאָרער וועלט. ס'איז דער רוקנביין וואָס האָט געשאַפן דאָס רוסישע אידנטום. אין אוקראַינע איז טאַקע געווען קאָנצענטרירט דער גרעסטער און לעבעדיגסטער טייל פון רוסישן אידנטום פאַר אַ סך דורות.

דאָס קאַפּיטל אידן אין אוקראַינע געהערט צו די וואונדערלעכסטע קאַפּיטלען פון דער אידישער געשיכטע.

מיר רעדן וועגן פוילן אַלס גייסטיגער צענטער פון אידנטום אָבער דער אוקראַינער איד איז מער פאַרבונדן מיט גשמיות ווי מיט רוחניות, מיט ערדישקייט ווי מיט גייסט. אפשר נעמט זיך עס פון דעם וואָס וואָס די ערשטע אידן, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין אוקראַינע האָבן זיך גענומען צו ערד־אַרבעט.

אַן אינטענסיווע אידישע קאָלאָניזאַציע אין די מזרח־געביטן פון פוילן, וואָס מען רופט אָן אוקראַינע, האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט ערשט אין שפּעטן 16־טן יאָרהונדערט, אָבער די קאָלאָניזאַציע גופא האָט זיך נאָך אָנגעהויבן אין 14־טן יאָרהונדערט.

עס זיינען קאָלאָניזירט געוואָרן וואָלין, פּאָדאָליע און טשערניגעווער און פּאָלטאַווער געגנט און באַלד זיינען אַנטשטאַנען אידישע ישובים אויך אין די שטעט. אין וואָלין אָבן מיר קהלות אַזוי פרי ווי אין 15־טן יאָרהונדערט, כּאָטש זייער בלי־פּעריאָד האָט זיך אָנגעהויבן אין 16־טן יאָרהונדערט. אַזוי ווערן שוין דערמאָנט דורך די היסטאָריקער די שטעט לוצק (1409), קרע־מענעץ, אָסטרע (1447), אין וואָלין. און אין פּאָדאָליע באַר (1550); סאַ־טאַנאָוו (1565) און אין מערב־אוקראַינע אָדער ווי מען האָט עס גערופן רויטרייסן (לעמבערג שוין אין 1356 און בראָד 1588).

דער גרעסטער טייל אָבער פון די קהלות, וואָס זיינען חרוב געוואָרן אין 1648, זיינען אויפגעקומען אַ סך שפּעטער.

אין דער תקופה פון 1570 ביז 1630 קומט פאָר די לעצטע אידישע עמיגראַציע אין די מזרח־טיילן פון אוקראַינע. עס שאַפן זיך נייע צענ־טערס. אמת, עס ווייזן זיך שוין שאָטנס פון רדיפות. אידן ווערן באַ־גרענעצט פון זייער רעכט דער עיקר אין קיעוו (אין יאָר 1623, זע גענוי וועגן דעם אין „גזירות ת״ח, ביבליאָטעק פון ייוו״אָ, ווילנע 1938). אָבער עס איז נאָך ווייט צו דער קאַטאַסטראָפע פון דער כמעלניטשינע וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו דעם בליענדיגן אידישן קיבוץ אָבער איז אים ניט געווען בכח אויסצערייסן מיט די וואָרצלען.

דאָס גייסטיגע געשטאַלט פון דעם אוקראַינער אידן אין 16־טן יאָרהונדערט

אין זיין ספר „יון ומצולה" גיט נתן נטע האַנאָווער אַזאַ פאַרביג בילד פון אידישן לעבן אין אוקראַינע. ער פאַראידעאַליזירט שטאַרק דעם פרו־מען לעבנס־שטייגער, דאָס לומדות און די אויפפירונג פון די אידישע וועדים (קאָמיטעטן). „ס'איז קיין שיעור און קיין גרענעץ ניט געווען צו גמילת־חסדים אין דער פוילישער מדינה (אוקראַינע) אין הכנסת אורחים, אין הכנסת כלה, און אויך אין דין". האַנאָווער באַשרייבט גענוי דאָס אָרגאַני־זירטע קהלה־לעבן. ער האַלט אַז די אידישע קהלות אין אוסטרע, וואָלין, לעוואָוו (לעמבערג), אין רויט רייסן (מערב־אוקראַינע) זיינען געווען מוס־טערן פאַר דערהויבענע פאָרמען פון סאָציאַל־עטישן צוזאַמענלעבן. אויך וועגן די אידישע קהלשע אינסטיטוציעס פון די חברות ביז צו די וועדים באַשרייבט ער מיט באַגייסטערונג ווי מוסטערן פון צדקות און קדושה. „אין

איטלעכער קהלה זיינען געווען ממונים אויף וואָג און מאָס און אויף געשעפטן, כדי אַלע זאָלן זיך פירן מיטן אמת'ן וועג". עס איז קיין שום ספק ניט אַז ערטערווייז ראָמאַנטיזירט ער צופיל. עס זיינען געווען גענוג שאָטנזייטן אין אידישן לעבן אין אוקראַינע, באַזונדערס אין סאָציאַלן לעבן. שוין האַנאָווער אַליין ווייזט אָן אויף איין אָרט, אַז „דאָס אומגליק איז געקומען פון די אידישע תקיפים" (זע „יון ומצולה", איבערזעצט פון לאַטצקי בערטאָלדי, ווילנע, 1938, זז. 10). אָבער דאָך איז דער קאַפּיטל אין וועלכן ער באַשרייבט דאָס לעבן פון אידן אין די גרעסטע אוקראַינער קהלות פאַר די 1648־געשעענישן, אַ ליכטיג בילד וועגן די פּאָזיטיווע סאָציאַלע ווערטן און גייסטיגן סדר פון אוקראַינער אידנטום אין 16־טן יאָרהונדערט.

דער ערשטער גרויסער מאַרטיראָלאָג
גזירות ת"ח

עס איז נאָך עד היום ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן קיין גענויע סטאַטיסטיק וועגן דער צאָל קרבנות, וואָס זיינען אומגעקומען אין דער תקופה פון כמעלניצקי־אויפשטאַנד געגן פוילן. פאַרשיידענע קוואַלן גיבן אָן פאַרשיידענע ציפערן. אַזוי ווערט אין ספר „טיט היון" אָנגעגעבן אַז 700 קהלות זיינען חרוב געוואָרן און 670 טויזנט אידן זיינען אומגעבראַכט געוואָרן; מנשה בן ישראל רעכנט אויס, אין אַ בריוו צו אָליווער קראָמוועל, (זע דאָס ייוו"אָ בוך „גזירות ת"ח", אין אַריינפיר פון דר. י. שאַצקי) אַז אין יענע געשעענישן זיינען אומגעקומען 180 טויזנט אידן. שווער זיך צו אָריענטירן אין די ציפערן, אָבער איין זאַך איז היסטאָריש פעסטגעשטעלט געוואָרן: דער מאַרטיראָלאָג פון אוקראַינער אידנטום אין 1648 איז אַ האַרצרייסנדיקער. דער קדוש־השם פון די כמעלניצקי־צייטן איז אויך איינער פון די שטראַליגסטע קאַפּיטלען אין דער אידישער געשיכטע און קאָן פאַרגליכן ווערן מיט די קדוש־השם ביישפּילן פון אונזער צייט, ווי דער אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ און אַנדערע געטאָס אונטערן נאַציזם.

באַגדאַן כמעלניצקי'ס קאָזאַקישע חיילות האָבן זיך אַרויסגעלאָזט קעמפן אין נאָמען פון דער פּראַוואָסלאַוונער קירך געגן באַצווינגערישן קאַטאָליציזם, און אין נאָמען פון די אוקראַינער אונטערדריקטע מאַסן געגן די פוילישע פּריצישע שליאַכטעס.

דער קדוש־השם פון די „גזירות ת"ח"־קהלות, באַר, נעמיראָוו און טולטשין איז פאַרהייליגט אין דער אידישער געשיכטע און איז איינגעוויקלט אין טראַגישער און הייליגער גלאָריע.

הגם אַלס רעזולטאַט פון די געשעענישן איז געקומען אַ גרויסע עקאָנאָמישע ירידה פון אידן אין אוקראַינע און אויך אַן עמיגראַציע פון אוק־

ראַינער אידן קיין דייטשלאַנד, האָלאַנד און איטאַליע, איז אָבער איין זאַך זיכער: קיין מאַסן־עמיגראַציע איז דאָס ניט געווען. מען קאָן רעדן פון טויזנטער אידן, בשום אופן ניט אָבער פון צענדליגער טויזנטער.

דאָס פאָלק איז געבליבן אין דער אַלטער היים און האָט זיך צוריק גענומען צו די אַלטע פּרנסות.

„אַלץ איז געווען ווי פריער" — אַזוי מיינט די אוקראַיניש היסטאָרי־קערן, אָבער ניט „אַלץ איז געווען ווי פריער", האַלט די אידישע געשיכטע. די טראַגישע תקופה פון 1648 האָט געבראַכט אַ נייעם רעליגיעז־סאָציאַלן רענעסאַנס אין אידישן לעבן, די באַוועגונג פון חסידיזם.

אוקראַינע — דאָס וויגעלע פון חסידיזם

אַט די גרויסע רעליגיעזע באַוועגונג אויף אַ סאָציאַלן הינטערגרונט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער אוקראַינע אין מיטן 18־טן יאָרהונדערט האָט זיך דערנאָך פאַרשפּרייט אין אַלע לענדער פון מזרח־אייראָפּע.

די צרות, וואָס די אידישע מאַסן זיינען אויסגעשטאַנען אין אוקראַינע פון מיטן 17־טן יאָרהונדערט (וועגן גזירות גאַנטע, זע וויטער), האָבן געבראַכט צו אַ שטאַרקער ירידה אין זייער ווירטשאַפטלעכן און גייסטיגן לעבן. דער איד האָט אויף זיך געטראָגן אַ פיל־פאַכיגן יאָך: אין שטאָט — פון דעם קריסטלעכן מאַגיסטראַט, פון די הענדלער, גילדן און האַנטווערקער־צעכן; אין דאָרף — פון דעם פּריץ דער גוט באַזיצער, וואָס האָט דעם אידישן אַרענדאַר געמאַכט פאַר אַ פאַרמיטלער צווישן זיך און דעם פאַרקנעכטן פּויער און דערמיט פאַרשטאַרקט די שנאה פון דער פּויערים־מאַסע צו אידן בכלל. אַפילו אין דער אידישער קהלה איז אויך דער מאַסן־מענטש געווען געדריקט פון זיינע אייגענע אויבערשטע שיכטן. דער קהל, ד. ה. די קהלה־פאַרוואַלטונג איז געווען אַן אָליגאַרכיע פון גבירים און לומדים, וואָס פאַר זיי איז דער פּשוט׳ער איד דער „עם־הארץ", געווען נאָר אַן אָביעקט פאַר צאָלן שטייער און האָט אין קהלה־ענינים קיין שום דעה ניט געהאַט. ניט וויניגער שווער איז געווען דער גייסטיגער יאָך, וואָס דער איד האָט געטראָגן אונטער דער הערשאַפט פון די רבנים. ווער ס׳האָט ניט געקענט לערנען גמרא און פּוסקים האָט זיך גערעכנט פאַר אַ האַלבן גוי. למדנות האָט מען געשטעלט נאָך העכער פאַר פרומקייט. דער דורכשניט־מענטש, וואָס איז געווען פאַרנומען מיט דאגות פּרנסה, האָט זיך ניט געקאָנט אָפּגעבן מיט לערנען און האָט געפילט, אַז ער איז אין דער קהלה עפּעס ווי אַ מיטגליד פון צווייטן ראַנג, אַ קליין מענטשעלע, וואָס דאַרף זיין אונטערטעניג דעם רייכן און געלערנטן.

געגן דעם דאָזיגן גייסטיגן דרוק איז אַרויסגעטראָטן די חסידישע באַ־

וועגונג. איר באַגרינדער איז געווען אַן אוקראַינישער איד, אַ געבוירענער אין אַ דאָרף צווישן די קאַרפּאַטן, וואָס האָט שפּעטער געוואוינט אין דער שטאָט מעזשביזש, פּאָדאָליע. געהייסן האָט ער ר׳ ישראל בעל־שם אָדער בעש״ט (ראשי־תיבות פון בעל־שם־טוב), אַ „גוטער איד״, וואָס שפּרעכט אָפּ עין־הרע און היילט אויס קראַנקהייטן מיט פאַרשיידענע קרייטעכצער. דער עולם, וואָס האָט זיך אָנגעהערט פון זיינע „מופתים״ פלעגט צו אים קומען בעטן וועגן רפואות און עצות, ווייל מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ הייליגן מענטשן. ער האָט אָבער געוואָלט היילן ניט דעם גוף אַליין, נאָר אויך די נשמה: מיט פייערדיגער תפילה, מיט פרומע דרשות, מיט באַלערונגען ווי צו לעבן אויף דער וועלט. דער בעל־שם האָט צוגעפּאַסט די אַלטע אידישע מיסטיק, די קבלה, צו די באַגריפן פון פּשוט׳ן פאָלק. גאָט איז אומעטום, אין אַלע זאַכן און אַלע געדאַנקען פון דעם מענטשן, און דער מענטש קאָן ווירקן אויף גאָט׳ס ווילן מיט זיינע מעשים. ניט דאָס לערנען תורה און טאָן מצוות איז דער עיקר, נאָר זיין צוגעבונדן צו גאָט מיטן גאַנצן האַרצן, אַזוי ווי אַ קינד צום פאָטער, דאַווענען מיט אַ „ברען״ (התלהבות), אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר גאָט און האָבן שטענדיג גאָט פאַר די אויגן. אַ פּשוט׳ער איד, אַן „עם־הארץ״, וואָס דאַוונט מיט כוונה, איז ביי גאָט טייערער ווי דער גרעסטער למדן, וואָס לערנט גמרא צוליב כבוד אָדער געלט. ווער ס׳פירט אַזאַ פרום לעבן, איז אַן אמת׳ער חסיד, ווער ס׳דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון פרומקייט אָדער הייליגקייט, איז אַן אמת׳ער צדיק. ניט אַלע קאָנען אָבער שטענדיג טראַכטן וועגן גאָט, ווייל מען איז דאָך פאַרטראָגן אין דאגות פון עולם הזה; דעראיבער מוז דער צדיק זיין דער פאַרמיטלער צווישן פּשוט׳ן חסיד און גאָט. אין דעם זין איז באַשטאַנען די דעמאָקראַטישקייט פון דער נייער תורה; דער צדיק דאַרף שטיין נעענטער צום פאָלקס־מענטשן איידער צום רב, דער למדן. נאָכן בעל־שם׳ס טויט אין 1760 האָבן זיינע תלמידים זיין תורה ווייטער אַנטוויקלט און פאַרשפּרייט. דער „גרויסער מגיד״ ר׳ בער פון מעזעריטש אין וואָלין האָט צוגעצויגן אַ סך לומדים צו דער נייער לערע, וואָס ער פלעגט זאָגן אין פאַרזאַמלונגען. דער רב פון פּאָלאָנאַ, ר׳ יעקב יוסף הכהן, האָט אריינגעשטעלט אין זיינע ספרים (תולדות יעקב יוסף און אַנדערע) אַלץ וואָס ער האָט געהערט פון זיין לערער, דעם בעש״ט, און האָט צוגעגעבן זיינע אייגענע חסידישע געדאַנקען. ער האָט באַזונדערס שטאַרק פּאָלעמיזירט מיט די רבנים פון אלטן שטייגער און האָט זיי אָנגערופן „אידישע שדים״. אַזוי האָט זיך די חסידישע לערע און די חסידישע באַוועגונג פאַרשפּרייט אין אוקראַינע. פאַרשיידענע דינאַסטיעס און פאָלקס־רביים אין פאַרשיידענע פּאָדאָליער, וואָלינער און קיעווער שטעט און שטעטלעך, ווי ר׳ פּנחס קאָריצער, ר׳ נחום טשערנאָבילער הויף; ר׳ נחמן בראַסלאַווער, דער רבי און

קינסטלער, וואָס האָט געשאַפן אַן אייגנאַרטיגע סעקטע פון חסידים, וועלכע מען רופט די „טויטע חסידים" און וועמענס קבר געפינט זיך עד היום אין דער אוקראַינער שטאָט אומאַן; ר' ברוך מעזשביזשער, דעם בעל־שם'ס אַן אייניקל; ר' אברהם יהושע העשיל אַפּטער, דער פאָטער פון דער זינקעווער דינאַסטיע; ר' לייב, דער „שפּאָלער זיידע", אַ פאָלקס־צדיק, און ר' ישראל ריזשינער, דער פאָטער פון דער באַרימטער סאַדיגערער דינאַסטיע.

פון אוקראַינע האָט זיך דער חסידיזם פאַרשפּרייט אין אַלע לענדער מיט גרעסערע אידישע ישובים.

די לעצטע יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אין חסידיזם פאָרגעקומען אַ ירידה. דער דעמאָקראַטישער תוך פון די ערשטע חסידישע פירער אין אוקראַינע איז פאַרשוואונדן און זיין אָרט האָט פאַרנומען אַ נייע היעראַרכיע פון צדיקים וואָס האָבן געפירט רייכע הויפן און האָבן געהאַנדלט מיט חסידות.

דאָך האָבן זיך נאָך געפונען געציילטע חסידישע טיפּן וואָס האָבן פאַרמאָגט די אַמאָליגע חסידישע גאַנצקייט, עטישקייט און גלויבן. דאָס זיינען געווען אַזעלכע טיפּן ווי ר' שלום ברעזנער, ר' דוד הירש טשערניגעווער און זיין זון ר' מענדעלע ניעזשינער וואָס האָבן זיך געווידמעט דער כלל־ישראל אַרבעט און האָבן אויפגעלעבט דעם געפיל פון אהבת ישראל.

די גזירות גאָנטא

די אידישע מאַרטיראָלאָגיע אין אוקראַינע האָט זיך ניט געענדיגט מיט די 1648 געשעענישן. אַ אידישער כראָניקער פון אַ שפּעטערדיגער עפּאָכע, האָט שטיצנדיג זיך אויף דער פאַרגאַנגענהייט און אפשר מיט אַן אויג אויף דער צוקונפט, געשריבן: „אויף די פעלדער פון דער זאַפטיגער ערד פון אוקראַינע וואַקסט צוגלייך מיט תבואות, גראָז און בוימער, דער גרויסער אידישער קדוש־השם".

אין יאָר 1768 האָט די שטאָט אומאַן פאַרשריבן אַ ניי־מאַרטירער־קאַפּיטל אין דער אידישער געשיכטע. איוואַן גאָנטא האָט דאָרט אומגעבראַכט עטלעכע טויזנט אידן. צו דעם אָנדענק זיינען דאָרט אַפילו געשאַפן געוואָרן ספּעציעלע סליחות — די „גזירות אומאַן", וואָס די אומאַנער אידישע תושבים פלעגן זאָגן איינמאָל אַ יאָר. די גאַנצע שחיטות האָבן זיך פאַרשפּרייט אין נאָך אוקראַינישע שטעט, אַפילו אין לעמבערג.

די אַלטע כראָניקס וועגן גאָנטעס שחיטות אין אומאַן דערציילן וועגן די אידישע מאַרטירער, וואָס זיינען געגאַנגען שטאַרבן מיט אַזאַ גליענדער רעליגיעזער ליידנשאַפט און ריינקייט, וואָס האָט זיך שפּעטער ווידערהאָלט אין די צייטן פון די באַרימטע פּעטליורא און קאָלטשאַק פּאָגראָמען פון 1919 און אין אונזער צייט, אין ווידערשטאַנד געגן די נאַציס אין אוקראַינע.

דער אָנהויב פון השכלה אין אוקראַינע

אין דעם פּרצוף־פּנים פון אוקראַינע, וואָס איז געווען דאָס וויגעלע פון חסידות האָט זיך אין 19־טן יאָרהונדערט אָריינגעקאָרבט אַ שטריך פון וועלטלעכקייט. אין דער וואָלינער שטאָט קרעמענעץ האָט ביים אָנהויב פון דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט געוואוינט דער „רוסישער מענדעלסאָן", יצחק בער לעווינסאָן, דער פאַרפאַסער פון „תעודה בישראל" — „די מיסיע פון אידן", וואָס איז געווען דער וועג־ווייזער פון די רוסיש־אידישע משכילים.

דורות אין וואָלין זיינען געווען איינגעוויגט אין גוט־אידישקייט, אויס־געוויקט אין חסידישער אמונה און פריידן, ברייטהאַרציגקייט, יראת־שמים און בטחון אין גאָט און גרייטקייט אויף קדוש־השם. איז געקומען דער 19־טער יאָרהונדערט און אָנגעהויבן איינברעכן די אַלטע אידישע היימען אין די פלאַמען פון דער השכלה. אין וואָלין האָט די השכלה געמאַכט די ערש־טע טריט. דער פּיאָנער פון דער השכלה איז געווען יצחק בער לעווינסאָן. ער איז געווען אַ נאַציאָנאַלער רעפאָרמער, וואָס האָט געהאַלטן אַז די השכלה דאַרף זיין אַ געזונטער פאָלקסטימלעכער איבערבראָך. ער האָט געפּריידיגט, אַז אידן זאָלן זיך באַזעצן אויף ערד־אַרבעט און זיך נעמען צו מלאכה. לע־ווינסאָן איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אָנגעהויבן די השכלה־עפּאָכע אין אוקראַינע. די משכילים וואָס זיינען געקומען נאָך אים, געהערן שוין צום קאַפּיטל געשיכטע פון דער העברייאישער און אידישער ליטעראַטור אין אוקראַינע.

באַרימטע רבנים אין אוקראַינע

די צווי שטאַרקסטע ריכטונגען אין אוקראַינער אידנטום דורך די לעצ־טע הונדערט יאָר זיינען געווען חסידות און השכלה. פאַר קיין גרויסן מקום־תורה האָט מען אוקראַינע ניט געהאַלטן. קיין גרויסע ישיבות זיינען דאָרט ניט געווען. דאָך זיינען ניט ווייניג נעמען פון באַרימטע רבנים פאַרבונדן מיטן אידישן לעבן אין אוקראַינע אין די לעצטע פופציג יאָר, ביז דער גרויסער רעוואָלוציע אין 1917. די רבנים האָבן שטאַרק באַאיינפלוסט דאָס קהלה־לעבן און אָנגעפירט מיטן אידישן לעבן בכלל.

די אויטאָריטעט פון די רבנים מחוץ זייערע קהלות איז ניט געווען אָפּ־הענגיג פון דער גרויסקייט פון דער קהלה, אין וועלכער דער רב האָט גע־ווירקט, נאָר פון זייער לומדות און מידות. אָפט האָט דאָס וואָגיגסטע וואָרט געהערט צו אַ גאון אַ רב אין אַ קליין שטעטל. אַזוי איז דער באַרימטער גאון און קאָמענטאַטאָר פון תנ"ך, ר' מאיר לייבוש מלבים געווען רב אין קרעמענטשוג, פּאָלטאַווער גובערניע. דער גאון ר' לייבוש באַלכאָווער וואָס איז געווען אָנערקענט פאַר איינעם פון די גרעסטע אויטאָריטעטן אויפן גע־

ביט פון דער הלכה, איז געווען רב אינעם קליינעם וואָלינער שטעטל זאַס־לאַוו. אַנדערע גאונים וואָס האָבן דערגרייכט אַ גרויסע באַדייטונג צוליב זייער טיפן וויסן און חבורים און אויך צוליב זייער כלל־טוערײַ, זיינען געווען: ר' יוסף טאַמאַרקין, קרעמענטשוגער רב, ר' אברהם דוד לאַוואוט פון ניקאָלאַייעוו, ר' אליהו עקיבא ראַבינאָוויטש, רב פון פּאָלטאַווע, אַ באַוואוסטער קעמפער פאַר עקסטרעמער אָרטאָדאָקסיע. ר' שמחה ביק, פון מאָהילעוו־פּאָדאָלסק, וואָס האָט גע׳שמ׳ט איבער גאַנץ אוקראַינע מיט זיין גאונות, צדקות און אויטאָריטעט און וועמען ליטוואַקעס האָבן געזאָגט אַז ער קאָן לערנען . . . ר' נחום ווייסבלאַט, קיעווער רב, באַקאַנט אַלס „דער מאַלינער גדול"; ר' יצחק'ל ביק פון מאָהילעוו־פּאָדאָלסק, אַ רב פון דער פּאָלקס־מאַסע און אַ דעפּוטאַט צו דער דומע; זיין זון ר' שאול ביק, מעזשביזשער רב, פאַרפאַסער פון ווערק „יד שאול"; ר' משה נחום ירושלימסקי פון קאַמינקע; ר' דוד אורטינבאַרג פון בערדיטשעוו, אַן אינטערעסאַנטער טיפּ אין נסתר׳ס ווערק „משפחה מאַשביר"; ר' שלמה הכהן אהרנסאָן, קיעווער רב, אַן אינטערעסאַנטע פיגור אין רוסישן אידנטום. ער איז געווען אַ חבד׳ניק און אַ גרויסער ציוניסט און האָט אין זיך פאַרקערפּערט וועלטלעכע בילדונג און לומדות. די לעצטע יאָרן איז ער געווען הויפּט־רב אין תל־אביב.

די לעצטע פופציג יאָר אונטערן צאַריזם

אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט האָט זיך אין אוקראַינע איינגעשטעלט אַן אייגנאַרטיגער לעבנס־נוסח. די גרויסע מאַסע אידן אין אוקראַינע איז געווען ווי אַ בונטע מאָזאַאיק, צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשיידענע ריכטונגען. אַדעס איז געווען דער צענטער פון השכלה, חבת ציון און שפּעטער, פּאָליטישן ציוניזם. בערדיטשעוו פון חסידות און מיטלקלאַס; די „עכט־רוסישע שטאָט" קיעוו איז אַלץ מער פאַראידישט געוואָרן. עס האָט אויסגעזען ווי אויף צו להכעיס דער צאַרישער מאַכט, וואָס האָט ניט געוואָלט פאַראידישן די „הייליגע שטאָט קיעוו", איז קיעוו געוואָרן אַ שטאָט פון תורה און גדולה. יאָ, נאָך פאַר דער צאַרישער מאַכט, ווען גאַנץ רוסלאַנד איז געווען די אימפּעריע פון פּאָגראָמען, איז אוקראַינע געוואָרן אַ צענטער פון וואַגנדיגן אידישן אונטערנעמונגס־גייסט און פון אַ פאַרוואָרצלטן אידישן קולטור־לעבן.

דאָס קאַפּיטל אידן אין אוקראַינע נאָך דער רעוואָלוציע גייט ניט אַריין אין די ראַמען פון אונזער אַרבעט.

זאָל עס היטלער׳ן האָבן געלונגען צו פאַרניכטן דעם פיר־הונדערט־יעריגן אידישן סך־הכל אין אוקראַינע? פאַר קיין פאַל ניט. אַ ניי טראַגיש קאַפּיטל, דאָס בלוטיגסטע קאַפּיטל איז צוגעקומען צום מאַרטיראָלאָג פון אוקראַינער אידנטום. דאָס בלוט האָט געפלאָסן, די וואונט זיינען אינגאַנצן איינגעפאַלן, אָבער דער יסוד לעבט — בלייבט לעבן.

פאָגראָמען אין אוקראַינע

פון מאַקס פערלאָוו



אינם איצטיגן גרוילעכן מאָמענט אין אידישן לעבן, ווען די גרויסע טראַגעדיע פון אידישן פאָלק ווערט אַלץ בולט׳ער אַנטפּלעקט, ווען די גרויסע אַכזריות׳ן פון די נאַציס ווערן געוויזן אין די לובלינער קאַלך־אויוונס און אַנדערע אַזעלכע ערטער וואו מאַסן־קברים האָבן אַריינגענומען טויזנטער און טויזנטער אידישע קרבנות, לעבעדיג־באַגראָבענע, יונגע און אַלטע, פרויען און מענער — אין אַזאַ מאָמענט איז זייער שווער צו ריידן וועגן די ליידן וואָס די אידן האָבן דורכגעמאַכט אין די פאָגראָמען פון פעטליורע און זיינע אַטאַמאַנען.

עס איז אָבער פאָרט וויכטיג אונטערצושטרייכן דעם פאַקט, דעם שרעקלעך־טרויעריגן אמת, אַז אין אַ משך פון 25 יאָר האָבן די אוקראַינער אידן דורכגעמאַכט צוויי מאָל אַט־די גרויסע טראַגעדיע פון הריגות, שחיטות, פאָגראָמען און אויסראָטונג.

עס איז אמת, אַז מיט די אַכזריות׳ן פון די נאַציס, מיט זייער פּראָגראַם פון אינגאַנצן פאַרניכטן דאָס אידישע פאָלק, און מיט זייער סיסטעמאַטישער און פולשטענדיגער פאַרניכטונג פון די אידן אין די ערטער וואו די נאַציס האָבן זייערע וויסטע ממשלה איינגעשטעלט, איז שוין אפשר אַנגענומען, אַז ס׳איז ניט נויטיג צו דערמאָנען די פריערדיגע שווידערן.

עס איז אָבער ניט אַזוי. עס וואָלט ניט געווען ריכטיג אָנצונעמען אַזאַ שטעלונג, ווייל מיר מוזן געדענקען, אַז דאָס אידיש פאָלק ווערט פון דורות לאַנג פאַרפאָלגט, אַז וואָס ווייטער ווערט עס אַלץ שרעקלעכער און טרויעריגער, אַז אין איינע 25 יאָר זיינען מיר אויסגעשטאַנען צוויי אַזעלכע „בעסטיאַלישע" אָנפאַלן, אַז אידן־האַסער און פאָגראָמשטשיקעס געפינען זיך נאָך איצט אין פילע לענדער און אַז דערפאַר דאַרף דאָס אידיש פאָלק טאָן אַלץ צו העלפן געווינען אַט־די מלחמה געגן פאַשיזם און קעמפן פאַר אַזאַ שלום וואָס וועט אוממעגלעך מאַכן די ווידערהאָלונג פון אַזעלכע טראַגעדיעס.

⁂

עס איז ניט זייער גרינג צו רעדן בלויז וועגן די פאָגראָמען אין אוק־

ראַינע אין די יאָרן 1918-1919, ווייל פּאָגראָמען זיינען דאָך דעמאָלט פאַרגעקומען אין פיל אַנדערע טיילן פון אַרום אוקראַינע ווי ווייס־רוסלאַנד, פוילן און אַנדערע ערטער און אַזעלכע פּאָגראָמשטשיקעס ווי דעניקין, די מאַכנאָבאַנדעס און אַנדערע האָבן דאָך אויך געהאַט אַ חלק אין די אוקראַינער פּאָגראָמען.

עס מוז אָבער פעסטגעשטעלט ווערן אַז פון די העכער פערצן הונדערט פּאָגראָמען וואָס זיינען אין יענע יאָרן פאָרגעקומען, זיינען צוועלף הונדערט און 85 פאָרגעקומען אין אוקראַינע.

ווען מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן אַן אונטערזוכונג אין רוסלאַנד וועגן די פאָרגעקומענע פּאָגראָמען אין 1918-1919, זיינען פופציג טויזנט פון די אַכציג טויזנט אַריינגעקומענע קלאַגעס געווען פון אוקראַינער אידן.

עס טאָר אָבער פאַר קיין פאַל ניט אָנגענומען ווערן, אַז דאָס איז געווען די צאָל געליטענע פון פּאָגראָמען אין אוקראַינע. עס זיינען נאָך געווען טויזנטער און טויזנטער וואָס האָבן אפילו קיין נאָמען ניט איבערגעלאָזט וואָס זאָלן קאָנען אָט־די אָנקלאַגעס אַריינברענגען, און וויפיל פון די געליטענע האָבן אינגאַנצן ניט אַריינגעשיקט קיין אָנקלאַגעס? היינט דאַרפן מיר דאָך ניט פאַרגעסן יענע טיילן פון אוקראַינע וואָס זיינען אַריבערגעגאַנגען אין פּוילישע הענט נאָכן אַזוי־גערופענעם אויסגלייך צווישן פוילן און רוסלאַנד און אין יענע ערטער זיינען דאָך קיין אונטערזוכונגען ניט געמאַכט געוואָרן . . .

איידער פּעטליורע האָט אָנגעהויבן בושעווען מיט זיין באַנדע, האָט אַ שטיקל צייט געהערשט אין אוקראַינע העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי. אָט־דער העטמאַן איז עס אַרויפגעזעצט געוואָרן מיט דער הילף פון די דייטשן, וועלכע האָבן אין 1918 אָקופּירט אוקראַינע. אָט דער העטמאַן שטאַמט פונם יחוס פון דעם העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי פון 1721, וועלכער האָט פאַרפאָלגט אידן און געוואָלט אַז זיי זאָלן זיך שמד'ן.

אין דער קורצער צייט וואָס די סאָוועטן האָבן געהאַלטן די מאַכט אין אוקראַינע איז געגעבן געוואָרן נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע צו אַלע נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן, ווי אויך צו אידן, און עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַן אָפּטיילונג פאַר אידישע אָנגעלעגנהייטן אין דער רעגירונג פון דער אוקראַינישער רעפּובליק. העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי האָט דאָס אָבער צונישט געמאַכט.

די אוקראַינער האָבן זיך זייער פיל אָנגעליטן אונטער דער הערשאַפט פון סקאָראָפּאַדסקי. ער האָט צוריק אויפגעשטעלט די פּאָמיעשטשיקעס, וועלכע איז פאַרטריבן געוואָרן פון די סאָוועטן. די פריצים האָבן זיך נאָך מיט מערער חשק צוגעכאַפּט צו די אָרימע פויערים און זיי אונטערדריקט מיט אַן

אייזערנער האַנט, געשלעפּט פון זיי די ציינער און געשלאָגן מכּת רצח. אַט אין יענע פּאָר יאָר האָבן די פּויערים אין פיל ערטער רעוואָלטירט. עס דערמאָנט זיך מיר אַן אינצידענט אין דעם שטעטל דאָמבראָוויץ, וואָלינער גובערניע, וואו די פּויערים האָבן זיך צוזאַמענגענומען און אַוועקגעמאַרשירט אויפן „הויף". דאָרטן זיינען געוועזן פּערצן פּערזאָן, דריי זין פונם גראַף, זייערע אונטערשטופּער, און עטלעכע היידאַמאַקעס. די פּויערים האָבן געפּאָדערט אַז זיי זאָלן זיך אונטערגעבן. יענע זיינען אָבער געווען איינגעשפּאַרט, האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט און פון אינווייניג אָנגעהויבן שיסן אויף די פּויערים. דער סוף איז געווען אַז די פּויערים האָבן אונטערגעצונדן דעם פּאַלאַץ. דער שטיקנדיגער רויך האָט זיי געצוואונגען אַרויסצוקומען. עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. פיל פון די פּויערים זיינען שוין געווען געפאַלן פון די פּריצישע קוילן און דער פאַרביטערטער רעוואָלטירנדיגער המון האָט דערשאָסן די פּריצים און זייערע אַרויסהעלפער.

אַט אַזעלכע אויפשטאַנדן און אויפברויזן זיינען דעמאָלט פאָרגעקומען אין פילע טיילן פון אוקראַינע.

דערפאַר זיינען פיל מענטשן פאַרנאַרט געוואָרן פון פּעטליורע'ס רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען. ער איז דאָך אַרויסגעקומען פאַר אַן אומאָפּהענגיגער אוקראַינער רעפּובליק. ער האָט זיך דאָך אָנגעגעבן אַלס סאָציאַליסט.

ווי אַן אויסגעצייכנטןביישפּיל אויף ווי ווייט מען איז פאַרפירט געוואָרן פון זיינע רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען, קאָן איך ווידער אַמאָל נעמען טאַקע די זעלבע שטעטל דעמבראָוויץ. דאָרטן האָבן זיך געפונען צוויי באַוואוסטע פירער פון „בונד" מושער און פישמאַן. ווען פּעטליורע'ס שטאָב איז אָנגעקומען אויפן וואָקזאַל, האָט מען געשיקט נאָך אָט־די צוויי פירער, און אַ דריטן, מיטן נאָמען שוואַרץ. דאָס שטעטל האָט זיי געוואָרנט ניט צו גיין. די צוויי האָבן אַפילו ניט געוואָלט וואַרטן אויפן דריטן, וועלכער איז גראָד אין דער היים ניט געווען. וואָס הייסט? האָבן זיי געזאָגט, פּעטליורע איז דאָך אַ סאָציאַליסט. זיי זיינען יע געגאַנגען. צוריק זיינען זיי שוין אָבער קיינמאָל ניט געקומען. זייערע קערפּערס זיינען געפונען געוואָרן צווישן דאָמבראָוויץ און סאַרני . . .

עס איז כמעט ניט דורכגעלאָזט געוואָרן קיין שטאָט אָדער שטעטל אין אוקראַינע, וואו פּעטליורע האָט ניט גע'הרג'עט די אידן. עס זיינען פאָרגעקומען גרויסע פּאָגראָמען אין פּראָסקוראָוו, נאָוואָגראַד־וואָלינסק, זשיטאָמיר און קיעוו. אין זלאַטאָפּאָל, וואָלאָדאַרקע און ברוסילאָוו, קיעווער גובערניע; אין ברעזשנע, ליטין, פּאָדאָליער גובערניע; אין סלאָוויטע, אין ביעלאָ־צערקאָוו, אין אַוורוטש, און אין אומאַן; אין ראָוונע, דאָמבראָוויץ, סאַרני, און אין אַנדערע הונדערטער שטעט און שטעטלעך.

אָט זיינען דריי דערקלערונגען פון די געליטענע, לויט בערנאַרד לעקאַש׳עס בוך:

שרייבט איינער אַ זלאָטאָפּאָלער:

„. . . דעם ערשטן מאַי 1919 זיינען פּעטליורע׳ס באַנדעס באַפאַלן אונזער שטאָט, האָבן זי חרוב געמאַכט, געראַבירט און אונטערגעצונדן אַלע אידישע הייזער. כ׳בין מיט מיין פאַמיליע אַנטלאָפן קיין קיעוו. פּעטליורע האָט אונז נאָכגעיאָגט . . . זיי האָבן דער׳הרג׳עט מיין פאָטער, 68 יאָר אַלט, און מיין ברודער, 37 יאָר אַלט . . . ”

שרייבט אַ פרוי וועגן ברוסילאָוו, קיעווער גובערניע:

„. . . ס׳זיינען אָנגעקומען די פּעטליורעווצעס — מיין עלטערע שוועסטער, איר מאַן און זייערע פינף קינדער זיינען לעבעדיגערהייט פאַרברענט געוואָרן אין זייער אייגן הויז. מיין צווייטער שוואָגער, און צוויי קינדער זייערע האָבן די רוצחים דער׳הרג׳עט. מיין ברודער, זיין פרוי און זייערע צוויי זין האָבן די בעסטיעס בפועל־ממש געשאָכטן . . . ”.

און אָט איז נאָך איין דאָקומענט פון אַ אידן פון באַרטשאַנאָווקאַ, ניט ווייט פון בערדיטשעוו:

„. . . אין סעפּטעמבער 1919 האָבן זיך די פּעטליורעווצעס אַריינגעריסן צו אונז, האָבן דער׳הרג׳עט מיין פרוי און מיינע דריי קינדער און זיי אַריינגעוואָרפן אין פלאַמען. זיי האָבן מיר פאַרברענט אַלץ! מיין פרוי, וועלכע איז אַלט געווען אינגאַנצן 26 יאָר, מיינע צוויי טעכטערלעך, אין עלטער פון 9 און 7 יאָר און מיין בן־יחידל, וועלכער איז אַלט געווען 4 יאָר . . . זיי האָבן אויך דורך אַ שאָס פון אַ ביקס דער׳הרג׳עט מיין פאָטער 60 יאָר אַלט און האָבן אים אַריינגעוואָרפן אין פלאַמען, וואו זיי זיינען אינגאַנצן פאַרברענט געוואָרן, מיין ברודער, זיין פרוי און זייערע צוויי קינדער.”

אָט דאָס זיינען בלויז דריי באַשרייבונגען. עס זיינען פאַראַן אַזעלכע 50 טויזנט פון אוקראַינע אין די אַרכיוון אין רוסלאַנד. אַזוי דערציילט בערנאַרד לעקאַש אין זיין בוך „ווען דאָס פאָלק ישראל שטאַרבט”, איבערזעצט פון פראַנצויזיש.

נו, דאָס זיינען דאָך בלויזביישפּילן. מיר ווייסן דאָך וואָס עס איז פאָרגעקומען אין אַזאַ שטאָט ווי פּראָסקוראָוו מיט אַ אידישער באַפעלקערונג פון 20,000, וואו אין איין נאַכט זיינען דריי טויזנט אידן אויסגע׳הרג׳עט געוואָרען. די הרוגים האָט מען איבערגעפירט אויף פורן און געטראָגן אויף מיטות אויפן בית־עלמין און די קבורה פון די 3 טויזנט הרוגים האָט גענומען אַ וואָך צייט.

אָט אַזעלכע מאַסן־מאָרדן זיינען פאָרגעקומען אין זשיטאָמיר, אין קיעוו, אין נאָוואָגראַד־וואָלינסק און אין פיל, פיל אַנדערע שטעט און שטעטלעך.

עס דערמאָנט זיך מיר דער פּאָגראָם אין אָורוטש, וועלכן איך אַליין

בין בייגעווען. דאָרטן האָט געהערשט דער אטאמאַן קאַזימיר זירקאָ דער צוויי־טער. און אָט איז אַן אויסצוג פון איינער אַ באַשרייבונג אין 1926 „אונ־טער פּאָגראָמשטשיק פּעטליורע׳ס בעגל״.

„. . . און די אַנגרייפער זיינען אַריין אין שטאָט. ווען מיר האָבן זיי געזען דורכפאָרן מיט זייער נאַציאָנאַלער פאָן, האָבן מיר געדענקט אַז אַ מאַכט איז אָנגעקומען. זיי האָבן אָבער באַלד באַוויזן זייער מערדערישן פּנים: אינדערפרי, נאָכדעם ווי איך האָב דורכן פענצטער אַ קוק געטאָן און געזען עפּעס אַן אָפענע קראָם, בין איך אַרויסגעגאַנגען אין גאַס: די קראָמען זיינען אומעטום אויפגעריסן געוואָרן און די סחורות באַרויבט . . . אַ סך סחורה וואַלגערט זיך איבער די גאַסן . . . פרויען לויפן און שרייען מיט ביטערע יאָמערן און געוויינען: „מיינע קינדער!״ „מיין מאַן!״ — וואָס איז? פרעג איך — געה׳רג׳עט, געקוילעט, געראַבירט און געשענדעט . . .

„אַ האַלבער טאָג איז אַריבער און ווי אַ יאָר זיך געצויגן. ס׳קומען אָן אַזעלכע בשורות: „גע׳הרג׳עט אַ טאַטן מיט דריי זין״. . . „אַ טאַטן מיט צוויי זין״ . . . „אַ טאַטן מיט צוויי מיידלעך״ . . . א. אַ. וו. די שטאָט איז געוואָרן ליידיג פון מענטשן . . . די טירן און פענצטער זיינען אומעטום פאַרהאַקט. בלויז די פּעטליורעוועס בושעווען״ . . .

„. . . ביינאַכט האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן שיסערייען. די אויטאָמאָ־בילן שוועבן אַרום איבער די גאַסן. אָט זיינען זיי לעבן פּאָטשט, פון וואַנען זיי פאַרנעמען אַלץ . . . אָט זיינען זיי לעבן דובינסקי׳ס מויער . . . זיי קלאַפּן . . . שיסן אַריין אינווייניג . . . אָט איז שוין דאָרטן ליכטיג . . . מען טראָגט פון אַפּטייק, מען טראָגט די שטוב־זאַכן און מען פּאַקעוועט אין די אויטאָמאָבילן . . . ״.

„פרימאָרגן. כ׳קוק אַרויס דורכן פענצטער און באַמערק אַ רעדל אידן. כ׳גיי אַרויס אין גאַס: אין שטאָט איז איצט קיין מאַכט ניטאָ. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ רעדל מענטשן. דאָס רעדל איז באַשטאַנען פון 34 פּער־זאָן. פּלוצלינג האָבן זיך, ווי פון אונטער דער ערד, אַרויסגעריסן 4 פּעטליו־רעוועס מיט געווער אין די הענט. זיי האָבן געפאָדערט אַז מיר זאָלן מיט זיי מיטגיין צום סטאַנציע. מיר האָבן שוין פאַרשטאַנען, אַז נאָך קיין גוטס רופט מען אונז ניט. נאָר ווען מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו גיין, אַזוי האָבן זיך די באַנאַיקעס געקייקלט איבער אונזערע פּלייצעס . . . איך געדענק ניט ווי עס איז געשען, צי מען האָט אונז דורכגעפירט דורך אונזער גאַניק און איך האָב זיך אַריינגעכאַפּט אין שטוב, אָדער אויף אַן אַנדער אופן. דער פאַקט איז, אַז איך בין געווען צוריק אין הויז ווען מען האָט די אַנדערע אַוועקגעפירט״.

אויך ישראל דובינסקי׳ן, אונזער שכן, האָט מען אויפן וועג צוגענומען מיט די אַנדערע 33. זיין פרוי און קינדער גוואַלדעווען און שרייען . . .

פלוצלינג האָבן די וװענט אַ ציטער געטאָן. זעקס שאָסן האָבן זיך דערהערט...״
„ . . . די גאַסן זײַנען פֿאַרפּלייצט מיט די נאָענטע פֿון די הרוגים . . .
מען גייט באַטראַכטן ווי די הרוגים ליגן אײַנגעטונקט אין בלוט . . . אײנער אָן אַ האַנט, דער צווייטער אָן פֿיס, דער דריטער אָן אַ קאָפּ, דער פֿערטער אָן אַ שאַרבן — אַלע טויט! זיי ליגן אַלע צונויפֿגעוואָרפֿן אײנע אויף די אַנדערע — געטרייע ברידער געבליבן אַפֿילו נאָכן טויט . . . אָט איז די לויה פֿון אײנעם אָן אַלטן מאַן וואָס האָט זיך אין שטוב געוואָלט אַרײַנכאַפּן, בעת מען האָט זיי געפֿירט צום וואָקזאַל, און מען האָט אים מיט אַ שווערד אויפֿן אָרט דעם קאָפּ אַרונטערגענומען . . . אין דעם זעלבן מאָמענט קומט פֿאַר די לויה פֿון אַ צווייטן, וועלכן מען האָט אײַנגאַנצן ניט דער׳הרג׳עט און ער איז געשטאָרבן איפֿן בעט . . . צוויי לויות אײַנאײנעם . . . ״.

איך האָב געגעבן מײַן אייגענע ציטאַטע וואָס איז געשריבן געוואָרן מיט יאָרן צוריק, ווײַל איך האָב דאָס אַליין דורכגעלעבט און עס איז ניט מער ווי אַ בײַשפּיל וואָס עס האָט פּאַסירט אין הונדערטער אַנדערע שטעט.

אין אָוורוטש זײַנען געווען 90 דער׳הרג׳עטע און צוועלף הונדערט צעראַבירטע הײַזער.

⁂

עס האָט זיך דעמאָלט אָפּגעשלאָסן אַ טרויעריג קאַפּיטל פֿאַר די אוקראַינער אידן. נאָך אַ פֿיל ערגערער און מערער טרויעריגער קאַפּיטל האָט זיך איצט אָפּגעשלאָסן פֿאַר די אוקראַינער אידן. איצט איז אָבער די האָפֿנונג גרויס אַז זיי וועלן קאָנען בויען אַ נײַ לעבן, אַ לעבן אָן שרעק פֿאַר פּאָגראָמען, אַ לעבן פֿון פֿרײַע בירגער אין אַ פֿרײַ לאַנד.

אידן אין דער סאָוועטישער אוקראַינע

פון משה כץ

זייט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע פון 1917 איז שוין דורך 27 יאָר. אין אוקראַינע האָט זיך די סאָוועטישע מאַכט באַפעסטיגט ערשט אין מיטן פון יאָר 1920. די נאַציזשע בעסטיעס האָבן פאַרכאַפּט אוקראַינע אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1941. דאָס מיינט, אַז אוקראַינע פון פאַר דער מלחמה איז געווען סאָוועטיש 21 יאָר. אין די 21 יאָר האָט גאַנץ אוקראַינע געענדערט איר אויסזען, און אפשר נאָך מער ווי גאַנץ אוקראַינע האָט זיך געענדערט דער אויסזען, דער גאַנצער כאַראַקטער און די לאַגע פון דער אוקראַינער אידישער באַפעלקערונג.

אידן אין אוקראַינע פאַר דער רעוואָלוציע

פאַר דער רעוואָלוציע פון 1917 האָבן די אוקראַינער אידן געמעגט לעבן בלויז אין דער אַזוי־גערופענער רעכטברעגיגער אוקראַינע: אין קיעווער, וואָלינער, פּאָדאָליער און כערסאָנער גובערניעס, צווישן דעם דניעפּער און דעם דניעסטער. דער רייכערער און מער־אינדוסטריאַליזירטער מזרח־טייל פון אוקראַינע, וואָס געפינט זיך אויף דער לינקער זייט פון דניעפּער און שליסט אין זיך איין דעם רייכן דאָנעצער קוילן און אייזן־באַסיין מיט זיינע אינדוסטריען איז מיטן אויסנאַם פון טשערניגאָווער און פּאָלטאָווער גובערניעס פאַר אידן געווען פאַרבאָטן און האָט זיך געפונען אויסער תחום. דער רעזולטאַט פון דעם איז געווען, אַז די אוקראַינישע אידן האָבן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו באַטייליגן זיך אין דעם שנעלן אינדוסטריעלן וואוקס פון מזרח־אוקראַינע, אין אירע וואַקסנדיגע גרויסע אינדוסטריען, און זיי האָבן זיך געמוזט קאָנצענטרירן אין די ווייניגע גרעסערע שטעט און אין די מאַסע קליינע שטעטלעך פון דעם דעמאָלטדיגן מערב־טייל פון אוקראַינע, אַ לאַנד מיט ווייניג אינדוסטריען און מיט אַ סך ברויט און צוקער. דער אוקראַינישער ברויט און צוקער פלעגט אין גרויסע מאַסן אַרויסגעפירט ווערן קיין אויסלאַנד דורך אָדעס, ניקאָלאַיעוו און כערסאָן. קליינע אי־

דישע אויפקויפער פלעגן אַרויסקריגן דעם ברויט ביי די פויערים און ברענ־גען אין די שטעטלעך, גרעסערע מעקלער פלעגן אים צונויפקלייבן פון די שטעטלעך אויף די גרעסערע באַן־סטאַנציעס. און גרויסע מעקלער, אָדער „ברויט־קאָנטאָרן" פלעגן צונויפזאַמלען די תבואה אין די האַפנס און טראַנס־פּאָרטירן זי קיין אויסלאַנד.

אַרום דעם האַנדל און עקספּאָרט פון ברויט און צוקער האָבן זיך „געריבן", „געדרייט", געמאַטערט און געלעבט צענדליגער טויזנטער אוק־ראַיִנישע אידן אין די קליינע שטעטלעך און אין די גרעסערע שטעט. לויט דער צאָל זיינען זיי געוויס ניט געווען די מערהייט פון די אידן אין אוקראַי־נע. אויסער זיי האָט נאָך יעדער שטאָט און שטעטל פאַרמאָגט מאַסן קליינע באַלמעלאָכעס, קליינע קרעמער, מענטשן פון „אינטעליגענטע פּראָפעסיעס" און גלאַט לײדיגגייער, מנחם־מענדל׳ס, וואָס פלעגן לעבן פון נסים און וואַרטן אויף גליקן. אָבער דער האַנדל מיט ברויט, מיט צוקער, בכלל מיט די פּראָדוקטן פון דער רייכער אוקראַינער אַגריקולטור האָט באַשטימט דעם גרונט־כאַראַקטער פון דער אוקראַינער אידישער באַפעלקערונג. דעם טאָן האָט געגעבן דער האַנדלס־עלעמענט און דערהויבט דער, וואָס האָט פאַר־מיטלט צווישן שטאָט און דאָרף.

ווען גרויסע אינדוסטריען האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אויך אויפן רעכטן ברעג פון דניעפּער, האָבן זיי ווי אויסגעמיטן די אידן. ריכטיגער וועט זיין צו זאָגן: מען האָט צו זיי די אידן ניט צוגעלאָזן. די גרויסע שיף־בוי זאַוואָדן (שיפּ־יאַרדס) אין ניקאָלאַיעוו, דער ים־טראַנספּאָרט פון אָדעס, די מיין־אינדוסטריען פון קריוואָי־ראָג און ניקאָפּאָל, די גרויסע פאַבריקן פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס אין יעליסאַוועטגראַד, — זיי אַלע זיינען געווען געשלאָסן פאַר אידישע אַרבעטער, פּונקט ווי די קוילן־ראַיאָ־נען פון דאָנבאַס.

דער רעזולטאַט פון דער דאָזיגער האַנדלס־פאַרמיטלערישע אַנטוויק־לונג איז פאַר די אוקראַינישע אידן געווען זייער אַ טרויעריגער. ווען די ערשטע וועלט־מלחמה איז געקומען און דער נאָרמאַלער האַנדל איז פּונקט ווי די נאָרמאַלע פּראָדוקציע צעשטערט געוואָרן, האָט דער אידישער האַנדל אין אוקראַינע גענומען דעגענערירן אין ספּעקולאַציע, — ניט אַזוי אין פאַרקויפן די קליינע צאָל פאַראַנענע סחורות, ווי אין האַלטן זיי און וואַרטן, אַז זייערע פרייזן זאָלן זיך הויבן וואָס מער און מער. וואָס מער די פרייזן זיינען געוואַקסן, אַלץ וויניגער האָבן זיך די סחורות געוויזן אין מאַרק. ניט דווקא די אידישע הענדלער אַליין זיינען געווען שולדיג אין דעם, אָבער אויף

וויפיל דער אידישער הענדלער איז געווען אַ קליינער און מיטעלער הענד־לער, וועלכן דער געברויכער האָט אממערסטן געקענט, איז ביי די ברייטע מאַסן פון דער אוקראַאינישער באַפעלקערונג מיט דער הילף פון דער אַנטי־סעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס די צאַרישע רעגירונג און אָרטיגע אַדמי־ניסטראַציע האָט אומאויפהערלעך פארשפּרייט, געשאַפן געוואָרן דער איינ־דרוק, אַז וואו ספּעקולאַציע דאָרט זיינען אידן, און אַז וואו נאָר אידן דאָרט זיינען ספּעקולאַנטן.

די טראַגישע לאַגע נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע

די דאָזיגע לאַגע איז ניט פיל בעסער געוואָרן אויך נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע פון 1917. פאַרקערט, זי איז אין אַ סך פּרטים געוואָרן נאָך ער־גער, ווייל די סומע פּראָדוצירטע סחורות איז צוליב דעם אַלגעמיינעם צוש־טאַנד אין לאַנד געוואָרן אַלץ קלענער און די ספּעקולאַציע אַרום זיי איז געוואָרן נאָך גרעסער, — ספּעציעל נאָך אין פאַרבינדונג מיט דעם שנעלן פאַלן פון ווערט פון דעם רובל. און דער אידישער באַפעלקערונג איז פאַר אַט דעם אומגליק אויסגעקומען זייער טייער צו באַצאָלן ניט נאָר מיט צע־שטערטע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, נאָר אויך שפּעטער, מיט טייכן אומשולדיג בלוט.

די פעברואַר־רעוואָלוציע פון 1917, איז געקומען אין מיטן דער ערשטער וועלט־מלחמה און נאָך אַ ריי שווערע מפּלות וואָס האָבן ביזן גרונט צעטרייסלט ניט נאָר דעם צאַרישן טראָן, נאָר די גאַנצע צאַרישע אימ־פּעריע, וואָס איז אָפּט און גאַנץ ריכטיג באַצייכנט געוואָרן אַלס „טורמע פון פעלקער. זי האָט אויפגערודערט ניט נאָר די סאָציאַלע שטרעבונגען, נאָר אויך די נאַציאָנאַלע געפילן פון די רוסלענדישע פעלקער. ניט נאָר די בירגער האָבן גענומען פאָדערן פרייהייט פאַר זיך און די מעגלעכקייט פון ברייטער, אומגעשטערטער אַנטוויקלונג, נאָר אויך די פעלקער. און צווישן אַט די פעלקער האָט אַ גאַנץ באַזונדערן אָרט פאַרנומען דאָס אוקראַאיניש פאָלק, — דאָס צווייטע גרעסטע פאָלק אין רוסלאַנד, נאָך דעם גרויס־רוסישן, און אין דער זעלביגער צייט איינס פון די אממערסטן אונטערדריקטע. די צאַרישע דיסקרימינאַציעס געגן דעם אוקראַאינישן פאָלק האָבן זיך אויס־געדריקט ניט אַזוי אין ספּעציעלע רעכט־באַגרענעצונגען, ווי הויפּטזאַכלעך אין דער פולשטענדיגער אָפּלייקענונג אַז ס׳איז גאָר דאָ אַזאַ פאָלק, ווי דאָס אוקראַאינישע. די צאַרישע רעגירונג האָט ניט אָנערקענט קיין אוקראַאינע. זי האָט געוואוסט בלויז וועגן מאַלאָרוסיע, דאָס הייסט וועגן דעם „קליינעם רוסלאַנד", זי האָט ניט אָנערקענט קיין אוקראַאינער, זי האָט געוואוסט נאָר וועגן „מאַלאָרוסן", דאָס הייסט אַ מין „קליינע רוסן" פון צווייטן סאָרט, זי

האָט ניט אָנערקענט די עקזיסטענץ פון דער אוקראַינישער שפּראַך און קול־טור און האָט אַפילו ניט דערלויבט אַרויסצוגעבן קיין רעגולערע צייטונגען און ביכער אין דער אוקראַינישער שפּראַך. זי האָט באַטראַכט די אוקראַי־נישע שפּראַך פאַר אַ מין קאָמישער פאַרדאַרבונג פון דער „אמת׳ער" רו־סישער שפּראַך.

די דאָזיגע נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג צוזאַמען מיט דעם געוואַלדיגן סאָציאַלן דרוק, אונטער וועלכן די רעכט־ברעגיגע אוקראַינישע פּויערים האָבן געלעבט אונטער דער הערשאַפט פון רוסישע און פּוילישע פּריצים, האָט געבראַכט דערצו, אַז אין אוקראַינע זאָל זיך אָנזאַמלען אַ מאַסע אויפ־רייס־שטאָף, גרייט צו דער שטאַרקסטער עקספּלאָזיע ביי דער ערשטער גע־לעגנהייט. די דאָזיגע געלעגנהייט האָט געשאַפן די צייטווייליגע, אַזוי־גע־רופענע קערענסקי־רעגירונג, וועלכע איז באַשטאַנען אויף דער רעכט צו באַהאַנדלען אוקראַינע אויך נאָך דער רעוואָלוציע אַלס אַ קאָלאָניע, וואָס קאָן ניט האָבן קיין דעה איבער איר אייגענעם שיקזאַל. צו דעם איז צוגעקומען די דייטשישע אינטריגע, וועלכע האָט דורך אירע אַגענטן און פּראָוואָקאַ־טאָרן אַרויסגעשטעלט פאַר אוקראַינע דעם צוזאָג פון מלוכה׳שע זעלבסט־שטענדיגקייט אין נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

דער אוקראַינער נאַציאָנאַליזם און די אידישע פּאָגראָמען

ס׳רוב אוקראַינישע אינטעליגענץ אונטער דער אָנפירונג פון די עקסטרע־מע נאַציאָנאַליסטן האָט זיך געלאָזן פאַרפירן פון דער דייטשער פּראָוואָקאַציע און איז אַרויסגעטראָטן סיי געגן דער אָקטאָבערישער רעוואָלוציע, סיי געגן דער סאָוועטישער מלוכה, וואָס זי האָט געשאַפן. גיך אָבער האָט זיך אַרויס־געשטעלט, אַז די דייטשן האָבן אָפּגענאַרט די אוקראַינער כדי צו פאַרכאַפּן אוקראַינע אין זייערע בלוטיגע הענט. די אוקראַינער נאַציאָנאַליסטן האָבן גענומען זוכן אַ שעיר לעזאזל אויף וועמען צו וואַרפן די שולד פאַר זייערע אַנטוישטע האָפענונגען. און זיי האָבן אים געפונען אין דער אידישער באַ־פעלקערונג, וועלכער זיי האָבן באַשולדיגט אין אַלדאָס ביינז: אין זיין פּראָ־באָלשעוויסטיש און אין דער זעלביגער צייט פּראָ־דייטש, און דערהויבט אַנטי־אוקראַיניש. די דאָזיגע באַשולדיגונגען זיינען געפאַלן אויף אַ פּרוכט־באַרן באָדן פון פּויערישער אומצופרידנקייט, פאַרלוירנקייט, פאַרצווייפלונג און נויט אין שטאָטישע פּראָדוקטן, וועלכע זיינען ווי דורך אַ כישוף פאַר־שוואונדן. פיל פון זיי האָבן זיך געלאָזן איינריידן, אַז אין זייערע צרות זיי־נען שולדיג די אידן. די כוואַליעס פון פּאָגראָמען, איינע שרעקלעכער פון דער אַנדערער, וואָס האָבן פאַרפלייצט אוקראַינע אָנהויבנדיג פון דעם יאָר 1918 ביז דעם אָנהויב פון 1920, אונטער פּעטליורען, מאַכנאָ, גריגאָרעוו,

דעניקינען, די דייטשן און אונטער די פאַרשיידענע באַנדיטישע „באַט־קעס" האָבן אָנגעמאַכט אַ שרעקלעכן מאַטעריעלן און פיזישן חורבן צווישן די אוקראַינער אידן. די צאָל אומגעקומענע אין יענע פּאָגראָמען איז געשאַצט געוואָרן אין איבער 150 טויזנט, די צאָל פאַרוואונדעטע — אין אַרום 300 טויזנט. אַ פולע דריטל פון דער אידישער באַפעלקערונג אין אוקראַינע האָט פיזיש געליטן פון די פּאָגראָמען, און וואַרשיינלעך ניט ווייניגער ווי דריי־פערטל פון דער אידישער באַפעלקערונג איז מאַטעריעל רואינירט געוואָרן.

די סאָוועטן-מאַכט ברענגט אַ ראַדיקאַלע ענדערונג

אין די שרעקלעכע יאָרן פון 1918־1920 האָט עס אויסגעזען, אַז דאָס אידישע לעבן אין אוקראַינע איז אַזוי אונטערגעגראָבן געוואָרן, אַז עס וועט שוין קיינמאָל מער ניט קאָנען קומען צו זיך. עס האָט אויסגעזען, אַז די באַציאונגען צווישן דער אידישער באַפעלקערונג און דער ניט-אידישער זיינען אַזוי פאַרשאַרפט און פאַר׳סמ׳ט געוואָרן, אַז זיי וועלן קיינמאָל ניט קאָנען אויסגעגלייכט ווערן. דאָס איז אָבער געווען אַ טעות. עס זיינען דורכגעגאַנגען עטלעכע געציילטע, הגם זייער שווערע יאָרן. עס זיינען דורכגעגאַנגען די יאָרן פון בירגער־קריג און פון די אויסלענדישע אינטערווענציעס, די פיר־פינף יאָר פון דער סאָוועטישער „נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק", עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פּעריאָד פון דער שנעלער סאָציאַליסטישער רע־קאָנסטרוקציע פון לאַנד, און — סיי דער כאַראַקטער פון דעם אוקראַינישן אידנטום, סיי זייערע באַציאונגען מיט זייערע אוקראַינישע שכנים האָבן זיך געענדערט ניט צו דערקענען. וואָס איז געשען אין דער צייט? אין דער צייט, אין די עטלעכע געציילטע יאָרן האָט זיך די סאָוועטישע מאַכט באַ־פעסטיגט אין אוקראַינע און האָט אָנגעהויבן ענערגיש און מיט גרויס דער־פאָלג דורכפירן איר סאָציאַל־עקאָנאָמישע און נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, סיי בנוגע די אוקראַינער, סיי בנוגע די אידן.

די אוקראַינישע סאָוועטישע רעפּובליק האָט באַקומען איר פולע נאַ־ציאָנאַלע פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט אין אַלע אירע אינערלעכע ענינים. די אוקראַינער פויערים זיינען באַפרייט געוואָרן פון די פּריצים און פון דעם גרעסטן טייל קולאַקעס און האָבן באַקומען זייער ערד. די אוקראַינישע אינדוסטריען האָבן זיך שנעל גענומען אַנטוויקלען, און אוק־ראַינע האָט אָנגעהויבן באַקומען אַן אייגענעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט. די אוקראַינישע קולטור האָט זיך צעבליט אויף אַן אופן, וואָס די רייכסטע פאַנטאַזיע האָט זיך פריער ניט געקאָנט פאָרשטעלן. דאָס לאַנד איז באַ־דעקט געוואָרן מיט שולן, אוניווערזיטעטן, טעאַטערס, ביבליאָטעקן, פאַרלאַגן,

טונגען, קלובן אין דער אוקראַינישער שפּראַך, און די אוקראַינישע אינ־טעליגענץ האָט באַקומען מער אַרבעט און שאַפונג־מעגלעכקייטן, איידער זי האָט ווען עס איז געטרוימט: דאָס לאַנד האָט ענערגיש געלערנט און געשאַפן, געשאַפן און געלערנט. פאַר דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז דער־קלערט געוואָרן פאַר אַ שווערן פאַרברעכן, איז ניט געבליבן ניט קיין בענ־שטאָף, ניט קיין פּלאַץ, ניט קיין צייט.

עטוואָס שפּעטער, אָבער אויך מיט שנעלע טריט איז פאָרגעקומען די סאָוועטיזירונג, דאָס הייסט דער סאָוועטישער איבערבוי פון דעם אוקראַינער אידנטום. נאָך אַ קורצער צייט פון פאַרלוירנקייט, ווען די אוקראַינישע אידן האָבן פאַר זיך אַליין געמוזט אויסגעפינען און באַשליסן אַז קיין צוריקקער צו דעם פריערדיגן האַנדל־וואַנדל און פאַרמיטלעריי איז מער ניטאָ, ווייל דאָס באַצאָלט זיך ניט סיי עקאָנאָמיש, סיי פּאָליטיש, האָט זיך מיט דער אַק־טיווער הילף פון דער סאָוועט־רעגירונג און מיט אַ וואַקסנדיגער שנעלקייט אָנגעהויבן דער איבערגאַנג פון אידן פון שטעטל צו ערד־אַרבעט און פון לופט־פּרנסות צו פּראָדוקטיווער אַרבעט.

וואָס האָט די אוקראַינישע סאָוועט־רעגירונג געטאָן אין דעם פּרט פאַר די אידן?

„אין דער אוקראַינישער סאָוועט־רעפּובליק און באַזונדערס אין דער פריערדיגער אויטאָנאָמער מאָלדאַווישער רעפּובליק — דערציילט ל. זינגער אין זיין זייער וויכטיגער אַרבעט איבער די אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד *)— זיינען לויט די ספּעציעלע באַשטימונגען פון די מלוכה־אָרגאַנען דורכגע־פירט געוואָרן אַ ריי פאַרשיידענע מיטלען, אויף ווירטשאַפטלעך איינצואָר־דענען די שטעטלעך. די דאָזיגע מיטלען האָבן באַדאַרפט מיטהעלפן: 1. קאָ־אָפּערירן (אין פּראָדוציר קאָאָפּעראַטיוון) די שטעטלשע קוסטאַרן (באַלמע־לאָכעס) און איבערקוואַליפיצירן אַ געוויסן טייל פון זיי; 2. איינפלאַנצן אין די שטעטלעך אַ ריי מלאכות, וואָס זאָלן זיך שטיצן אויף אָרטיגן רויוואַרג; 3. מאַקסימאַל אַריינציען די שטעטלשע יוגנט אין די אינדוסטריעלע אונ־טערנעמונגען און אין דעם טראַנספּאָרט; 4. אָרגאַניזירט אַריינציען די שטעטלדיגע באַפעלקערונג אין דער ביי־שטעטלדיגער ערד־אַרבעט; 5 אַריינ־נעמען די שטעטלשע יוגנט אין די אָרטיגע צוקער און ספּירט־זאַוואָדן".

*) ל. זינגער — „דאָס באַנייטע פאָלק", מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס", מאָסקווע, 1941.

דער דראַנג צו ערד־אַרבעט

גלייכצייטיק מיט דעם סוף פון דעם בירגער־קריג האָט זיך ביי דער רואינירטער שטעטלדיקער אידישער באַפעלקערונג פון אוקראַינע אויפגעהויבן אַ שטאַרקער דראַנג צו ערד־אַרבעט. דאָ האָבן געווירקט אַ סך אורזאַכן, צווישן וועלכע די אָפּוועזנקייט פון גרויסע אָרטיקע אינדוסטריען, וואָס זאָלן גלייך קאָנען אַריינגעמען די דערוואַקסענע שטעטלדיקע באַפעלקערונג און דער ווילן אויסצומיידן דעם צושטאַנד פון אַ „לישענעץ״ (אַ מענטש, וואָס האָט פריער געהערט צום בורזשואַזן קלאַס און האָט נאָך דעמאָלט נישט געקאָנט געניסן אין גלייכער מאָס פון אַלע בירגער־רעכט), — די און נאָך אַנדערע אורזאַכן האָבן מיטגעהאָלפן, אַז אידן זאָלן אָנהויבן אין וואַקסנדיקע מאָסן פאַרנעמען זיך מיט ערד־אַרבעט, פריער אויף שטיקלעך ערד אַרום זייערע שטעטלעך און שפּעטער, זינט דעם יאָר 1924, אויף ספּעציעלע גרעסערע חלקים ערד, וואָס די סאָוועט־רעגירונג האָט אויסגעטיילט פאַר דער אידישער ערד־איינאָרדענונג און פאַר דער גרינדונג פון אידישע דערפער. די צאָל אידישע ערד־אַרבעטער אין אוקראַינע איז געוואַקסן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז בעת די צאָל אידן, וואָס זיינען געווען פאַרשריבן אַלס ערד־אַרבעטער אין די אידישע קאָלאָניעס פון דרום־אוקראַינע אונטער דער צאַרישער הערשאַפט, האָט קוים דערגרייכט ביז פופציק טויזנט און איז אין דער צייט פון בירגער־קריג אויף אַ העלפט פאַרקלענערט געוואָרן, האָט זי אין יאָר 1939 שוין דערגרייכט ביז איבער 200 טויזנט!

דער וואוקס פון דער אידישער ערד־אַרבעט האָט געבראַכט דערצו, אַז צווישן 1925 און 1930 זיינען די אידישע ערד־געביטן אויף דער אוקראַינישער טעריטאָריע אויסגעטיילט געוואָרן אין באַזונדערע אידישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען, וואו די אָפיציעלע שפּראַך פון די רעגירונג־אַנשטאַלטן און פון די קולטור־אַנשטאַלטן איז געווען אידיש. אַזעלכע ראַיאָנען זיינען אין אוקראַינע געווען דריי: דער קאַלינינדאָרפער, אויפן געביט פון די אַלטע כערסאָנישע קאָלאָניעס; דער סטאַלינדאָרפער — אין געגנט פון קריוואָיראָג און דער ניי־זלאַטאָפּאָליער אין ראַיאָן פון הולאַיפּאָליע אויפן לינקן ברעג פון דניעפּער. אין דער שפּעטערדיקער בויאונג פון נאַציאָנאַלע אידישע ערד־ראַיאָנען אין קרים און באַזונדערס אין בויען פון דער אויטאָנאָמער געגנט פון בירא־בידזשאַן האָבן די אוקראַינער שטעטלדיקע אידן געשפּילט זייער אַ גרויסע ראָלע.

גלייכצייטיק מיט דעם איבערגאַנג פון די אוקראַינישע אידן צו ערד־אַרבעט איז פאָרגעקומען נאָך אַ ברייטערער איבערגאַנג פון אידן — ספּעציעל פון דעם יונגערן דור אין דער אינדוסטריע.

אידן גייען איבער אין די גרויסע אינדוסטריען

אין יאָר 1926, ביים אָנהייב פון דער סאָציאַליסטישער רעקאָנסטרוקציע פון לאַנד האָבן זיך שוין 11.4 פּראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג געפונען אין די גרויסע אינדוסטריען און אויף בוי־אַרבעטן. אין דער זעל־ביגער צייט זיינען צווישן אידן געווען 22.6 פּראָצענט באַלמעלאָכעס, 24.7 פּראָצענט אָנגעשטעלטע, 8.8 פּראָצענט הענדלער און 10 פּראָצענט אָר־בעטלאָזע.

די לאַגע האָט זיך אָבער שאַרף געענדערט אין די וויטערדיגע צען יאָר. אין די יאָרן 1936־1937 זיינען שוין אין דער גרויסער אינדוסטריע געווען באַשעפטיגט 36.2 פּראָצענט פון די אידישע אַרבעטער אין אוקראַי־נע, ביי דער בויאונג 4.4 פּראָצענט, אין לאַנדווירטשאַפט 2.5 פּראָצענט, אין טראַנספּאָרט 1.9 פּראָצענט, ביים האַנדל (אַלס מלוכה־אָנגעשטעלטע) 11 פּראָצענט, אין רעגירונג־אַנשטאַלטן 8.7 פּראָצענט א. אַזו. דערביי האָבן די אידן אַרויסגעוויזן אַ גרויסע נויגונג איבערצוגיין גראָד אין די הויך־קוואַליפיצירטע מעטאַל־אינדוסטריען, צום מאַשינבוי און צו „שווערע" מע־טאַלורגישע און מייינינג־אינדוסטריען. 15.7 פּראָצענט פון די אידישע פאַב־ריק־אַרבעטער אין אוקראַינע זיינען געווען באַשעפטיגט אין דער מאַשין־אינדוסטריע. אַ ספּעציעלער אידישער טעכניקום אין אָדעס האָט אַפילו אַרויסגעלאָזן אַ ריי וויכטיגע מאַשינעס מיט זיין באַזונדער אידישער טרייד־מאַרקע. די צאָל אידישע מיינערס האָט זיך צווישן 1926 און 1936 פאַר־גרעסערט אין 33 מאָל, די צאָל מעטאַליסטן איז געשטיגן פון 14.1 ביז 28.3 פּראָצענט (אין צווייען), די צאָל כעמישע אַרבעטער פון 0.8 פּראָצענט ביז 2.8 פּראָצענט (אין דריי און אַ האַלב מאָל), די צאָל נאָדל־אַרבעטער פון 9.8 פּראָצענט ביז 16.2 פּראָצענט.

מיט דער אויסגעוואַקסענער צאָל אידישע אַרבעטער אין די סאָוועט־אוקראַינישע נאָדל־טריידס איז פאַרבונדן אַ אינטערעסאַנטע געשיכטע. ווען די סאָוועטישע מעטאַל־אינדוסטריען האָבן גענומען וואַקסן האָט זיך די אי־דישע אַרבעטער־יוגנט אַ וואַרף געטאָן אין זיי, אויסמיידנדיג מיט אַלע מיט־לען די טראַדיציאָנעלע „אידישע" נאָדל־פאַכן. אָבער אונטער דעם ערשטן און צווייטן פינף־יאָר פּלאַן זיינען אין אוקראַינע אויסגעוואַקסן קאָלאָסאַלע קליידער־פאַבריקן, וואָס האָבן באַשעפטיגט צו פיל טויזנטער אַרבעטער (למשל, די כאַרקאָווער ניי־פאַבריק, די „טיניאַקאָווקע"), — און ווען די נאָדל־פאַכן האָבן גענומען ווערן גרויסע אינדוסטריען האָבן זיך ווידער גע־נומען צוציען אידישע אַרבעטער.

דער אידישער קולטור וואוקס

גלייכצייטיג מיט דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער ענדערונג און אַנטוויק־

לונג פון די אידישע מאסן אין אוקראינע איז פארגעקומען א גרויסע און טיפע אידישע קולטור־בויאונג. אין וועלכער אלע אוקראינישע רעגירונגס־ארגאנען האבן ענערגיש מיטגעהאלפן. עס איז אויסגעוואקסן א גרויסע נעץ אידישע קינדער־שולן, מיטלשולן, טעכניקומס, טעכנישע שולן און העכערע בילדונג־אנשטאלטן ביז א אידישער אפטיילונג פון אוקראינישער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע אין וועלכע די שפראך איז געווען אידיש. אין די אלע אידישע לערן־אנשטאלטן אין אוקראינע האט זיך צום יאר 1936 גערעכנט ארום 250 טויזנט שילער, סטודענטן און לערער.

עס איז אויך אויסגעוואקסן א גרויסע צאל אידישע ביבליאטעקן, קלובן, טעאטערס, כארן, פארלאגן און צייטונגען, און א היפשע צאל אידישע סאוועטן און געריכטן, וועלכע האבן באפעסטיגט און פארשפרייט דאס אי־דישע ווארט אין אוקראינע. די ראל און די חשיבות פון דער אידישער שפראך, א דאנק דער דערשיינונג פון צענדליגער טאלאנטפולע אידישע שרייבער און דיכטער (ווי איציק פעפער, עזרא פינינבערג, דוד האפשטיין, לייב קוויטקא און אנדערע) איז געווארן אזוי גרויס און אלגעמיין־אנער־קענט, אז אידישע שולן (באזונדערס אין די אידישע נאציאנאלע ראיאנען) האבן אפט געהאט ביי זיך אויך ניט־אידישע שילער, און בארימטע אוק־ראינישע דיכטער האבן געמאכט איבערזעצונגען אין אוקראיניש פון דער אידישער ליטעראטור. שלום־עליכם, וועלכער געהערט לויט זיין אפשטאמונג און כאראקטער פון זיין שאפן צו דעם אוקראינישן אידנטום איז אנערקענט געווארן אלס איינער פון די גרויסע נאציאנאלע שרייבער פון אוקראינע בכלל און נאכדעם פון דעם גאנצן סאוועטן־פארבאנד.

אין די צוויי צענדליג יאר פון דער סאוועטישער מאכט איז דער אוק־ראינישער איד ווי איבערגעבוירן געווארן. ער האט אינגאנצן פארגעסן וועגן דעם אמאליגן האנדל־וואנדל, דער נייער דור האט מער ניט געוואוסט וואס עס מיינט אנטיסעמיטיזם, דאס אוקראינישע אידנטום איז געווארן א פאלק פון געזונטע הארעפאשניקעס, וואס האבן זיך ענג איינגעגלידערט אין דער לאנדווירטשאפט (אין קאלכאזן) און אין די גרויסע אינדוסטריען און האבן זיך אקטיוו באטייליגט אין אלע געביטן פון דעם אוקראינישן עקא־נאמישן, קולטורעלן און פאליטישן לעבן. דער אוקראינישער איד, וואס האט שטענדיג ליב געהאט די זוניגע ערד, אויף וועלכער ער איז אויס־געוואקסן, האט אונטער דער סאוועטישער מאכט ערשט ווי געהעריג דער־פילט וואס עס הייסט צו זיין א גלייכער און א געווינטשטער און ניט קיין אומגעבעטענער אין זיין אייגן לאנד, ער איז געווארן א געטרייער פאט־

ריאַט פון זיין לאַנד, וואָס האָט זיך אַקטיוו און מיט שטאָלץ באַטייליגט סיי אין בויען פון דער סאָוועטישער אוקראַינע אין די פרידלעכע צייטן, סיי אין דער העלדישער פאַרטיידיגונג פון דער אוקראַינער ערד — צוזאַמען מיט דער גאַנצער סאָוועטישער ערד — נאָך דעם אָנפאַל פון דער דייטשער בעס־טיע אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אונטער דער הערשאַפט פון דער בעסטיע

אין די קאַנפּע צוויי יאָר, וואָס די דייטשן האָבן אָפּגעווילדעוועט אויף סאָוועט־אוקראַינע (פון יולי 1941 ביז יולי 1943) האָבן זיי דאָרטן איבער־געלאָזן נאָך זיך שרעקלעכע חורבנות. זיי האָבן געזוכט אויסצוואָרצלען, אויסצעראָטן יעדן שפּור פון דעם סאָוועטישן לעבנס־שטייגער, פון דער סאָ־וועטישער שאַפונג, פון דער סאָוועטישער קולטור, און פון די סאָוועטישע ברידערלעכע באַציאונגען צווישן מענטשן און פעלקער. מיט אַ באַזונדערע רציחה האָבן די דייטשן געזוכט אויסצעראָטן און צו פאַרניכטן די אידן, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט און צו פאַר׳סמ׳ען די אוקראַינישע מאַסן מיטן גיפט פון מענטשנפרעסערישן אַנטיסעמיטיזם.

עס איז שרעקלעך צו דערמאָנען זיך אין גרוילטאָטן, וואָס די דייטשן האָבן אָפּגעטאָן איבער די אוקראַינער אידן, וואָס האָבן זיך ניט באַוויזן אַרויסצוראַטעווען דורך עוואַקואירן זיך באַצייטנס פון די טעריטאָריעס, וואָס די נאַציס האָבן אויף אַ צייט פאַרכאַפּט. די נאַציס האָבן געמאַטערט, גע־פּייניגט, באַליידיגט, געשענדעט, געשטאָכן, געקוילעט, דערוואָרגן, דער־טרונקען, פאַרברענט און לעבעדיגערהייט באַגראָבן הונדערטער טויזנטער אוקראַינישע אידן, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין זייערע נעגל.

ווען די דייטשן זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון אוקראַינע זיינען אין שטעט, וואָס האָבן פריער געציילט צענדליגער טויזנטער אידן, פאַרבליבן בלויז צענדליגער גראַטעוועטע אידן, און דאָרטן וואו עס זיינען געווען טויזנטער, זיינען פאַרבליבן בלויז איינציגע, אויב זיי האָט אָפּגעגליקט.

די פאַרבליבענע בויען ווייטער

אָבער דאָך איז דאָס אוקראַינישע אידנטום ניט אומגעקומען. פון די איבער אַנדערהאַלבן מיליאָן אידן, וואָס האָבן זיך לויט דער פאָלקסציילונג פון יאָר 1939 געפונען אין אוקראַינע, זיינען וואַרשיינלעך אַרום אַ מיליאָן באַצייטנס עוואַקואירט געוואָרן פון אוקראַינע טיפער אין סאָוועטן־פאַר־באַנד, הינטער וואָלגא און אוראַל, קיין אוזבעקיסטאַן, קאַווקאַז און אין אַנ־דערע רעפּובליקן. פון דעם פאַרבליבענעם האַלבן מיליאָן איז ס׳רוב וואַר־שיינלעך אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשישע בעסטיעס. אָבער עס

ווילט זיך האָפן, אַז אַ באַדייטנדיגע צאָל איז פאַרט געבליבן סיי אין באַ־העלטענישן, סיי פאַרשטעלטע צווישן די פויערים אין די דערפער און סיי צווישן דער גרויסער צאָל אוקראַינער פאַרטיזאַנען.

די פאַרבליבענע האָבן זיך גענומען צוריקקערן אויף זייערע באַפרייטע חורבות. צו זיי הויבן איצט אָן צוקומען אוקראַינער אידן, וועלכע די סאָוועט־רעגירונג האָט פריער עוואַקואירט. ביסלעכווייז, לאַנגזאַם הויבט מען אָן אָפרייניגן די חורבות, איבערבינדן און היילן די וואונדן, אויפשטעלן די ישובים.

דאָס לעבן שטייט ניט אויף קיין אָרט. לעבעדיגע מענטשן מוזן לעבן און ווען זיי לעבן בויען זיי אַ ניי לעבן. די פאַרבליבענע אידן אין אוקראַינע, ווי אין גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד, זיינען ניט אַליין. מיט זיי טיילן זייערע פריידן און ליידן, זייער צער און צאָרן און האָפענונגען אַלע פעלקער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און באַזונדערס זייערע נאָענטסטע ברידערלעכע שכנים, די אוקראַינער. צוזאַמען מיט זייערע שכנים, מיט דער ברייטער הילף פון דער סאָוועט־רעגירונג, מיט דעם מאַקסימום הילף, וואָס מיר קאָנען זיי געבן און שפּעטער אפשר אויך מיט דער הילף פון דער פאַרגיטיגונג פאַר די חורבנות, וואָס עס וועט געלינגען אַרויסצוקריגן ביי די דייטשן, וועט ווידער זיך אויפבויען און אויסוואַקסן אַ גרויסער און פרוכטבאַרער אידישער ישוב אין אוקראַינע.

לאָמר פון דאַנען העלפן אונזערע פאַרבליבענע ברידער מיט אַלץ, מיט וואָס מיר קענען, מיט דער ברייטער האַנט און מיטן גאַנצן האַרצן!

מיר מוזן העלפן ווידער אויפצובויען די אידישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען אויף דער אוקראַינע

(אַ ביסל זכרונות און אַ פאָרשלאָג)

פון אליהו דיזשור

פאַר מיר איז די אידישע לאַנדווירטשאַפט אויף דער אוקראַינע ניט בלויז אַ סטאַטיסטישער באַגריף וועגן קרוב 250 טויזנט העקטאַר באָדן מיט אַ אידישער פויערים־באַפעלקערונג פון 50 טויזנט נפשות, מיט צענדליגער טויזנטער קעפּ לעבעדיגן אינווענטאַר מיט טויזנטער טראַקטאָרן, קאָמביינערס און אַנדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען וואָס די דריי אידישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען (קאַלינינדאָרף, סטאַלינדאָרף און ניי־זלאַטאָפּאָל) האָבן געהאַט אויפצוווייזן ערב דער וועלט־מלחמה.

פאַר מיר איז דאָס אַ לעבעדיג בילד פון אידישע מענער און פרויען, אַלטע און יונגע, וועלכע איך האָב געזען מיט מיינע אייגענע אויגן ביי דער אַרבעט אין פעלד און אין ווייגאָרטן, אויף דער מילך־פאַרמע און אין וויין־קעלער, אין דאָרף־שפּיטאָל און אינם קינדער־גאָרטן. אַקטיווע, מונטערע, פאַרהאָרעוועטע, אָבער שטאָלצע, פרייע מענטשען וואָס האָבן געבויט אַ ניי לעבן פאַר זיך און פאַר זייערע קינדער, פול מיט ענערגיע, פול מיט האָפענונג און בטחון.

אָט פאָרן מיר צו, צוויי אידישע אַגראָנאָמען און איך צו אַ בריגאַדע סטאַלינדאָרפער קאָלווירטניקעס וואָס אַרבעטן ביי אַ גרויסער דרעש־מאַשין. די הייסע זון באַקט, אין האַלז איז טרוקן פונם שטויב פון דער טרוקענער תבואה, דער שווייס רינט פון די צעהיצטע פּנים׳ער פון פרויען און מענער. אַלץ גייט צו מעכאַניש, בלויז די צוריקגעבליבענע שטרוי ווערט אַוועקגעשלעפּט מיט פערד צו די גרויסע סקירדעס, וואָס שטייען צעוואָרפן אין מיטן פעלד. דער בריגאַדיר, אַ הויכער דאַרער איד פון אַ יאָר 35 מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר און גרויע אויגן, גיט אַ זאָג צו אונז: „איר זעט אָטאָ די קוצע פערדלעך, — ,ווי זיי שלעפּן נעבעך די שטרוי? — איבעראַיאָר, ווען די

עלעקטריפיקאַציע פון סטאַלינדאָרפער ראַיאָן וועט דורכגעפירט ווערן אויף אַלע 100 פראָצענט, וועלן מיר אויך דאָס שטיקל אַרבעט אויפטאָן אויף אַ מעכאַנישן אופן". ער זאָגט דאָס און איז דערביי שטאָלץ און זיכער. און טאָמער ווילט איר ניט גלויבן, ווייזט ער אייך אָן אויף די הילצערנע סלופּעס וואָס ציען זיך איבערן גאַנצן פעלד און דורך וועלכע עס וועט שטראָמען עלעקטרישע ענערגיע אַזש פונם „דניעפּראָסטראָי".

און אָט דערמאָן איך מיך דעם אַלטן ייד מיט אַ ווייסער באָרד אינם צים־טיג ריינעם הייזל אין איינעם פון די גרעסטע ווייַנגערטנער פון קאַליניב־דאָרף, ווי ער זיצט אין זיין „קאָנטאָרקע". אויף די ווענט הענגען טאַבעלעס און דיאַגראַמעס און פאַרשיידענע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאַלענדאַרן, און אויף די פּאָליצעס שטייען פלעשלעך און גלעזלעך מיט אַלערליי אַנאַליזן. און דער לאָגיע פון „זיינע" לאָזעס וואָס שטאַמען אַזש פון מאָנטפּעליע פון ווייטן לאָגיע פון „זיינע" לאָנעס וואָס שטאַמען אַזש פון מאָנטפּעליע פון ווייטן פראַנקרייך, פון וואַנען איך בין געקומען אָנקוקן די אידישע קאָלאָניעס אין אוקראַינע. און מיט שלעכט־פאַרבאָרגענעם שטאָלץ גיט ער אַ זאָג: „אַלע יאָר קומען צו מיר אַריבער פּראָפעסאָרן פון דעם אָדעסער לאַנדווירטשאַפטלעכן פאַרש־אינסטיטוט, און זיי לערנען זיך ביי מיר ווי אַזוי מ'דאַרף אַרומגיין אַרום אַ ווייַנגאָרטן".

און אָט קום איך אַריין אין דער גרויסער רוימיגער געביידע פון סטאַלינדאָרפער פאָלקס־טעאַטער און קולטור־הויז. אויף די ווענט הענגען פּאָרטרעטן פון די „בעסטע מענטשן" פון דעם ראַיאָן. בריגאַדירן־סטאַכאַ־נאָווצעס, די בעסטע טראַקטאָריסטן, די בעסטע לערער, די בעסטע אַגראָ־נאָמען, א.אַז.וו. פריילעכע יוגנט פילט אָן די קאָרידאָרן און די אוידיטאָריעס פונם הויז. אַ רייכע קינדער־ביבליאָטעק, קלוג אָנגעפירט, אַזוי קלוג, אַז די קינדער קומען און גייען שטראַלנדיגע און באַלאַגערן די שוי־פענצטער מיט די נייעסטע ביכלעך, ווי פליגן באַפאַלן אַ צוקער־לעקעכל.

אַ קינדערגאָרטן וואו אַ סטודענטקע פון קאָנסערוואַטאָריע זינגט מיט די קינדער אידישע לידלעך און די פּאָר אוקראַינישע קינדער זינגען אויך מיט אין אַ געשמאַקן אידיש — אַ זעלטן בילד וואָס פאַרבלייבט אויף אייביג אין זכרון.

און אָט איז די דרוקעריי פון דער פעלד־צייטונג געדרוקט אויף אידיש. די פאַראַנטוואָרטלעכע רעדאַקטאָרן זיינען אַליין אויך די זעצער און די פאַרשפּרייטער פון דער צייטונג. אין יענעם טאָג איז פאַררופן געוואָרן אַ פעלד־מיטינג פון סאָלידאַריטעט מיט די שפּאַנישע לאָיאַליסטן, און די חברים פון דער רעדאַקציע זיינען געווען שטאַרק פאַרנומען מיטן דרוקן אַלערליי אויפרופן און לאָזונגען.

בשעת מעשה איז צוגעקומען אויף אַ פערד און וועגעלע אַ אידישער

אַגראַנאַם מיט אַ בייטש אין דער האַנט אין אַ פאַרשטויבטן מאַנטל. ער פאָרט אַרום פון דאָרף צו דאָרף, פון קאָלאָניע צו קאָלאָניע, און ווערבירט צווישן דער קאָלאָניסטישער יוגנט וואָס האָבן געענדיקט די אָרטיקע פאָלקס־שול (אויף אידיש), קאַנדידאַטן אויף סטודענטן פאַרן אָדעסער אַגראָנאָמישן אינ־סטיטוט, וואו די למודים ווערן אויך געלערנט אויף אידיש.

אין אָוונט האָב איך בייגעוואוינט אַ גלענצנדע טעאַטער־פאָרשטעלונג פון אַ גרופּע שוישפּילער פון אוקראַינישן אידישן מלוכה־טעאַטער.

ניי, זאַפטיג אידיש לעבן האָט געשפּראָצט פון יעדן ווינקעלע פון די אידישע קאָלאָניעס וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַזאַ שווערן וועג פון „שטעטל" אין דאָרף און פון דאָרף אינם קאָלווירט.

איך דערמאָן זיך איצט אין דעם לאַנגן ערנסטן געשפּרעך וואָס כ'האָב געפירט שפּעט אין דער נאַכט נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט אויפן פעלד, אין סאָמע ברען פון דער שניט־צייט, מיטן פאָרזיצער פונם קאַלינינדאָרפער ראַ־יאָן. ס'איז געקומען צו רייד וועגן דער סטאַטיסטיק פון פערד, וואָס ווערן אויסגעהאָדעוועט פון די אידישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען. איך האָב זיך גע־וואונדערט וואָס די סטאַטיסטיק ווייזט אויף אַ גאַנץ קליינער צאָל פערד, ווען מיר איז אויסגעקומען צו זען אין סטעפּ גאַנץ גרויסע טאַבונעס פון אַלערליי פערד, און צווישן זיי פּן די בעסטע ראַסעס. מיט אַ פאַרבאָרגן שמייכל אויפן מידן פּנים האָט מיר דער פאָרזיצער אָנפאַרטרויט אַ מיליטערישן סוד, און האָט מיר אָנגערופן די צאָל פערד וואָס דער קאַלינינדאָרפער נאַציאָנאַלער אידישער ראַיאָן האָט אין יענעם יאָר צוגעשטעלט צו דער רויטער אַרמיי.

איך האָב דעמאָלט ניט אין גאַנצן פאַרשטאַנען וואָס פאַראַ שייכות עס קענען האָבן אידישע פערד צו דער רויטער אַרמיי. היינט פאַרשטיי איך דאָס בעסער.

אַן אַלטער אידישער קאָלאָניסט האָט מיך אַרויסגעפירט צו דער אָזערע ניט ווייט פון דער קאָלאָניע שדה־מנוחה קטנה, און האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ גרויסן עלנטן שטיין ביים ברעג. אויף אָט דעם שטיין פלעגט דער יונגער פּאָעט פרוג שרייבן זיינע שירים און טרוימען וועגן אידישער ערד־אַרבעט, וועגן אידישער פרייהייט, וועגן אידישער זעלבסטווירדע. דאָס איז געווען אין אַ שטילן אוקראַינישן זומער־אָוונט. די זון איז אָקאָרשט פאַרגאַנגען, די לופט איז געווען ריין, און מורא'דיגע שטילקייט איז געשטאַנען אין סטעפּ. פרוג'ס שטיין איז געשטאַנען אַליין „עלנט ווי אַ שטיין", אָבער פרוג'ס חלומות האָבן זיך פאַרווירקלעכט כמעט אויף דער זעלבער ערד וואָס האָט זיי געבוירן.

און איבעררייסנדיג די שטילקייט פון סטעפּ, האָט מיך דער זעלביגער אַלטער קאָלאָניסט פלוצים אַ פרעג געטאָן: „זאָגט מיר נאָר, איז דאָס טאַקע אמת וואָס מען שרייבט אין אונזערע צייטונגען אַז די דייטשן, רומענער, פּאָ־

ליאָקן שלאָגן, הרג׳ענען אידן ווי ביי אונז אַמאָל, אין די צאַרישע פּאָגראָמען? צי איז דאָס בלויז פּראָפּאַגאַנדע?"

אַ שוידער איז דורכגעגאַנגען איבער מיין גאַנצן לייב. איך האָב מיט אַמאָל פאַרגעסן אין פּרוג׳ס חלומות, און איך האָב גענומען דערציילן דעם נייעם אידישן מענטשן דעם טרויעריקן אמת וועגן דעם דעמאָלטדיקן אַנטי־סעמיטיזם אין אייראָפּע. ער האָט זיך גוט צוגעהערט צו מיין יעדן וואָרט, אָבער איך האָב געפילט אַז אין גאַנצן גלויבט ער מיר דאָך ניט.

אויב איך האָב זיך דעמאָלט ניט געקענט פאָרשטעלן אַז די דאָזיגע ווילדע כוואַליעס פון באַרבאַרישער שנאה און קנאה וועט פאַרגיסן אויך אונ־זער אוקראַינישע ערד, און אַז די בליענדיגע אידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין חורבות.

פאַר מיר איז אָבער היינט קלאָר ווי דער טאָג, אַז אויף די חורבות וועט ווידער אויפבליען נייע לעבן. אידישע סאָלדאַטן, אידישע רויט־אַרמייער, אי־דישע העלדן האָבן האַנט־אין־האַנט מיט רוסישע, מיט אוקראַינישע העלדן פאַרטריבן דעם שונא און באַפרייט די אוקראַינער ערד. פאַר מיר איז קיין ספק ניט אַז די אידישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען אויף דער אוקראַינע וועלן ווי־דער אויפגעבויט ווערן.

און אונזער אַלעמענס הייליגער חוב איז: מיט אַלע כוחות מיטהעלפן דעם דאָזיגן ווידער־געבורט פון דער אידישער לאַנדווירטשאַפט אויף דער אוקראַינע.

אידן-העלדן פון דער סאָוועטישער אוקראַינע

פון אברהם דזשענאָווסקי

די געשיכטע פון אונזער פאָלק איז פול מיט טויזנטער און טויזנטער מאַרטירער, וועלכע האָבן זיך מקריב געווען אויף קדוש־השם, און דערמיט געוויזן די שונאים אַז זיי איז ליבער צו שטאַרבן איידער צו פאַרראַטן אָדער פאַר־שוועכן דעם נאָמען פון זייער אמונה און פאָלק.

צווישן אָט די מאַרטירער האָבן זיך גע־פונען העלדן וועלכע האָבן ניט נאָר אָפּגעגעבן זייער לעבן פאַר זייער גלויבן, נאָר גלייכצייטיג גענומען נקמה פון די שונאים פאַר דעם פאַר־גאָסענעם בלוט פון זקנים, פרויען און קינדער, פאַר חלול השם, און פאַר אַלע אומרעכטן וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן געגן זייערע שוועסטער און ברידער אין יענע שווערע צייטן.

די געשיכטע האָט פאַרהייליגט און פאַראייביגט די העלדישע נעמען פון שמשון הגיבור מיט זיין „תמות נפשי עם פלישתים". בר־כוכבא, מיט זיין קאַמף געגן די רוימישע טיראַנען און פאַרכאַפּער. יהודה המכבי מיט זיינע ברידער און זייער קאַמף געגן דעם קעניג פון סיריע אַנטיוכוס עפּי־פאַנעס, וועלכער האָט מיט פייער און שווערד געוואָלט באַקערן די אידן צום העלעניזם, און פון פיל אַנדערע.

די געשיכטע פון אונזער דור האָט שוין אַריינגעשריבן מיט גאָלדענע אותיות נעמען פון טויזנטער העלדן, וועלכע קעמפן אין די אַרמייען, געטאָס און פאַרטיזאַנען־אָפּטיילונגען פון אַלע אַליאירטע פעלקער געגן דעם בלוטיגן פאַשיזם, דעם גרעסטן שונא פון דער וועלט און דער ביטערסטער שונא פון אונזער פאָלק.

צווישן אָט די העלדן פאַרנעמען אונזערע שוועסטער און ברידער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד דעם אויבנאָן. אין דעם אַרטיקל ווילן מיר פאַרצייכענען כאָטש עטלעכע פון זיי.

ווען דער פאַשיזם וועט ליגן באַגראָבן און אידן פון פאַרשיידענע לענ־דער וועלן זיך טרעפן מיט אידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד — דעמאָלט וועלן נאָך אַ סך קלאָרער ווערן די נעמען פון די אומצייליגע העלדן און די סי־בות פון דער היסטאָרישער ראָל פון אונזערע ברידער און שוועסטער אין זייער קאַמף געגן דעם נאַציזם און דער פאַרטיידיגונג פון זייער פאָטערלאַנד.

נאָך אין סעפּטעמבער 1943 האָט דוד זאַסלאַווסקי, דער באַרימטער

סאָוועטיש־אידישער זשורנאַליסט אין זיין אַרטיקל „די רויטע אַרמיי — די באַפרייערין פון פעלקער", געשריבן וועגן „צען טויזנט אידישע אָרדן־טרע־גער און מער פון הונדערט אידישע גענעראַלן אין דער רויטער אַרמיי—אידי־שע העלדן קריגן העכסטע אויסצייכענונגען פון לאַנד, — גענעראַל קרייזערס און פּאָלקאָווניק לעווינ׳ס אַרמייען ווערן דערמאָנט אין סטאַלינ׳ס באַפעל פון טאָג, פאַר זייערע העלדישע קאַמפן אויף דאַנבאַס און אַנדערע פראָנטן אין אוקראַינע. — יעדן טאָג דערוויסט זיך די וועלט פון נייע אידישע העלדן־סאָלדאַטן, אָפיצערן, גענעראַלן און פּאָלקאָווניקעס, וואָס ווערן דער־הויבן פון דער סאָוועטישער רעגירונג, טויזנטער מעדאַלן, אָרדנס און טי־טולן פאַר אידישן מוט, פאַר אידישער גבורה, פאַר אידישן פּאַטריאָטיזם און קדוש־השם. מענער און פרויען, אַרבעטער און פּראָפעסיאָנאַלן, אַלט און יונג — אין די ערשטע העלדן־רייען פון רומפּול לאַנד, וואָס האָט באַ־וויזן אַז זי איז בכח צו באַזיגן די שונאים פון דער גאַנצער מענטשהייט".

מיר דערוויסן זיך וועגן אידישע גענעראַלן און פּאָלקאָווניקעס, וועלכע פירן אָן מיט קאָזאַקן־אָפּטיילן, — אַ דערשיינונג וועלכע איז אַזוי ניי און אַנדערש פון אַט דעם וואָס מיר געדענקען פון יאָרן צוריק אונטער דעם צאַריזם. פאַר אידן איז דעמאָלט דער נאָמען „קאָזאַק" געווען דער סימבאָל פון אַ נאַגאַיקע, שמיץ, געטראָטן פון־פערד־קאָפּיטעס, און אין איין וואָרט, „פּאָגראָם".

איצט לייענען מיר וועגן אידישע קאָזאַקן, גוואַרדיע עלטערער לייטע־נאַנט משה פוגענפּיראָוו, גוואַרדיע עלטערער סאַרדזשענט מאַרק ספּעקטאָ־ראָוו, און זיכער איז שוין יעדן באַקאַנט דער נאָמען פון דעם קאָזאַקן־קאָ־מאַנדירגענעראַל לעוו דאָוואַטאָר, וועלכער איז געפאַלן אין זיין העלדישן געיעג אויף די נאַציס פון ראָסטאָוו.

עס איז שווער צו נעמען אויף זיך די אויפגאַבע פון פאַרצייכענען „אי־דישע העלדן אין דער רויטער אַרמיי" אין די ראַמען פון אַן אַרטיקל. אויף דער טעמע וועלן געשריבן ווערן ביכער און אויך דעמאָלט וועלן ניט אויס־געשעפּט ווערן די נעמען פון די צענדליגער טויזנטער און די אומצאָליגע „נאָמענלאָזע" העלדן וואָס געפינען זיך אין דער רויטער אַרמיי און איבער דעם גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

מיר ווילן דערפאַר אונטערשטרייכן, אַז אָט די געציילטע נעמען, וואָס מיר וועלן פאַרצייכענען זיינען בלויז אַן אָנדייטונג, אַ קליינער ביישפּיל פון דער ריזיגער אַרמיי העלדן, וואָס די אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן אַרויסגעגעבן אין דער איצטיגער מלחמה און וועמענס נעמען זיינען אַ כבוד פאַר אידן איבער דער גאַנצער וועלט.

מיר וועלן אויך פּרובירן זיך קאָנצענטרירן אויף העלדן וועלכע קומען פון די אידן אין דער אוקראַינע. אויף וויפיל עס איז מעגלעך פאַר אונז צו געפינען דעם פּלאַץ פון זייער געבורט.

קאַפּיטאַן ישראל פּיזאַנאָוויטש

געבוירן אין 1914 אין קיראָוואָגראַד (יעליסאַוועטגראַד), צו 14 יאָר שוין געאַרבעט אַלס שלאָסער, אַלס אויסצייכענונג פאַר זיין גוטער אַרבעט איז ער געשיקט געוואָרן קיין לענינגראַד אין דער מיליטערישער ים־שול. ער איז דער קאַפּיטאַן פון דער אונטערוואַסער־שיף „מאַליוטקא". פון אָנהויב מלחמה־אָן אין צפון־ים. דעם ערשטן דייטשישן טראַנספּאָרט האָט ער דערטרונקען אין אויגוסט 1941, דורך זייער אַ געוואָגטער אָפּעראַציע אין דער בוכטע וואָס האָט געדינט דעם שונא פאַר אַ באַזע. אויף דעם צווייטן טאָג דערטרונקען דעם שונא'ס צווייטן טראַנספּאָרט. אין אָקטאָבער 1943 האָט ער שוין געהאַט אויף זיין חשבון 13 געזונקענע פיינטלעכע טראַנספּאָרטן. צו 29 יאָר איז ער שוין קאַפּיטאַן, טראָגט דעם טיטל „העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד", צוויי אָרדנס „רויטע פאָן", אַ לענין־אָרדן און מיט אַ גאָלדענעם שטערן.

רויטאַרמייער לייזער פּאַפּערניק

געבוירן אין 1918 אין סלאַוואוטע, קאַמענער פּאָדאָלסקער געגענט, געענדיקט אַ פאַבזאַוו־שול און אַוועק אַרבעטן אין אַ פאַבריק, און אין די אָוונטן און פריי‫ע טעג באַזוכט אַ פּלאַנעריסטן־שול, אַוועק אַלס פרייוויליגער אין דער רויטער אַרמיי אין ערשטן מלחמה־טאָג.

אין יאַנואַר 1942 איז ער מיט אַ גרופּע רויטאַרמייער סקי־לויפער אַרויס אין שלאַכט, ביים דאָרף לובניעווא, סמאָלענסקער געגנט, זיינען זיי באַפאַלן געוואָרן פון אַ דייטשישן גאַרניזאָן פון 400 היטלעריסטן, וועלכע זיינען געווען באַוואָפנט מיט טאַנקען און מינענוואַרפער. דער קאַמף האָט אָנגעהאַלטן לאַנגע שעה'ן. דער קאָמאַנדיר איז אומגעקומען. לייזער פּאַפּערניק האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע און פאַרגעזעצט דעם קאַמף אונטערן לאָזונג: „קיין איין טראָט ניט צוריק". ער איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן. ווען די דייטשן זיינען צו אים צוגעלאָפן, האָט ער מיט אַ גראַנאַטע אויפגעריסן די פיינט אינאיינעם מיט זיך.

באַטאַליאָן קאָמאַנדיר מיכאל שוואַטשקין

געבוירן אין 1912 אין בעלאָצערקאָוו. געענדיקט אַ פּעדטעכניקום. באַשטימט געוואָרן פאַרן דירעקטאָר פון אַ מיטל־שול, און סוף 1940 אַריינגעטראָטן פרייוויליג אין דער רויטער אַרמיי. אין די קאַמפן פאַר קאַווקאַז האָט ער דורכגעפירט אַ געוואָגטע טאַקטישע אָפּעראַציע, פאַר וועלכער ער

איז באַלוינט געוואָרן צום צווייטן מאָל מיט אַן אָרדן „רויטע שלאַכט־פאָן". אין 1943 האָט ער מיט זיין באַטאַליאָן געפירט אַ פאַרביטערטע שלאַכט געגן די דייטשן לעבן נאָוואָראָסיסק און ער האָט צעשמעטערט, אָפּגעשליידערט די היטלעריסטן און איז געפאַלן טויט ווען ער האָט געפירט זיין באַטאַליאָן אין לעצטן אַנגריף.

גענעראַל מאַיאָר דוד טשערניאַווסקי

געבוירן אין 1898 אין פּאָולאָוויטש, קיעווער געגנט. צו 19 יאָר איז ער אַוועק אין דער אַרמיי. נאָך דעם ווי ער האָט פאַרענדיגט אַ מיליטער־שול, איז ער געוואָרן דער קאָמאַנדיר פון אָדעס. דערנאָך גענעראַל־מאַיאָר פון דעם אָדעסער גאַרניזאָן. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אָנפירן אַ העראָאישן קאַמף געגן די נאַציס ביי אָדעס, קרעמענטשוג. ער האָט גע־קראָגן דעם לענין־אָרדן.

זיין ברודער, וויליאַם שער פון שיקאַגע, גיט איבער אַז דוד האָט גע־קראָגן אַ אידישע דערציאונג און איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ „גמרא־קעפּל". ער איז אויך געווען באַרימט מיט זיין גוטן זכרון.

לייטענאַנט פליערין לילי ליטוואַק

לילי ליטוואַק איז באַקאַנט אַלס אַן ערשט־קלאַסיגע פליערין. זי האָט נאָך אין סעפּטעמבער 1943 געהאַט שוין אויף איר רעקאָרד אַראָפּגעשאָסע־נע 60 נאַצי־עראָפּלאַנען.

לייב גראָסמאַן, איינער פון די באַזיגער פון דניעפּער

צווישן די ערשטע זיבן העלדן ביים דניעפּער געפינט זיך דער אידי־שער קעמפער לייב גראָסמאַן. צוזאַמען מיט די אַנדערע זעקס האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט איבערן דניעפּער אין קליינע שיפלעך און געבראַכט אמוניציע אויף דער אַנדערער זייט. פון אויבן האָט גערעגנט מיט באָמבעס פונם שונא, אָבער זיי האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט. אַ דאַנק זייער מסירת־נפש'דיגער אַרבעט זיינען די טיילן פון דער אינפאַנטעריע אַריבער דעם דניעפּער. לייב גראָסמאַן און די אַנדערע זיינען באַערט געוואָרן מיטן אָרדן„רויטער שטערן".

טאַנקיסט שלמה גאָרעליק

געבוירן אין 1914, אין זאַסלאַוו, וואָלין, געטרוימט צו ווערן אַ מוזי־קער. אַנגעקומען אין לענינגראַד אין אַ מיליטער־שול, 10 יאָר געדינט אין

דער רויטער אַרמיי. מיט זיין טאַנק האָט ער זיך געשלאָגן פאַר זשיטאָמיר, פאַר בערדיטשעוו, פאַר קיעוו, הינטער מאָסקווע. אין אַ שלאַכט געגן אי־בערוועגנדיגע פיינטלעכע כחות, האָט זיין טאַנק זיך אָנגעצונדן. מיטן ברע־נענדיגן טאַנק האָט ער זיך אַריינגעשניטן אין דעם שונא׳ס מיליטער און פאַרניכטעט אַ היפש ביסל פאַשיסטן. ביזן לעצטן אָטעם האָט ער געשניטן אויף רעכטס און אויף לינקס די פאַשיסטן.

:: :: ::

צווישן די אידישע העלדן פון דער אוקראַינע פאַרנעמען אַן אָנגעזעע־נעם פּלאַץ אידישע שרייבער און פאַרשיידענע אַנדערע קינסטלער. אונזער גרויסער לאַנדסמאַן, דער לייטענאַנט־פּאָלקאָווניק און דיכטער איציק פעפער, מיט וועלכן מיר האָבן זיך פאַראַיאָרן אַזוי נאָענט באַקאַנט און באַפריינדעט, האָט אין זיין רעדע אויף דער קאָנפערענץ פון אידישע שרייבער אין קיעוו געזאָגט: „אין משך פון דער איצטיגער מלחמה האָט דאָס אידישע פאָלק פאַרלוירן פיר מיליאָן מענטשן. אַ פערטל טייל פון אידישן פאָלק איז אומ־געקומען דורך די היטלער־מערדער אין אייראָפּע, אָבער די אידן האָבן ניט געענטפערט אויף דער גרויסער קאַטאַסטראָפע בלויז מיט וויינען ביי די ברעגעס פון דעם דניעפער און וואָלגאַ, נאָר זיי האָבן געגעבן זייער ענטפער מיט טאַנקען און עראָפּלאַנען. די נאַציס האָבן דערפילט אַנדערע קלעפּ ביי מאָסקווע און סטאַלינגראַד, אין קיעוו און אין קרים. דאָ אין דעם באַפרייטן קיעוו, וואו די שאָטנס פון דעם מאַסן־קבר באבי־יאַר הענגען נאָך אין דער לופטן, פיל איך פאַר מיין חוב אייך צו אינפאָרמירן, אַז צווישן די זין און טעכטער פון די פאַראייניגטע סאָוועטישע פעלקער, וועלכע זיינען געוואָרן פאַרצייכנט אין דעם קאַמף געגן די נאַצישע אַריינדרינגער, פאַרנעמען די אידן דעם פערטן פּלאַץ".

וויטער רעדט ער וועגן דעם, אַז פון הונדערט אידישע שרייבער זיינען צוויי און זעכציג אַוועק אין דער מלחמה, פיר און צוואַנציג אידישע שריי־בער זיינען העראָאיש אומגעקומען אין דעם קאַמף מיט די נאַציס. צווישן זיי זיינען די פאָלגנדיגע אידישע שרייבער פון דער אוקראַינע: כאַשטשע־וואַצקי, לאַפּאַטין, אָלטמאַן, גערשנזאָן, גאַראַבאַניק, קורלאַנד, דיאַמאַנד, גאָלדנבערג, דובילעט און געלמאַן.

ער פאַרענדיגט דעם ערשטן טייל פון זיין רעדע מיט: „אונזערע שריי־בער זיינען געוואָרן קעמפער, האַלטן דערפאַר אונזערע שרייבער אין איין האַנט אַ ביקס און אין דער אַנדערער האַנט אַ פען. דאָס איז אַנהויבנדיג מיט אונזער „זיידן" דוד בערגעלסאָן און ענדיגנדיג מיט דעם „אייניקל" שלומקע אוויליצקי, דעם 17־יאָריגן דיכטער פּאַרטיזאַן".

צווישן די העלדן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד געפינען זיך גרויסע אַרמייען

אידישע העלדן פון אַרבעט. די בויער, שאַפער און דערפינדער, דאָקטוירים, וויסנשאַפטלער, וועלכע געפינען זיך אויף די פראָנטן און אין די לאַבאָראַטאָריעס. זיי זוכן און געפינען נייע מעטאָדן ווי צו היילן די וואונדן פון די פאַרוואונדעטע, ווי צו פאַרגרעסערן די שלאַג־קראַפט פון לאַנד, ווי בעסער צו פאַרניכטן דעם שונא. ווי שנעלער צושטעלן אַמוניציע צום פראָנט און ווי צו באַזאָרגן דאָס הינטערלאַנד. פון זיי וועלן מיר בלויז פאַרצייכענען אַ פאָר:

אינזשעניר שולמית זילבערשטיין

שולמית זילבערשטיין איז אַ טאָכטער פון אַן אַדעסעס שמש. זי איז דער הויפט אינזשענער פון דעם פּראָיעקט קאָקסאַכימסטער, אין די אוראַלן. זי איז געווען איינע פון די בוי־מייסטערס פון דער גרויסער דאַמבע אין דניעפּראָפּעטראָווסק. זי בויט איצט די גרעסטע קאָקאָס־קוילן כעמיע פאַבריק אין דער וועלט.

פּראָפעסאָר לינאַ שטערן

האָט דערפונדן אַזאַ רפואה „עליקסיר" וואָס היילט אויס פון פאַראַליז. פּראָפעסאָר לינאַ שטערן איז באַערט געוואָרן פון דער סאָוועטן־רעגירונג מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל פאַר איר דערפינדונג וועלכע ווערט שוין גענוצט אויף די שלאַכטפעלדער.

פאַרטיזאַנער אברהם בערעזניאַק

אויפן 53־טן יאָר פון זיין לעבן, ווען די נאַציסטישע רוצחים האָבן זיך אַריינגעריסן אין לאַנד איז אברהם בערעזניאַק געוואָרן אַ פאַרטיזאַנער. זיין פאַרטיזאַנישער טייל האָט אַנגעפירט אינם ראַיאָן פון טיראַספּאָל, ביי די ברעגן פון דניעפּער. זיין פאַרטיזאַנישער טייל האָט באַקומען אַן אויפגאַבע אויפרייסן דעם בריק איבערן דניעסטער הינטער טיראַספּאָל, אין מאָמענט, ווען עס וועלן דורכפאָרן נייע דייטשישע, רומענישע חיילות מיט זייער שטאַב. דער אַלטער בערעזניאַק האָט זיך איינגעעקשנ'ט: ער אַליין מוז אויספירן די אויפגאַבע. ער האָט זיך פאַר'גנב'עט צום בריק, אונטערגעלייגט דעם דינאַמיט מיט די קנויטן און זיך פאַרטאַיעט אין אַ ווינקל צו וואַרטן אויפן פאַסיגן מאָמענט. ווען די בריק איז געווען איבערגעפילט מיט נאַצישע מיליטער, אַנגעפירט פון אַ גענעראַל, האָט ער אויפגעריסן די בריק. ער איז אַליין אויך פאַרוואונדעט געוואָרן, אָבער ער האָט זיך געראַטעוועט און איז אַנגעקומען אין אַ שפּיטאָל.

דאָרטן האָט ער זיך דערוואוסט אַז זיין איינציגער זון — אַ לייטע־נאַנט — איז אויך פאַרוואונדעט געוואָרן אין פוס. ער האָט אויך אַ בת־יחידה וועלכע לערנט זיך אין אַ פליער־שול אויף אַ פאַראַשוטיסטן. אברהם בערעזניאַק האָט שטראַלנדיג געזאָגט: „איך וועל נאָך האָבן פון איר אַ סך נחת. זי וועט די בערעזניאַקעס ניט פאַרשעמען".

אַט אַזוינע העלדן זיינען דאָ אין די טויזנטער צווישן די אידישע קעמפער אין דער אוקראַינע, צוזאַמען מיט די ניט־אידישע העלדן און צו־זאַמען מיט דער גרויסער פעלקער־משפחה, אַריינגערעכנט בירא־בידזשאַן, די אידישע אויטאָנאָמע טעריטאָריע אין דעם גרויסן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

פאַראייניגט מיט די העלדן און קעמפער פון אונזער לאַנד און אַלע אַליאירטע פעלקער, פאַרנעמט אונזער פאָלק אַן אַנגעזעענעם פּלאַץ אין דעם בלוטיגן קאַמף צו באַפרייען די וועלט פון פאַשיזם און מיליטאַריזם, פאַר־זיכערן אַ דויערהאַפטן פרידן און אַ גליקלעכע צוקונפט פאַר אַלע פרייהייט־ליבנדיגע פעלקער, צווישן וועלכע עס געפינט זיך אונזער לאַנד און אונ־זער פאָלק.

דער העלדישער דיכטער און קעמפער אהרן קושניראָוו.

שלמה גאָרעליק העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אידישע ליטעראַטור און אידישע קינסטלער אין אוקראַינע

פון נחמן מייזיל



אידישע ליטעראַטור און אידישע קינסטלער אין אוקראַינע — דאָס מיינט אייגנטלעך דאָס גאַנצע אידישע לעבן, די געשיכטע פון אידישן פאָלק אין אוקראַינע. און די געשיכטע פונם אידישן פאָלק אין אוקראַינע הויבט זיך דאָך אָן און ציט זיך איבער טויזנט יאָר. און דערציילן וועגן דעם גאַנג פונם אידישן לעבן און שאַפן אין אוקראַינע — דערויף דאַרף מען האָבן גוטע עטלעכע בענד. טיילן און שטיקער פון אָט דער גרויסער און וויכטיגער אַרבעט זיינען שוין דאָ און דאָרטן אין פאַרשיידענע ווערק, געשריבן געוואָרן אין פאַרשיידענע שפּראַכן. פאַר אונזער זאַמלבוך „דער אוקראַינער איד" וועלן מיר פּרוּוון צו געבן בלויז אַן אָנוואורף פון אָט דער וויכטיגער טעמע און בתכלית הקיצור — אויף עטלעכע זייטלעך. עס וועלן דעריבער זיין בלויז איניגע ראשי־פּרקים, אָנדייטונגען, אַלגעמיינע שטריכן, און דערביי איבערשפּרונגען איבער יאָרהונדערטער און איבער דורות און תקופות. און, פאַרשטייט זיך, אַז עס וועלן דערמאָנט ווערן בלויז די סאַמע וויכטיגסטע, און עס וועלן אויסן בלייבן פיל, פיל גאַנץ־באַדייטנדיגע אידישע שרייבער, וואָס שטאַמען פון דער אוקראַינישער אידישער ערד.

אין זיין באַרימטער רעדע אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ (1908) האָט י. ל. פּרץ געזאָגט: „אידיש (געמיינט אידישע ליטעראַטור — נ.מ.) הויבט זיך נישט אָן מיט א. מ. דיק. דאָס חסידישע מעשה'לע דאָס איז דער „בראשית". „שבחי בעל־שם" און אַנדערע וואונדער־געשיכטן זיינען פאָלקס־דיכטונגען. דער ערשטער פאָלקס־דיכטער איז ר' נחמן פון בראַסלאַוו".

מיר קאָנען צו פּרץ'עס ווערטער צוגעבן, אַז די אידישע ליטעראַטור, דאָס אידישע שאַפן הויבט זיך ניט אָן מיטן חסידישן מעשה'לע און מיט די מעשיות וועגן בעל־שם און ר' נחמן בראַסלאַווער. דאָס אידישע שאַפן אין אוקראַינע הויבט זיך אָן מיטן לעבן פון די אידן אויף דער ערד. און די אַלע חסידישע און פאָלקס־מעשיות און וואונדער־געשיכטן, וואָס זיינען אונז

באַקאַנט זיינען שוין אַ פּראָדוקט, אַ רעזולטאַט פון דעם אידישן פאָלקס־שאַפן, פונם אידישן פאָלקלאָר, וואָס ציט זיין אָנהויב מיט פיל, פיל יאָרן אַפּריער.

די געשיכטע דערציילט אונז, אַז די ערשטע אידישע איינוואַנדערונג קיין אוקראַינע האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַן עלף־צוועלף יאָרהונדערט צוריק. און אין דער שטאָט סאַמבאַט (קיעוו) זיינען שוין געווען אידן זינט דעם 8־טן יאָרהונדערט, דאָס מיינט מיט איבער טויזנט יאָר צוריק. און ווער ווייסט פון ווען אַן עס שטאַמט דאָס באַרימטע וואָרט „כי מקיעוו תצא תורה״, פון קיעוו וועט אַרויסקומען די תורה, — וואָס מ׳האָט פאַראַפראַזירט פונם וואָרט „כי מציון תצא תורה״.

מיר וועלן אָנהויבן מיטן באַרדיטשעווער רב, ר׳ לוי יצחק פון באַר־דיטשעוו, די שטאָט וואָס האָט זיך דערוואָרבן מיט דער צייט דעם נאָמען „ירושלים ד׳וואָלין״. ר׳ לוי יצחק דער באַרדיטשעווער, — ער האָט זיך באַזעצט אין דער שטאָט אַרום 1780, וואו ער איז נפטר געוואָרן אין 1809, — איז געווען, אויסער אַ גרויסער רב און למדן, מחבר פון ספר „קדושת לוי״, אויך אַ דיכטער, — זיינע לידער און מעלאָדיעס זיינען וואויל־באַקאַנט דעם אידישן פאָלק. ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער איז שוין אַליין מיט דער צייט געוואָרן אַ שטיק שאַפונג פון דעם פאָלק. די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט אָט־די געשטאַלט אַרומגעוועבט מיט די פיינסטע רירנדיגסטע לעגענדעס און מעשיות. די זעלבע אידישע פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט אויך געשאַפן פיינע מעשיות וועגן דעם „פאַרגייער״ פון ר׳ לוי יצחק — דעם באַרדיטשעווער שטאָט־מגיד ר׳ ליבער (ער איז געשטאָרבן אַרום 1771 און אויפן אַלטן באַרדיטשעווער בית־עולם האָט זיך ביז די לעצטע יאָרן פאַרהיט זיין מצבה).

אין דער זעלבער צייט האָט אין אַ צווייטער אידיש־אוקראַינער שטאָט, אין אומאַן, געלעבט אַ איד מיטן נאָמען חיים חייקל הורוויץ (1750־1822), וואָס האָט געשטאַמט פון דער אַלטער מיוחס׳דיגער משפחה אין אוקראַינע, די הורוויצעס (פון דעם באַרימטן ר׳ ישעיהו הלוי הורוויץ, דער פאַרפאַסער פון דעם ספר „שני לוחות הברית״ של״ה, וואָס מען האָט אים גערופן טאַקע דער של׳ה הקדוש). אָט דער בכבוד׳יגער איד, חיים חייקל הורוויץ, וואָס איז געבוירן אין אומאַן מיט אַ 200 יאָר צוריק, האָט איבער־געזעצט און פאַראַידישט דאָס דייטשע בוך פון י. ח. קאַמפּע „די אַנטדע־קונג פון אַמעריקע״ און עס אַרויסגעגעבן אונטערן נאָמען „צפנת פענח״ אין באַרדיטשעוו אין 1817, „אויף דער שפּראַך, וואָס עס רעדן אויף איר אונ־זערע מאַסן, אויף אַ ציכטיגער און לייכטער שפּראַך, כדי יעדער זאָל פאַר־שטיין און הנאה האָבן״ (פון זיין שער־בלאַט, געשריבן אין העברייאיש). דאָס איז, אגב, דאָס ערשטע בוך אויף אידיש וועגן אַמעריקע און וועגן דער־

באַדייטונג פון אָט דעם ניי־אַנטדעקטן לאַנד פאַר דער מענשהייט. חיים חייקל הורוויץ ענדיגט זיין בוך מיט די ווערטער: „עס איז גאָר זייער אַ גרויסע טובה פון (פאַר—נ.מ.) די דריי טיילן וועלט, וואָס מען האָט דאָס אַמעריקע געפונען, ווייל זייער פיל מיליאָנען מענטשן זיינען פון די היגע לענדער אַוועקגעגאַנגען קיין אַמעריקע און האָבן זיך דאָרט באַזעצט, און ווען דאָס אַמעריקע וואָלט ניט געווען, וואָלטן אַלע מענטשן געווען דאָ געבליבן אין די דריי טיילן וועלט: אַזיע, אייראָפּע, אַפריקע, אַזוי וואָלט דאָ געווען חס ושלום הונגער און קראַנקהייטן און אויך פיל אַנדערע צרות . . . און יענע פיל מיליאָנען מענטשן, וואָס זיינען פון דאַנען אַוועקגעגאַנגען איז זיי דאָרטן זייער גוט . . . ”

ר׳ נחמן בראַסלאַווער מיט זיין תלמיד ר׳ נתן, און זייערע וואונדערלעכע פאַנטאַסטישע מעשיות, זיינען געווען פּאָפּולער צווישן די לייענער. וועגן אָט־די אמת׳ע קינסטלער און זייערע פּראַכטפולע געשיכטן איז שוין פאַראַן אַ רייכע ליטעראַטור, פיל ווערק און אָפּהאַנדלונגען זיינען וועגן דער דיכטערישער פּערזענלעכקייט ר׳ נחמן בראַסלאַווער און זיינע אייגנאַרטיגע שאַפונגען געשריבן געוואָרן, אָנגעהויבן פון פּרצ׳ן און ביז אויף דער איצטיגער צייט.

פּרעכטיגע פאָלקס־מעשיות און לעגענדעס, מינדלעכע און שריפטלעכע, זיינען געשאַפן געוואָרן וועגן פאַרשיידענע אידישע „גוטע אידן”, פאָלקס־וויצלער, מאַרשאַלקעס, בדחנים, אידישע קלעזמער פון אוקראַינע, וואָס זיינען מיט דער צייט דורך שפּעטערדיגע פאַרשיידענע אידישע קינסטלער איבערגעדיכטעט געוואָרן, אָדער זיינען אַריינגעפלאָכטן געוואָרן אין זייערע ווערק.

דער באַגינען פון דער השכלה־באַוועגונג אין רוסלאַנד רוקט אַרויס אייניגע אינטערעסאַנטע קעמפער־שרייבער, ווי ר׳ יצחק בער לעווינסאָן (ריב״ל), געבוירן אין קרעמענעץ 1788 און דאָרטן געשטאָרבן 1860. ער איז דער גייסטיגער פאָטער פון דער השכלה־באַוועגונג. אויסער זיינע וואָגיגע העברייאישע ווערק, האָט ער אויך אַ אידיש ווערק „הפקר־וועלט”, וואו ער מאָלט מיט די שוואַרצסטע פאַרבן דאָס אידישע לעבן פון זיין צייט.

אין דער זעלבער צייט האָט געלעבט אין אוקראַינע און געשאַפן פיל ווערק ישראל אַקסענפעלד (געבוירן אין נעמיראָוו 1787, — געשטאָרבן אין פאַריז 1866). ער איז געווען איינער פון די ערשטע באַדייטנדיגסטע אידישע פאָלקס־שרייבער, וואָס האָט געשריבן דערציילונגען און דראַמאַטישע ווערק, וואָס, צום באַדויערן, האָט מען אין זיין צייט נישט געקאָנט דרוקן. אַ גרויסער טייל פון זיי איז פאַרלוירן געגאַנגען, די אויפגעהיטענע זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן ביי זיין לעבן און נאָך זיין טויט: „דער אידישער רעקרוט” און „דאָס שטערנטיכל” און אַנדערע.

אַ פּאָפּולערער העברייאיש־אידישער שרייבער איז געווען אברהם בער גאָטלאָבער (אב"ג), געבוירן אין אַלט־קאָנסטאַנטין אין 1811. ער איז אויסגעווען פיל שטעט און אויך געווען לערער פון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול, וואו עס האָט צווישן אַנדערע געלערנט א. גאָלדפאַדן, דער פאָטער פונם מאָדערנעם אידישן טעאַטער. א. ב. גאָטלאָבער האָט אַרויסגעגעבן אַ העברייאישע צייטשריפט „הבוקר אור", וואו פרץ האָט געדרוקט זיינע ערשטע פּאָעמעס אין העברייאיש. גאָטלאָבער האָט אויך פאַרפאַסט אַ דראַמאַטיש ווערק און פאַרעפנטלעכט אינטערעסאַנטע זכרונות וועגן די עלטערע אידישע שרייבער (ער איז געשטאָרבן 1899).

אַן אינטערעסאַנטע, פּיאָנערישע און קעמפערישע פּערזענלעכקייט איז געווען יהושע מרדכי ליפשיץ (1828־1878), ער האָט געוואוינט אַלע יאָרן אין בערדיטשעוו, איז געווען אַ שפּראַך־קענער, אַ סאָציאַליסט און קעמפער פאַר אידיש. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ רוסיש־אידישן און אידיש־רוסישן ווערטערבוך וואו ער האָט אָנגעזאַמלט די פאָלקס־שפּראַך פון זיין צייט און דערהויפּט פון זיין באַרדיטשעוו. פאַרעפנטלעכט פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען. ער האָט באַווירקט מענדעלע מו"ס צו שרייבן אידיש, ווען ער, מענדעלע, האָט געוואוינט אין באַרדיטשעוו.

און אָט וויזט זיך יצחק יואל לינעצקי (געבוירן 1839 אין וויניצע, געשטאָרבן 1916 אין אָדעס), וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין שאַרף־סאַטיריש ווערק „דאָס פּוילישע אינגל". זיינע דערציילונגען און אַרטיקלען צייכענען זיך אויס מיט זייער באַזונדערער בייזקייט און אומקאָמפּראָמיסקייט.

צו יענער צייט רוקט זיך אַרויס אין דער אידישער ליטעראַרישער און דערנאָך — ספּעציעל אין דער טעאַטראַלישער וועלט אברהם גאָלדפאַדן (געבוירן אין אַלט־קאָנסטאַנטין 1840, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק 1908). אַ דיכטער, אַן אַרויסגעבער פון אידישע צייטשריפטן, אָבער דער עיקר האָט ער זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין איניציאַטיוו צו גרינדן דעם מאָדערנעם אידישן טעאַטער. ער האָט פאַרפאַסט די פאַרשיידנאַרטיקסטע פּיעסעס, געשריבן פאַר זיי מוזיק און געשטעלט זיי. די ערשטע טעאַטער־פאַרשטעלונגען זיינען דורך אים געגעבן געוואָרן אין רומעניע, דערנאָך אין אָדעס און אין פאַרשיידענע אַנדערע שטעט אין רוסלאַנד, אין אויסלאַנד. מיט רעכט ווערט ער אָנגערופן דער פאָטער פונם אידישן טעאַטער.

אין די 70־סטער יאָרן פונם 19־טן יאָרהונדערט, נאָך פיל שוועריגקייטן, גיט זיך איין אַרויסצובאַקומען פון דער צאַרישער רעגירונג אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ פּעריאָדישע אידישע פּרעסע. אין 1862 הויבט אָן צו דעשריינען אין אָדעס דער „קול מבשר", ווי אַ מין ביילאַגע צום העברייאישן „המליץ", וואָס עס גיט אַרויס אַלעקסאַנדער צעדערבוים (1816־

1893), וואָס האָט געוואוינט אַ לענגערע צייט אין אָדעס — דער דעמאָלט־דיגער קולטור־צענטער פונם דרום־רוסלענדישן אידנטום. דאָס איז אייגנט־לעך די ערשטע אמת׳ע פעריאָדישע פרעסע אין אַ מאָדערנעם אידיש אין דער גאַנצער וועלט.

מיט אָדעס איז פאַרבונדן דער נאָמען פון דער אינטערעסאַנטער קאָמ־פליצירטער פערזענלעכקייט, איינער פון די ערשטע רוסיש־אידישע אינ־טעליגענטן, וואָס האָבן פאַרשטאַנען דעם באַדייט פון דער אידישער שפּראַך, איינער פון די ערשטע ערנסטע פאָרשער און קריטיקער פונם אידישן ליד און פון דער דעמאָלטדיגער אידישער ליטעראַטור, דער גרינדער פון דעם בעסערן אידישן טעאַטער מיט אַ אייראָפּייאישן רעפּערטואַר נאָך אין 1880, — דאָס איז יוסף יהודה לערנער (געבוירן אין בערדיטשעוו 1847, גע־שטאָרבן 1907).

אין די 60־ער און 70־ער יאָרן האָבן זיך אָנגעהויבן שאַפן אין אוק־ראַינע וויכטיגע פּראָגרעסיוו־וועלטלעכע קולטור־צענטערן. אין זשיטאָמיר האָט די ראַבינער־שול צוגעצויגן אָנגעזעענע אידישע קענער, פאָרשער, שרייבער פון אַנדערע רוסלענדישע געגנטן, ווי: ח. ז. סלאָנימסקי פון פוילן, א. ד. צוויפל (1815־1888) פון ליטע א.א. אויך אָדעס, ווי אַ יונגע פרייע שטאָט, האָט אָנגעהויבן צוציען צו זיך אידישע שרייבער פון פאַרשיידענע געגנטן. אין אָט דער שטאָט זיינען אויסגעוואַקסן פיל באַדייטנדיגע אידישע און העברייאישע שרייבער און מיט אָט דער שטאָט איז פאַרבונדן די געשיכטע פון דער העברייאישער, אידישער און אידיש־רוסישער פּרעסע און אויך פאַרבונדן דאָס שאַפן פון אָנגעזעענע אידישע און העברייאישע שרייבער און געלערנטע, ווי מענדעלע מוכר ספרים (1836־1917), מ. ל. ליליענבלום (1843־1910), אחד־העם, אשר גינצבערג (געבוירן אין סקווירע **1856, געשטאָרבן אין תל־אביב 1927), שמעון דובנאָוו (1860־1941)** חיים נחמן ביאַליק, דר. יוסף קלויזנער (1874) און נאָך און נאָך.

אויך מאַרק וואַרשאַווסקי, דער רוסיפיצירטער אידישער אַדוואָקאַט, וואָס האָט פאַרפאַסט די באַרימטע אידישע האַרציגע לידער, וואָס זיינען דורך און דורך עכט־פאָלקסטימלעך לויט זייער חן און מאָטיוון, איז אַן **אוקראַינער** איד. ער איז געבוירן אין אָדעס 1846, געלעבט דערנאָך אין זשיטאָמיר — שפּעטער, אַלע יאָרן אין קיעוו, וואו ער פלעגט אַרויסטרעטן צוזאַמען מיט שלום־עליכמ׳ען מיט זיינע לידער, אַליין זינגען און אַקאָמפּאַנירן זיי אויפן קלאַוויר. פיל לידער פון וואַרשאַווסקי׳ן געהערן באמת צום פאָלק, זעלטן־ווער ווייסט, ווער זייער פאַרפאַסער איז.

אין אַ געוויסן זינען איז אויך שלום יעקב אַבראַמאָוויטש (מענדעלע מוכר ספרים) אַן אוקראַינער. אמת, ער איז טאַקע געבוירן אין קאַפּוליע, מינסקער גובערניע, אָבער אַ יונג בחור׳ל פון 17 יאָר האָט ער פאַרלאָזט זיין

היימשטאָט, און האָט דערנאָך אַלע זיינע יאָרן געוואוינט אין אוקראַינע — אין קאַמענעץ, בערדיטשעוו, זשיטאָמיר און שפּעטער אין אָדעס (פון 1881 ביז 1917, וואו ער איז געשטאָרבן).

אַן אמת׳ער אוקראַינער איד איז געווען שלום־עליכם (שלום ראַבי־נאָוויטש). ער איז געבוירן אין 1859 אין פּערעיאַסלאַוו, ביים דניעפּער, געלעבט אין פאַרשיידענע שטעטלעך און שטעט און פאַראייביגט דעם אוק־ראַינער איד, זיין לעבנס־שטייגער, זיינע לײדן און פריידן אין זיינע אומ־שטערבלעכע ווערק און דורך זיינע אומפאַרגעסלעכע טיפּן (מנחם מענדל, טביה דער מילכיגער, מאָטל פּייסי דעם חזנ׳ס און הונדערטער אַנדערע). קאַסרילעווקע און יעהופּעץ זיינען אמת׳ע סימבאָלן פון די אוקראַינישע אי־דישע שטעטלעך און שטעט, און די שלום־עליכימ׳שע הומאָרפולע און טרויעריגע געשיכטעס זיינען שטיקער צאַפּלדיג לעבן פון דער אידישער אוקראַינע. שלום־עליכם איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין 1916.

דער מיטצייטלער פון שלום־עליכם איז געווען מרדכי ספּעקטאָר (1859־1916), — אויך ער איז געווען אַן עכטער אוקראַינער איד לויט זיין וועזן און כאַראַקטער. געבוירן אין אומאַן, האָט ער דערנאָך געלעבט אין וויניצע, אין אָדעס, ער האָט געשאַפן באַהאַרצטע אידישע דערציילונגען און ראָמאַנען, וואָס פאַרמאָגן די ראָמאַנטישקייט פון דעם אוקראַינער לעבנס־שטייגער. פּונקט ווי שלום־עליכם האָט זיין לעצט ווערק, „פונם יאַריד״, געווידמעט זיין געבוירנשטאָט, אַזוי אויך האָט מרדכי ספּעקטאָר אין זיין לעצט ווערק „מיין לעבן״, געמאָלן די שטאָט אומאַן, וואו ער איז געבוירן און אויפגע־וואקסן.

און שמעון פרוג, דער טאַלאַנטפולער רוסיש־אידישער און אידישער דיכ־טער איז געבוירן אין כערסאָנער גובערניע אין 1860, אין דער אַלטער אידישער קאָלאָניע באָבראָוויקוט, געגרינדעט אַרום 1811, וואָס איז צוזאַמען מיט אַן אַנדערער אידישער קאָלאָניע פון יענער צייט שדה מנוחה (איצט הייסט עס קאַלינינדאָרף), געוואָרן דער צענטער פונם ערשטן אויטאָנאָמען אידישן ראַיאָן, אין ראַטנפאַרבאַנד. ער איז געשטאָרבן אין אָדעס 1916. אין איינע פון זיינע זאַכן ווערט געשילדערט דאָס אידישע לעבן אין די קאָלאָניעס.

פון די טיפּענישן פון דער אַלט־אידישער קולטור און מיט געוואַלדיגע וויזיעס פאַר אַ באַנייאונג פונם אידישן לעבן איז אַרויסגעוואַקסן דער אוק־ראַינישער איד, דער זון פון בערשאַדער רב, מיכה יוסף בערדיטשעווסקי (געבוירן אין בערשאַד 1865, געלעבט אין אומאַן, בעלאַ־צערקאָוו, וואָס האָט געהייסן אויף העברייאיש שדה־לבן, אָדעס, שפּעטער אין בערלין). אַדורכגע־קנאָטן מיט דער בית־המדרש־אידישקייט, האָט ער דערנאָך אין זיינע ווערק גערופן צו צינדן הינטער זיך די בריקן מיטן אַלטן לעבן און לסוף געוואָרן

איינער פון די גרעסטע פאַרהערלעכער פון דער אידישער אגדה, פון דער אידישער פאָלקסטימלעכקייט. ער איז געשטאָרבן אין 1921. ער האָט געשאַפן טיף־איינאַרטיגע ווערק אין העברייאיש און אידיש.

און מרדכי זאב פייערבערג פון זוויהיל (געבוירן 1874, געשטאָרבן 1899) האָט פאַר די עטלעכע קורצע יאָר פון זיין שאַפן זיך אַרויסגערוקט אין דעם אויבנאָן פון דער העברייאישער ליטעראַטור. זיינע געציילטע ווערק זיינען פאַרבליבן אין רייכן קולטור־אוצר פון דעם אידישן שאַפן אין אוקראַינע.

און אָט וואַקסט אַרויס פון די אוקראַינער וועלדער און שטעטלעך אַרום זשיטאָמיר דער גרויסער דעמב חיים נחמן ביאַליק (געבוירן אין 1873, געשטאָרבן 1934), אַדורכגעמאַכט אַ שווערע קינדהייט און יוגנט ביי אָרעמע טאַטע־מאַמע און ביי אַ נישט־פאַרמעגלעכן זיידן. קומענדיג אין אָדעס ווי אַ באַשיידענער פראָווינצלער, איבערראַשט ער גיך מיט זיינע ערשטע שאַפונגען און פאַרנעמט באַלד דעם שטול, דעם כסא־הכבוד פון אַ נאַציאָנאַלן אידישן דיכטער. זיינע ווערק אין העברייאיש און אידיש, זיינע פרעכטיגע דערציילונגען, זיינע עסייען ווערן דער שאַץ פון גאָר דעם אידישן פלאָק. זיין לעבן און שאַפן איז פאַרבונדן מיט די לײדן און פריידן, מיט די פאַרצווייפלונגען און טרוימען פון דעם אידישן פאָלק. די אוקראַינער לאַנדשאַפט, דער אוקראַינער אידישער לעבנס־שטייגער איז געווען דער אָביעקט פאַר זיינע מייסטערהאַפטע ווערק.

אין דעם זעלבן יאָר (1873) איז אין אַן אַנדער שטעטל אין וואָלין געבוירן י. צינבערג, איינער פון די גרונטלייגער פון די גרינטלעכע אַרבעטן אויפן געביט פון אידישער פרעסע און ליטעראַטור־געשיכטע, דער פאַרפאַסער פונם מאָנומענטאַלן ווערק „די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי אידן” (טויזנט יאָר אידיש שאַפן). ער איז געשטאָרבן אין 1943.

אין דער שטאָט אָדעס, וואָס אַ דאַנק דער חיבת־ציון־באַוועגונג און דאָס וואוינען דאָרטן פון מ. ל. ליליענבלום, אחד־העם, י. ח. ראַווניצקי, ח. נ. ביאַליק, איז געוואָרן אַ ליטעראַריטער צענטער, האָבן זיך גענומען אויספיקן באַגאַבטע שרייבער, וואָס האָבן געאַרבעט אין ווערקשטאַטן. עס רוקט זיך אַרויס אַ פיינער דערציילער בערל שאַפיר (געבוירן אין אַלט־קאָנסטאַנטין 1876, געשטאָרבן 1922). א פיינער פאָלקס־שרייבער, געשאַפן האַרציגע קינדער־לידער און אַ דראַמאַטיש ווערק.

עס רוקט זיך אַרויס אין אָדעס אַ באַדייטנדיגער שרייבער, וואָס קומט גלייך פון דער טאָקערײ, יונה ראָזענפעלד — איינער פון די אייגנאַרטיגסטע און טיפסטע אידישע שרייבער, וואָס פאַרנעמט מיט דער צייט אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור מיט זיינע פאַרטיפטע

פסיכאָלאָגישע דערציילונגען (ער איז געבוירן אין 1880 אין טשאַרטאָריסק, ביי קאָוועל, וואָלין, געשטאָרבן 1944).

און לאַמעד שאַפּירא (געבוירן 1878 אין רזשיטשעוו, ביי קיעוו), דער איינגאַרטיגער און פּרעציזער דערציילער, דער מייסטער פון דער קלענערער נאָוועלע, דער וואַכער און ניכטערער באַאָבאַכטער פונם אידישן לעבן און איינער פון די פיינפילנדיגע אימפּרעסיאָניסטן אין דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור.

עס איז אינטערעסאַנט: די אידישע אוקראַינע האָט אַרויסגעגעבן אייניגע באַדייטנדיגע אידישע שפּראַך־פאָרשער, פילאָלאָגן און געשיכטע־שרייבער פון דער אידישער ליטעראַטור. מיר האָבן פריער דערמאָנט י. צינבערג. מען דאַרף דערמאָנען בער באָראָכאָוו (געבוירן אין זאָלאָטאָנאָשי, פּאָלטאַ־ווער גובערניע אין 1881 און געשטאָרבן אין קיעוו 1917), וואָס אויסער זיי־נע וויכטיגע אַרבעטן ביי פאָרמולירן די פּאָסטולאַטן פונם פּראָלעטאַרישן ציוניזם, וואָס האָט אים געמאַכט פאַר דעם פאָטער פון אָט דער באַוועגונג, האָט ער גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער אידישער פילאָלאָגיע.

אין דער זעלבער שטאָט פּאָלטאַווע זיינען געבוירן און אויפגעוואַקסן דער פּועלי־ציון־פירער זרובבל (יעקב וויטקין), דער נישט־לאַנג־פאַרשטאָר־בענער היסטאָריקער אליהו טשעריקאָווער, דער אידיש־העברייאישער שריי־בער א. ראובני און זיין ברודער — דער פּאָרזיצער פון דעם „ועד הלאומי" אין ארץ־ישראל י. בן־צבי.

און בעל־דמיון (נחום שטיף) (געבוירן אין ראָוונע, שטודירט אין קיעוו, וואו געשטאָרבן 1933), וואָס מיט זיין לעבן און טעטיגקייט זיינען פאַר־בונדן שטיקער געשיכטע פון פאַרשיידענע אידישע פּאָליטישע און געזעל־שאַפטלעכע, ווי אויך קולטורעלע באַוועגונגען אין דעם אידישן רוסלאַנד. ער איז איינער פון די גרינדער פון אידישן זעלבסטשוץ נאָך די קעשענעווער פּאָגראָמען. ער איז דער גרינדער פון „איוואָ" (אידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט) און דער פּאָרפאָסער פון פאַרשיידענע ווערק צו דער געשיכטע פון דער אַלטער און עלטערער אידישער ליטעראַטור. ווי אַ שפּראַך־מייס־טער האָט ער איבערגעזעצט פיל ווערק אין אידיש.

פון דער זעלבער שטאָט ראָוונע שטאַמט משה זילבערפאַרב (געבוירן אין 1876), איינער פון די גרינדער פון דער פּאַרטיי „סיימאָוצעס" און דער ערשטער אידישער מיניסטער פון אוקראַינע ביי דער אוקראַינישער ראַדע (1917־1918), פאַרפאַסט דאָס בוך „דאָס אידישע מיניסטעריום און די אי־דישע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אין אוקראַינע". (געשטאָרבן אין וואַרשע 1934).

מען דאַרף אויך דערמאָנען וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי (געבוירן אין 1880 אין אָדעס, און איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין 1940), וואָס

האָט אַדורכגעמאַכט אַ רייך זיגזאַגיש לעבן, פון אַ באַגאַבטן זשורנאַליסט און שריפטשטעלער, געוואָרן אַן אָנגעזעענער ציוניסט און דערנאָך — דער באַגייסטערער און שאַפער פון דער רעוויזיאָניסטישער באַוועגונג, וואָס מאַכט אַדורך שנעלע באַרג־אַראָפּן.

פון די רב'נישע און ישיבה'שע קרייזן אין אוקראַינע זיינען אַרויסגעוואַקסן די באַוואוסטע העברייאיש־אידישע שרייבער י. ח. ברענער (1881 אין ניי־וואָלין, דערמאָרדעט 1921 אין תל־אביב), און א. נ. גנעסין (געב. אין סטאַראָדוב 1882, געשט. 1913).

די נייע אידישע ליטעראַטור אין אוקראַינע רוקט אַרויס אַ גרויסע צאָל וואָגיגע קינסטלער, וואָס פאַרנעמען אַ וויכטיגן אָרט אין דער אידישער ליטעראַטור.

פריער פון אַלץ צוויי נעמען, וואָס זיינען איצט שטאַרק באַוואוסט אין דער אידישער וועלט: דער נסתר (פיניע קאַגאַנאָוויטש), געבוירן אין בערדיטשעוו אין 1884, וואָס אויסער זיינע אומצייליגע ווערק, לידער און פּאָעמעס און סימבאָליש־אַלעגאָרישע מעשיות, וועלכע האָבן אים גוט באַקאַנט געמאַכט ווי אַ טיף־אָריגינעלן דיכטער, האָט ער די לעצטע יאָרן געשאַפן אַ גרויס ווערק, „משפחה מאַשבער", וואָס ברענגט אַרויס די שטאָט באַרדיטשעוו.

און דוד בערגעלסאָן (געב. אין 1884, אין אָפּרימאָווע, ביי אומאַן), וואָס אין זיינע אַלע גרעסערע ראָמאַנען און קלענערע דערציילונגען האָט ער אַרויסגעבראַכט דאָס אידישע לעבן פון דער אידישער אוקראַינע, אירע עלטערע און אינגערע מענטשן, אירע יונגעלייט, בחורים און מיידלעך, און גאָר דאָס קליינבירגערלעכע „אָפּגייענדיג" לעבן און דעם „נאָך אַלעמען" פון אַ גאַנצן שיכט.

דיביידע שרייבער זיינען געוואָרן די „פּאַטערס" פון דער וואַקסנדיגער אידישער ליטעראַטור אין אוקראַינע, מיטן צענטער אין קיעוו. אַרום זיי — נחמן מייזיל, אשר שוואַרצמאַן, י. דאָברושין, נחום אויסלענדער, עזרא קאָרמאַן, און דער אינגערער דור דיכטער, וואָס איז געקומען מיטן רעוואָלוציאָנערן אויפשוואונג און אין באַגין פון דער רוסלענדישער ווידערבאַנייאונג אין 1917: דוד האָפשטיין, לייב קוויטקאָ, פּרץ מאַרקיש,ביינוש שטיימאַן, עזרא פינינבערג, ליפע רעזניק, איציק פעפער, אהרן קושניראָוו, איציק פעפער, חנה לעווין און נאָך און נאָך דיכטער, נאָוועליסטן, וואָס זיינען אויפגעקומען אין די יאָרן פון דער געוואַלדיגער אויסברייטערונג פון די שאַפערישע פאַרמעסטן אין דער סאָוועטישער אוקראַינע.

אָפּשטעלן זיך אויף די ווערק, אויף די אויפטוען פון יעדן איינעם פון די אויסגערעכנטע שרייבער, — הייסט אָנשרייבן אַ שטיק געשיכטע פון דער סאָוועטיש־אידישער ליטעראַטור אין אוקראַינע פאַר די לעצטע 25 יאָר.

צו דעם קיעווער קרייז שרייבער, פאָרשער, קריטיקער געהערן אויך דוד זאַסלאַווסקי, משה ליטוואַקאָוו, שמעון דאָבין, מיכל לעווינטאַן, דער רע־זשיסער מישא ראַפּאַלסקי, דער מוזיקער מ. בערעזאָווסקי, דער רעזשיסער אפרים לוטער, וואָס יעדער איינער אויף זיין געביט האָט פיל אויפגעטאָן פאַר דער וואַקסנדיקער אידישער ליטעראַטור און קולטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

מען דאַרף, אגב, אָהער צורעכענען די קינסטלער, מאלער און סקולפּ־טאָרן, וואָס זיינען גלייכע שותּפים צו די קולטור־אויפטוען, ווי יוסף טשאַי־קאָוו, ברוך אַראָנסאָן (איצט אין ניו־יאָרק), יששכר בער ריבאַק, מ. עפּשטיין און פיל אַנדערע, וואָס זייער באַטייליגונג אין די אַלע קינסטלערישע טע־טיגקייטן אין אוקראַינע איז געווען זייער גרויס.

לסוף וועלן מיר, צוליב מאַנגל אין אָרט, בלויז אויסרעכענען די וויכ־טיגסטע אידישע שרייבער, וואָס שטאַמען פון דער אידישער אוקראַינע און וואָס האָבן געלעבט און לעבן אין אַמעריקע, זיינען טעטיג אין דער אידי־שער אַמעריקע און פאַרמאָגן אויף דעם אָדער אַנדערן שטייגער די ספּעצי־פישע כאַראַקטער־שטריכן, די אייגנאַרטיגקייטן פון דער אידישער אוקראַי־נע. יעדער איינער איז אַ וועלט פאַר זיך און האָט געשאַפן דאָ פאַרשיידנ־אַרטיגע ווערק, וואָס זיינען מער־וויינגער באַקאַנט אין דער אידישער אַמע־ריקע:

שמואל ראָזענפעלד (געב. 1869, געשט. 1943), יעקב לעשצינסקי (האָראָדישטשע 1876), וויליאַם עדלין (פרילוקי 1878), ה. רויזענבלאַט (אין דאַרף רישאַשע, פּאָדאָליע 1878), שמואל צבי זעצער (זוויהיל, 1880), דר. אברהם קאַראַלניק (אומאַן 1883, געשט. 1937), מאַני לייב־בראַהינסקי (ניעזשין 1883), דוד איגנאַטאָוו (ברוסילאָוו 1885), דר. מלך כמעלניצקי (קאָנסטענטיקאָווקע 1885), משה כץ (ניקאָלאַיעוו, 1885), חיים קאַטיליאַנ־סקי, ל. מילער (לאַנאָוויטש 1887), נחמן מייזיל (קיעוו 1888), אשר ביטעל־מאַן (אָדעס 1890), ברוך גלאַזמאַן (מאָזיר 1893), ז. וויינפּער (טריסק 1893), א. לוצקי (ביי לוצק 1893), ש. מילער (פיליפּאָוויטש 1895), מנחם ריבאַלאָוו (טשודנאָוו, 1895), יאָסל קאָטלער (1896 טראָיאַנעש, געשט. 1935), י. י. סיגאַל (קאָרעץ, 1896), כאַווער פּאַוער (בערשאַד 1900), א. ל. אָוונטאַל־וויינפּער (טריסק 1902, געשט. 1939), אברהם ביק (קאָמאַרין טשערניגאָוו, 1913).

דאָס איז אין די סאַמע־אַלגעמיינסטע און קירצסטע ווערטער דער אָנ־וואורף פון דעם גאַנג פון דער אידישער ליטעראַטור אין אוקראַינע ווי אויך דאָס צעטל פון די וויכטיגסטע שרייבער און קינסטלער, וואָס זיינען גע־בוירן, אויפגעצויגן און האָבן טיילווייז געשאַפן אין אוקראַינע.

שוין דער וויט־נישט־פולער און נישט־אויסגעשעפטער צעטל פון די קינסטלער־שאַפער ווייזט ווי גרויס עס איז דער צושטייער פון דער אידישער אוקראַינע אין דעם אַלגעמיינעם אידישן קולטור־שאַפן זינט אַמאָל און ביז דער היינטיגער צייט.

שלום־עליכם אין קיעוו

(דעראינערונגען וועגן מיין פֿאָטער שלום־עליכם)

פון מאַרי גאָלדבערג

איך געדענק די שיינע שטאָט קיעוו, אָבער נאָך לעבעדיגער אין מיין זכרון איז דאָס הויז אין וועלכן מיר האָבן דאָרטן געוואוינט, און אונזער דירה אויף באָלשאַיאַ וואַסילקאָווסקאַיאַ נומער 5.

ווי אַלע שטאָטיש־בורזשואַזע קינדער פון יענער צייט, האָבן מיר, קינדער פאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פון טאָג אין שטוב. אין דרויסן פלעגן מיר אַרויסגיין נאָר אויף איין שעה צייט אין באַגלייטונג פון איינער פון אונזערע דריי דינסטן. אַמאָל פלעגט די מאַמע אַליין אונז נעמען אין אָוונט אויף אַ שפּאַציר אין שטאָט־גאָרטן. דאָס איז געווען געגן „אַלע געזעצן" פון דער העכערער געזעלשאַפט, און די קיעווער אַריסטאָקראַטישע דאַמען פלעגן דערפאַר מיין מוטער אויסמיידן — זייערע קינדער פלעגן שפּאַצירן מיט גאוווערנאַנטקעס, בעת זיי אַליין, אויסגעסטראָצלט ווי די פּאַוועס, האָבן אַרומגעשפּאַצירט הין און צוריק מיט זייערע מענער. אָבער אַזוי ווי די רעפּוטאַציע פון מיין מוטער איז אין די אויגן פון דער קיעווער בורזשואַזער געזעלשאַפט סאַי־ווי געווען רואינירט צוליב דעם וואָס זי איז אַוועק נעמען קורסן צו ווערן אַ דענטיסטין, האָט זי ניט געהאַט וואָס צו פאַרלירן . . .

אפשר דערפאַר וואָס מיר, קינדער, האָבן אַזוי פיל פאַרבראַכט אין הויז, איז אין אונזער זכרון פאַרבליבן אַזוי פיל איינדרוקן און איינצלהייטן פון אונזער היים.

למשל: מיין פאָטער׳ס קאַבינעט, וואו עס איז געשטאַנען זיין שרייבטיש, זיין ביכער־שראַנק מיט ביכער אַלע געבונדן אין זעלבן גרויען לייוונט מיט רויט־געשטעמפּלטן לעדער אויף זייערע רוקנס, זיין שטייענדיגער טישל, אָדער סטענדער, וואָס מען האָט געקענט אויסדרייען אין יעדער ריכטונג, און וואָס האָט געהאַט אונטן פּאָליצעס פאַר צייטונגען און זשורנאַלן און אויבן איז עס געווען משופּע׳דיג ווי אַ סטענדער, אַזוי אַז פאַרן פאָטער איז געווען באַקוועם צו שטיין ביי דעם און זיך אָנשפּאַרן דערויף מיט די עלנבויגנס.

אַט ביי דעם דאָזיגן שטענדער, האָט מיין פאָטער ליב געהאַט צו שטיין און שרייבן. ביים שרייב־טיש גופא פלעגט ער זיך צוזעצן נאָר דעמאָלט ווען ער האָט געדאַרפט צוקלעפּן, אויסשניידן און ווידער צוקלעפּן די בלעט־לעך פון זיין מאַנוסקריפּט, וואָס איז שוין פריער פיל מאָל איבערגעשריבן געוואָרן אויף ריין אין דער שיינער האַנטשריפט פון זיין איבערשרייבער אשר ביילין — שפּעטער אַ באַוואוסטער שרייבער אין לאָנדאָן און אַ ברוד־דער פון רחל מאַניעוויטש, די פרוי פון פאַרשטאָרבענעם גרויסן אידישן קינסטלער, אברהם מאַניעוויטש. ביים שרייב־טיש פלעגט ער זיך אויך זעצן מיטן ציגאַר אין האַנט בעת די אידישע בירזשעוויקעס פלעגן קומען צו אים ריידן וועגן געשעפט.

דער דאָזיגער שרייב־טיש האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דעם וואָס אויף אים זיינען געווען אָנגעשטעלט אַלערליי צאַצקעס און קונסט־זאַכן, צווישן זיי אַ קליינטשיקער מאָדעל פון אַ וועלאָסיפּעד (בייסיקל). אָט דער וועלאָ־סיפּעד איז געווען אַן אמת'ער קונסטווערק, פּרעכטיג שיין און וואונדערלעך געבויט, פונקט ווי אַ גרויסער. מיר קינדער האָבן עס זעלטן אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט. די רעדעלעך האָבן זיך אַזוי לייכט געדרייט, און די גומי אויף זיי האָט מען געקענט אַרונטערנעמען און צוריק אָנטאָן. גאָר אַמאָל פלעגט נאָך אפילו קלינגען דאָס גלעקעלע ביי די הענטלעך, נאָר ביז וואַנען איך בין אונטערגעוואַקסן געגנוג צו דערגרייכן דעם וועלאָסיפּעד אויפן טיש, האָט שוין דאָס גלעקעלע ניט געקלונגען. די פיר עלטערע קינדער פון מיר האָבן שוין עס אויספּייעט קאַליע צו מאַכן. (דער זעקסטער, און אינגסטער ברודער איז נאָך ניט געבוירן געווען).

אָט דער וועלאָסיפּעד איז געשטאַנען אויפן פאָטער'ס שרייב־טיש אַזוי אַז ווען די אידישע בירזשעוויקעס זיינען געקומען און זיך געזעצט אַנטקעגן מיין פאָטער איז עס זיי געווען צו דער האַנט. מיין פאָטער האָט עס מיט אַ כיוון אַזוי אַוועקגעשטעלט. ער פלעגט זאָגן: אַ איד דאַרף דאָך סאַי־ווי עפּעס דרייען, זאָל ער דרייען די רעדלעך פון וועלאָסיפּעד.

די אידישע בירזשעוויקעס פלעגן קומען צו אים געוויינטלעך בייטאָג. ער האָט נאָך דעמאָלט גערויכערט ציגאַרן, פלעגט אַ קעסטעלע מיט ציגאַרן שטיין אָפן פאַר די באַזוכער. ער אַליין האָט וויניציג גערעדט. ער האָט ליי־בער געהאַט צו הערן. אָפטמאָל פלעגט זיך דערהערן זיין געלעכטער. זיי, די בירזשעוויקעס האָבן ניט באַגריפן אַז זיי זיינען דאָס די מנחם מענדלס, פון יעהופּעץ, וועמען ער האָט שוין דעמאָלט באַשריבן. איך האָב געקענט אָפּשטיין שעה'ן לאַנג און קוקן אויף זיי. זייערע פּנים'ער האָבן מיר זיך אַזוי איינגעקריצט אין זכרון, אַז קומענדיג קיין אַמעריקע האָב איך איינעם פון זיי דערקענט, נאָך אַזוי פיל יאָרן.

דער טאָג האָט זיך ביי מיין פאָטער אָנגעהויבן אַרום פינף אַזייגער אין

דער פּרי. איך געדענק ווי איך פלעג זיך אויפכאַפּן אין מיין אייזערן בעטל, וואָס איז געשטאַנען אין מיינע עלטערנ׳ס שלאָפצימער, ווען ער פלעגט אָנ־צינדן אַ ליכטל — דאָס איז דער פאָטער אויפגעשטאַנען, ווי מיר האָט זיך געדוכט, אין מיטן דער נאַכט, אַרויסגעכאַפּט אויף זיך אַ כאַלאַט, אַריינגע־שטעקט די באָרוויסע פיס אין שטעקשיך, גענומען דעם לייכטער מיטן אָנגע־צונדענעם ליכט אין האַנט, און שטילינקערהייט, היטנדיג זיך ניט צו מאַכן קיין גערויש, פלעגט ער אַרויס פון שלאָפצימער. אויב ער האָט באַמערקט מיין אויפגעהויבן קעפּל, פלעגט ער מיר אין אַ שטילן, שעפּטשענדיגן קול זאָגן: „ספּי, ספּי” (שלאָף, שלאָף).

מיט דעם לייכטער ליכט איז ער געגאַנגען צום שטייענדיגן טישל שרייבן. דאָרטן האָט מען אים געקענט זען שטיין און שרייבן אַפילו ווען די עלטערע קינדער זיינען שוין אַוועק אין דער גימנאַזיע אַריין, נאָכן געוודער וואָס זיי האָבן דערביי געמאַכט, און נאָך זייער אַרומלויפן איבער זיין שרייב־צימער, און געוויס האָט איטלעכער פון זיי געהאַט אים וואָס צו זאָגן פאַרן אַוועקגיין. דאָרטן אויך האָט מען אים געקענט זען אַפילו צוועלף דעם זייגער, ווען מיר פלעגן זיך זעצן צום צווייטן אָנבייסן.

— סאָלאָמאָן, דו האָסט דאָך נאָך גאָר ניט געגעסן, פלעגט זיך דער־הערן מיין מוטער׳ס שטימע.

אויף דעם פלעגט מיין פאָטער ענטפערן מיט אַ שמייכל:

— יאָ, אָבער דערפאַר האָט זיך מיר אַזוי גוט געשריבן היינט.

ערשט אַצינד פלעגט ער זיך אַרומוואַשן און זיך זעצן צום טיש. די דינסט איז שוין געקומען צוריק פון מאַרק, און מיין פאָטער האָט מיט אומ־געדולד געוואַרט אויף די רוסישע צייטונגען וואָס זי האָט געדאַרפט מיט־ברענגען. ער פלעגט אָפט לייענען אויפן קול פאַר מיין מוטער די וויכטיגסטע נייעס פון טאָג. אַמאָל האָט עפּעס אין צייטונג אים געמאַכט אומעטיג, אַמאָל איז דאָרטן געווען עפּעס וואָס האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ געלעכטער. אָבער סאַי־ווי האָט ער גלייך געדאַרפט גיין אויף דער בירזשע.

אָט האָט ער שוין געפונען זיינע קאַלאָשן, אָט טוט ער שוין אָן דעם פוטערנעם מאַנטל און הוט אויך פון פוטער, און ווי איך שטיי און קוק אויף אים, מאַכט ער מיט מיר שפּאַס.

— ביזט פאַר דרייפוס׳ן צי געגן דרייפוס׳ן?

זינט איך קען געדענקען רעדט מען וועגן דרייפוס׳ן, און אַלע־מאָל פרעגט ער מיר צי איך בין פאַר צי געגן. איך ווייס אַז ווען איך ענט־פער „געגן”, ווערט אַ געלעכטער. ענטפער איך אויף גיך: „געגן דרייפוס׳ן”.

ער לאַכט, און פאַרן אַרויסגיין זאָגט ער צו, אַז אויב מיר וועלן זיך ניט שלאָגן ביזן אָוונט, וועט ער מיט אונז אין אָוונט שפּילן אין דאָמינאָ. ביי דעם צעשיידן מיר זיך.

אין אָוונט, ווען די דינסט גרייט שוין צום טיש, און די הענגענדע קעראָסינענע בליצלאָמפּן ברענען שוין, עפנט דער פאָטער מיטן שליסל די טיר.

אַלע קינדער זיינען שוין לאַנג אין דער היים. אַלע פינף גיבן זיך אַ וואַרף אויף אים. ער האָט עס ליב. זיינע וואָנצעס זיינען נאָך נאַס פון שניי, אָבער דאָס שטערט ניט די קינדער אים צו קושן גלייך אין מויל אַריין. ער זאָגט צו, אַז אויב אַלע וועלן זיך זעצן ווי געהעריג איז צום טיש, און קיינער וועט ניט כאַפּן מיט די הענט, וועלן מיר עפּעס הערן, וואָס וועט אונז פרייען.

זיצן ווי געהעריג ביים טיש און ניט כאַפּן מיט די הענט רעדט זיך אַ סך גרינגער ווי עס טוט זיך, אָבער עפּעס פריילעכעס צו הערן שטרענגט מען זיך אָן און מען וואַרט מיט דער גרעסטער אומגעדולד.

— היינט, זאָגט דער פאָטער, היינט אָוונט קומט מאַרק מאַרקאָוויטש וואַרשאַווסקי (דער פּראָפעסער פון די באַרימטע פאָלקס-לידער).

אַרום טיש ווערט אַ פריילעכער טומל. אַלע זיינען צופרידן, אַלע זיינען אויפגערעגט מיט דערוואַרטונג. דאָס הייסט אַז מאַרק מאַרקאָוויטש וועט ביי אונז שפּילן אויף דער פּיאַנאָ און זינגען זיינע לידער. אָפּטמאָל פלעגט אים דער פאָטער העלפן שרייבן דעם טעקסט פון זיינע לידער.

דאָס ליד „אויפן פּריפּעטשיק ברענט אַ פייערל" איז צום ערשטן מאָל אָנגעשריבן געוואָרן ביי אונז אין הויז, און ביי אונז אין הויז אויף דער פּיאַנאָ האָט וואַרשאַווסקי שפּילנדיק אימפּראָוויזירט די מוזיק צו דעם.

אין אַזוינע נעכט פלעגט מען אונז, די קלענערע קינדער, דערלויבן צו בלייבן אויף ביז שפּעט אין אָוונט.

אַזוי פלעגט אַריבער אַ טאָג אויף באָלשאַיאַ וואַסילקאָווסקאַיאַ נומער פינף.

דאָס הויז אויף באָלשאַיאַ וואַסילקאָווסקאַיאַ נומער 5 אין קיעוו.

מ. ז. פייערבערג אין זיין געבורטס־שטעטל נאָוואָגראַד וואָלינסק זוויהיל

פון ש. צ. זעצער

מיין באַקאַנטשאַפט מיט פיירבערג׳ן איז אויף פאָלגענדן אופן פאָרגעקומען.

איך פלעג אָפט אַריינקומען אין טשערנאָבילער קלויז אַריינקוקן דאָרט אַמאָל אין א ספר, וועלכער האָט זיך ביי אונז אין טאָלנער קלייזל ניט געפונען. מיט רעכט אָדער אָן רעכט האָט מען אין געוויסע קרייזן ביי אונז אין שטאָט געהאַלטן מיך אַביסל אין מיינע קינדערשע יאָרן נאָך פאַר אַ גוטן לערנער. די עטלעכע בחורים משכילים, וואָס האָבן זיך געפונען דאַן צווישן די לערנער אין טשערנאָבילער קלויז, האָבן דעריבער געוואָרפן אַן אויג אויף מיר, זיי זאָלן מיך פאַר דער השכלה געווינען. האָבן זיי שטענדיג, ווען איך פלעג אָט אין יענער קלויז קומען, אַ פאַרזוך געמאַכט דעם דאָזיגן צוועק זייער צו דערגרייכן. ווען זיי האָבן נאָר געהאָט אַ געלעגנהייט דערויף, האָבן זיי מיך פאַר זייער „אידייע" אַגיטירט. זייער אַגיטאַציע האָט אָבער אויף מיר קיין ווירקונג ניט געהאַט. איך האָב זיך אַביסל מיט בטול צו זיי באַצויגן. „אַזוינע גרויסע „בורלאַקעס" — לערנען־אָבער קענען זיי אַזוי ווייניג" — פלעג איך ביי מיר טראַכטן שטענדיג. איך האָב זיי אַלס „מבלי עולם" באַטראַכט. אָנשטאָט צו לערנען „יורה דעה" מיט „פרי מגדים", ש"ך — חושן משפט, פאַרנעמען זיי זיך דער גוטער יאָר ווייסט מיט וואָס, מיט „מעשה ביכלעך" לייענען.

צווישן די, וואָס האָבן מיך מיט השכלה אַגיטאַציע באָמבאַרדירט, איז אויך געווען פייערבערג. אים איז אויך באַשערט געווען, סוף־כל־סוף, די „פעסטונג" איינצונעמען. ער האָט אַזוי לאַנג זיין קאַמף אָנגעפירט, ביז ער האָט, סוף־כל־סוף, זיין ציל דערגרייכט, אַ דאַנק די פיינע וועגן, איבער וועלכע ער האָט דעם דאָזיגן קאַמף זיינעם געפירט. ער האָט אָנגעפירט דעם דאָזיגן קאַמף זיינעם אומדירעקט. ער האָט געזוכט צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז ער איז כלל ניט אויסן מיך דוקא פאַר אַ משכיל צו מאַכן, אַז דער הויפּט עיקר איז ביי אים מיך פאַר זיינעם אַ חבר צו מאַכן. יעדן מאָל ווען איך פלעג קומען אין טשערנאָבילער קלויז, פלעגט ער זוכן אַ געלעגנהייט מיט

מיר אַ שמועס צו פאַרפירן, פריינטשאַפט מיט מיר צו פאַרבינדן. נאָכדעם האָט ער מיך אויך אָנגעהויבן באַזוכן אין מיין טאַלנער קלייזל. מיט דעם דאָזיגן פיינעם טאַקט זיינעם, מיט זיין געדולד האָט ער אַזוי אַרום מיך גאַר גיך פאַר זיינעם אַ פריינט דערוואָרבן. דאָן איז דאָס איבעריגע שוין פון זיך אַליין געקומען. עס האָט ניט קיין פיל צייט גענומען — און איך האָב אָנגעהויבן פיל צייט אָפּגעבן אויף תנ"ך לערנען. איך האָב גאַר גיך אויך אָנגעהויבן לייענען די העברייאישע ליטעראַטור. אין אַ משך פון אַ גאַר קורצער צייט זיינען מיר גאַר שטאַרק צוגעבונדן געוואָרן איינער צום צווייטן. עס האָט זיך אַנטוויקלט צווישן אונז אַ גרויס ליבשאַפט, טראָץ דעם, וואָס אין די הויפט שטריכן פון אונזער כאַראַקטער איז געווען אַזאַ גרויסער אונטערשייד צווישן אונז. מעגלעך אָבער ווידער, אַז טאַקע צוליב אָט דעם אונטערשייד אין אונזער כאַראַקטער האָט זיך צווישן אונז אַ גרויס פריינטשאַפט אַנטוויקלט. מיך האָט אין אים צוגעצויגן די וויכקייט זיינע, זיין ראָמאַנטישע נאַטור, זיין סענטימענטאַליטעט. אים ווידער האָט אימפּאָנירט אין מיר מיינע שאַרפע פיאיגקייטן, מיין מוט, מיין שטעלן אויף זיך, מיין ענערגישע אַקטיוויטעט.

סיי־ווי, מיר זיינען, ווי שוין געזאָגט, גאַר גיך איבערגעגעבענע איינער צום אַנדערן חברים געוואָרן. מיר פלעגן זיך דאַן זייער אָפט באַגעגענען און יעדן מאָל, וואָס מיר האָבן זיך באַגעגנט, פלעגט ער מיר ברענגען ספרים צום לייענען.

אַ יאָר נאָכדעם, ווי מיר זיינען גוטע פריינט געוואָרן, בין איך פון מיין טאַלנער קלייזל צו אים אין טשערנאָבילער קלויז איבערגעגאַנגען. איך האָב דאָרט אָנגעהויבן לערנען מיינע תלמודישע למודים. אין יענער צייט זיינען מיר געווען ניט נאָר חברים, נאָר יעדער איינער פון אונז איז אויך דעם צווייטנס אַ רבי, ווי אויך אַ תלמיד זיינער געווען. איך האָב מיט אים געלערנט דאַן נדרים מיטן ר"ן. ער מיט מיר — דעם תנ"ך מיטן מלבי"ם.

פון יענע יאָרן געדענק איך אים אַלס אַ גרויסן „מעורב בין הבריות". ער איז געווען באַוועגלעך, געזעלשאַפטלעך. ער איז גווען דאַן אַ פריילעכער, אַ לוסטיגער. ווען ער פלעגט פריי ווערן פון זיינע לימודים, פלעגט ער ליב האָבן צו פאַרברענגען מיט זיינע חברים אין שפילן. מיט גרויס בריהשאַפט פלעגט ער אויסלייגן איינער אויף דעם אַנדערן די שטענדערס פון קלויז און איבערשפּרינגען איבער זיי.

אַזוי פלעגט ער אויך אַ זייער אקטיווע טעטיגקייט אָנפירן, ווען ער פלעגט זיך באָדן אין טייך. ער האָט געקענט גוט שווימען. ער איז געווען פון די באַוואוסטע שווימערס ביי אונז אין שטאָט. פלעגט ער מיט אַלעמען אויף אַ וואַסער־דועל גיין.

אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן, ווען מיר פלעגן וואַך זיין אַ גאַנצע נאַכט

אין קלויז, איז נאָכדעם, וואָס מיר האָבן אָפּגעלייענט, אָפּגעלערנט, אָפּגע־שטיפּט, פלעגט ער ניט פאַרגעסן קיינמאָל אונז אויפצופאָדערן איבערצו־טראָגן אונזער שטיפערישע טעטיגקייט אויף אַ ווילע אין דרויסן, מיר זאָלן זיך אַרויסלאָזן אויפן גאַס מאַכן מענטשן אויפן שניי. דערביי האָט ער זיך אַליין מכבד געווען מיט דעם ערשטן שניי־מענטש מאַכן.

און מערקווירדיג, פייערבערג, דער לעבעדיגער און פאַרשייטער אין זיין יוגנט, איז געווען אין זיינע קינדערשע יאָרן, לויט, ווי עס האָבן מיר דער־ציילט פילע, וואָס האָבן אים געקענט אין יענער צייט, אַ קינד אָן לעבן, אָן באַוועגונג. ער פלעגט דאָן זיין אינגאַנצן אויסגעטאָן פון דער קינדער־וועלט. ער פלעגט זיין אין יענער תקופה אַ בעל־פחדן, אַ בעל־מורא. ער איז געווען צוריקגעצויגן, געהאַלטן זיך שטענדיג, ווי אַ נגזל. אין אַ גע־וויסער מאָס זיינען אָבער די דאָזיגע אייגנשאַפטן אויך איבערגעבליבן ביי אים אין זיינע בחור'שע יאָרן, ער פלעגט זיך אָפּהאַלטן פון קריג. ער איז שטענדיג אַ „מעביר על מדותיו" געווען, ווען ער פלעגט זיך קריגן מיט איינעם פון זיינע פריינט. כאָטש אין הארצן פלעגט ער דאָך אָנהאַלטן אויף אַ געוויסער צייט אַ געוויסן פאַרדרוס, אַמאָל זאָגאַר אויך אַ געוויסן האָס. די דאָזיגע אייגנשאַפט איז קענטיג געווען ביי אים אויך אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן. די דאָזיגע אייגנשאַפט איז אָן אומפאַרמיידלעכע פסיכאָלאָגישע דערשיינונג ביי אָט יענע אַלע מענטשן, וואָס זיינען פאַרשוויגער גרויסע, וואָס קענען זייער שטעטל ניט באַשטיין אין אַ ווערטער־קאַמף מיט די, מיט וועלכע זיי האָבן אַ שטרייט.

:: :: ::

צו יענער צייט האָט אונזער גרופּע באַדייטענד זיך צעוואַקסן. עס זיי־נען אין איר נייע מיטגלידער אַריינגעטראָטן. טראָץ דעם אָבער, וואָס זי איז איצט גרעסער געווען, ווי פריער — האָט זי דאָך איצט אויך איינהייט־לעכן כאַראַקטער, באַשטימטע אויסגעשפּראָכענע פיזאָנאָמיע אייגענע פאַר־מאָגט. מיר האָבן שוין דאָן אַלע מער אָדער ווייניגער פעסטע איבערציי־גונגען געהאַט. מיר האָבן שוין דאָן פאַרמאָגט אויסגעקריסטאַליזירטע אנ־שויאונגען בנוגע די אַלע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אונז געהאַלטן פאַראינ־טערעסירט. דאָס אינערלעכע לעבן פון אונזער גרופּע איז אָן אינטענסיוו, פול מיט לעבן געווען דעמאָלט. אונזער געדאַנק איז געווען דאָן פאַרנומען שטענדיג מיט די פאַרשידנסטע וויכטיגע אידישע פּראָבלעמען, וואָס האָבן די אידישע וועלט פאַרכאַפּט געהאַלטן דעמאָלט.

נאָך מער אָבער, ווי דער געדאַנק אונזערער איז געווען פאַרנומען דע־מאָלט, איז דאָן אונזער מויל געווען פאַרנומען. גאָט מיינער, וואָס מיר האָבן עס צערעדט דעמאָלט. מיר האָבן פאַר פייער און וואַסער גערעדט. וואו

צווי פון אונז זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, אַזוי האָט מען באַלד אָנגעהויבן רעדן, אַזוי האָט מען באַלד אָנגעהויבן שאַרפֿן די צינגלעך.

נאָך איידער מיר האָבן באַוויזן איינער דעם צווייטן אַ רעכטן „שלום־עליכם" אָפּגעבן, האָבן מיר שוין אַ דיסקוסיע פֿאַרפֿירט, האָבן מיר שוין אַ דעבאַטע גרייט געהאַט.

גאָר געפֿערלעך טומלדיג איז שוין געווען, ווען אונזער גאַנצע גרופּע, אין איר פֿולער מיטגלידערשאַפֿט, פֿלעגט זיך צוזאַמענקומען. לויט דער וויכטיגקייט פֿון די פּראָבלעמען, וואָס זיינען דאָן פֿון אונז באַהאַנדלט געוואָרן, האָט אונזער צוזאַמענקונפֿט דאָן געקענט באַטראַכט ווערן, ווי אַ גאָר געהויבענע פּאַרלאַמענט זיצונג. לויט דער מייסטערהאַפֿטער אָרדנונג אָבער, וואָס האָט געהערשט דאָרטן, לויט דעם געפֿערלעכן טומל, וואָס האָט געקענט אַ גאַנצן רעגימענט סאָלדאַטן טויב מאַכן, האָט ער אויסגעזען, ווי איינע פֿון די גאָר היציגסטע קהל'שע אסיפֿות, אָדער טאַקע ווידער, ווי אַ שטורמישע פּאַרלאַמענט זיצונג — ווי איינע פֿון אָט יענע שטורמישע פּאַרלאַמענט זיצונגען אין אַמאָליגן עסטרייכישן פּאַרלאַמענט — מיט דעם איינציגן אונטערשייד, וואָס מיר האָבן קיין בענקלעך איינער אויף דעם קאָפּ פֿון צווייטן ניט געוואָרפֿן, ווי עס פֿלעגן זיך נוהג זיין די דעפּוטאַטן פֿון יענעם פּאַרלאַמענט. די קולות האָבן דערגרייכט ביזן הימל; די אויגן האָבן מיט פֿייער געבליצט; און די מיילער — די מיילער האָבן געמאָלן און געמאָלן: געמאָלן אָן אַן אויפֿהער, אָן אַ שיעור און אָן אָפּשטעל.

די דעבאַטן האָבן זיך אַמאָל געצויגן שטונדנוויז. און אַמאָל אויך מעת־לעת'ן גאַנצע. עס זיינען ביי אונז געווען צייטן דעמאָלט, וואָס דער איינהאַלט, מיט וועלכן דער גאַנצער מעת לעת אונזערער איז אויסגעפֿילט געוואָרען — איז דעבאַטירן געווען. אמת, מיר פֿלעגן זיך ביינאַכט אַראָפּכאַפּן אַהיים, כדי אַריינצוכאַפּן אַ פּאָר שטונדן שלאָף. מער אָבער טאַקע, ווי נאָר אַ פּאָר שטונדן האָבן מיר אויף דער דאָזיגער זינדיגער תאוה ניט פֿאַרשווענדט. אויף מער האָט די צייט ניט געטראָגן. אַ שאָד געווען די גאָלדענע צייט, וואָס מיר האָבן אַזוי נויטיג באַדאַרפֿט האָבן אויף דעבאַטירן. אמת, מיר האָבן אַ פּאָר מאָל אין טאָג אויך צע־פּטר'ט אַביסל צייט אויף עפּעס איבערצובייסן. טאַקע אָבער נאָר אַביסל צייט האָבן מיר דערויף געפּטר'ט. אונזער וויסן האָט אָבער ביי אונז דעמאָלט ניט מער ווי אַ „רגע כמימרא" געדויערט. מיר האָבן געשלונגען דאָס עסן אונזערס שטיקערווייז, כמעט. ווער האָט עס צייט געהאַט מיט ישוב הדעת צו עסן, אַ גאַנצן ווען פֿון דער אכילה צו מאַכן. מיר האָבן אונזער צייט אויף וויכטיגערע זאַכן באַדאַרפֿט אויסנוצן — אויף דעבאַטירן. מיר פֿלעגן נאָר אַביסל דאָס האַרץ איבערכאַפּן, כדי מיר זאָלן, דעבאַטירנדיג, טויטע ניט אַוועקפֿאַלן. מיר האָבן

אויף אַזויפיל געגעסן, אויף וויפיל עס איז אונז נויטיג געווען די נשמה צו דערהאַלטן, כדי זי זאָל אין מיטן דערבאַטירן אין אַט יענע נאָך פיל העכערע הימלען פון די, אין וועלכע מיר האָבן זיך געטראָגן דערבאַטירנדיג, ניט אוועקפליען, אין אַט יענע הויכע הימלען, וואָס ווען אַ נשמה פאַרפליט אַהין, וויל זי שוין פון דאָרט ניט צוריקקומען.

טאַנקען-עקיפּאַזש פון אידישע שלאַכטלייט-גוואַרדייער

יאַנקל פּירניק

(פון בוך „באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ")

פון דוד איגנאַטאָוו

שליאַכן ציען זיך אויף אַלע זייטן פון דער אוקראַינער שטאָט, וואָס ברוסילאָוו איז איר נאָמען. אין געווייגלעכע טעג ליגן די אַלע שליאַכן ווי פּענכערס איינגעפאַלענע, ווי געדערים איינגעדאַרטע, ליגן אַזוי צעקנייטשט און אָטעמלאָז צעוואָרפן איבער מייליגע פעלדער, איבער נעענטערע און ווייטע וועלדער אַלערליי. ערב אַ יריד אָבער נעמען די אַלע שליאַכן זיך אָנפילן, נעמען פולסירן מיט וועגענער פון סוחרים, מיט וועגענער פון פּויערים, מיט צאָלן פערד, מיט צאָלן קי, מיט מעקענדיגע שאָף, מיט קוויטשענדיגע חזירים, מיט פוסגייער און מיט רייטער וואָס טרייבן זיי מיט אויסרופן, מיט געשרייען, מיט שטעקנס און מיט קנאַלנדיגע בייטשן.

דורך אָוונט און דורך נאַכט פאָרן זיי אַזוי, גייען און פאָרן, און טרייבן דורך פעלדער און דורך וועלדער, פון נאָענטע און ווייטע שטעט און פילצאָליגע דערפער — און אויף מאָרגן איז ברוסילאָוו ניט קיין שטעטל, ניט קיין שטאָט, נאָר אַ באַוועגלעכער מדבר, אַ מענטשן מדבר. — אַן אָקסן־מדבר אין איין אָרט, און אַ מדבר פון פערד אין אַ צווייטן, און אָט גאָר אַ מדבר פון צעשטעלטע וועגענער מיט כל־טוב אָנגעבראַכט פון אָן אַ שיעור פעלדער און דערפער און שטעט. איבער דער ענגשאַפט מוזן אַלע אויסגעשפּאַנטע וועגענער אויפהייבן זייערע דישלעס ביז הויך אַריבער די וועגענער — כאָטש נעם און פאַרצי פאָנען איבער זיי. — דאָ און דאָרטן — בערג מיט קאַוואָנעס, בערג מיט דיניעס, בערג מיט קעפּלעך קרויט, בערג מיט פרישע גרינע אוגערקעס, גרינע און רויטע פּאָמעדאָרן; אָנגעהויפטע וועגענער מיט עפל, מיט באַרן, פלוימען, ווייַנשל, רויטע און שוואַרצע פּאָזימקעס און יאַגעדעס אַלערליי. — ווי אין אַ מדבר שטייען דאָ און דאָרט צעוואָרפן אויפגעשטעלטע לייוונטענע געצעלטן, געשטעלן פאַר אָנגעבראַכטע סחורות — פאַר שטיוול־פאַרקויפער, פעלצן־פאַרקויפער, געוואַנטן־פאַרקויפער, פאַרקויפער פון ציץ, לייוונט און טריקאָט; פאַרקויפער פון זיידענע לענטעס און פאַרביג־געבלומטע וואָלענע טיכער. און וועגענער זיינען פאַ־

ראַנען מיט פּויערים און פּויערטעס וואָס האָבן געבראַכט צו פאַרקויפן הי־נער, אייער, ווייץ און קאָרן, ציגעלעך און ווייסע קראַליקעס אַפּילו. פאַראַנען אויך געשטעלן פון קאַצאַפּעס וואָס פאַרקויפן בילדער פון דעם קיסר מיט דער קייסערין, בילדער פון יעזוס, פון דער הייליגער מאַמע און אויך קע־מעלעך, און אויך שמעקנדיגע זייף, און אויך גרויסע און קליינע האַרמאָני־קעס. די קאַצאַפּעס שפּילן אָפּט אויף איינער פון זיי, זיי טאַנצן אויך אונטער, זינגען אונטער, ביז זיי זאַמלען צונויף אַ גרויסן עולם אַרום זיך און נעמען זיך נאָכדעם שרייענדיג פאַרקויפן זייערע סחורות.

אַנהויב טאָג איז נאָך פאַראַנען אָרט פאַר אַלעמענס קולות. מיטן וואַקסן פון טאָג ווערט ברוסילאָוו אַ מדבר פון קולות, וואָס רייסן זיך פון די העלזער פון מענטשן און פון רעווענדיגע, הירזשענדיגע און קוויטשענדיגע חיות און פון עופות און מישן זיך און קנעטן זיך אין דעם אויפגעשלאָגענעם שטויב. אין די הייסע זומער־טעג גאָלדיגן זיך אין דער לופט די קולות און דער שטויב, און פאַלן צוריק אין די אויערן און אין די מיילער און אין די העלזער פון די מענטשן; דיקער און טרוקענער ווערט פון דעם די הויט פון גומען און פון צונג, ענגער ווערט אין האַלז. — מענטשן אַלץ אַנגעלאָפענע פון דער פרעמד, מענטשן וואָס לעכצן אַלץ צו קויפן און פאַרקויפן, מענטשן וואָס האָבן ניט קיין צייט, ווייסן ניט וואו צו נעמען אַ טרונק וואַסער אויף צו באַנעצן דעם גומען.

אויף יענער זייט שליאַך, אויפן באַרג וואָס איז פאַרשטעלט מיט דער שול, מיטן קלויסטער און מיט אַ שורה הילצערנע קראָמען און מיט וועגע־נער איז פאַראַנען דער ברוסילאָווער טייך. גוט נאָך וואָס דער קלויסטער, די שול און די אַנטקעגנדיגע קראָמען פאַרשטעלן דעם טייך פון די אויגן, פאַרגעסט מען אָן אים, וואָרום ווער קאָן איבערלאָזן זיין געשטעל, ווער קאָן איבערלאָזן דעם וואָגן, ווער קאָן איבערלאָזן די סחורה, ווער קאָן איבערלאָזן די קונים? . . . ווי אין אַ מדבר, אָן וואַסער, שמאַכטן די מענטשן.

איז אָבער אין דער שטאָט ברוסילאָוו געווען אַ איד אַזאַ: אַ ניט הויך־געוואַקסענער, אַ ברייט־געבויטער, מיט אַ קורצער שטאַרקער באָרד וואָס איז אים געוואַקסן רונד אַרום זיין רונדן פּנים, פלעגט מען אין אַזוינע טעג זען אָט־דעם אידן גיין באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ מיט צוויי אָנגעפילטע ער־דענע טיקוועס וואַסער אין זיין האַנט.

— ווער איז דאָס געווען דער איד?

— צוליב וואָס האָט עס געטאָן דער איד?

— דאָס איז געווען דער איד — יאַנקל פירניק. ער פלעגט דאָס אַזוי טאָן דעם גאַנצן גייענדיגן טאָג. גיין צום טייך וואָס אונטערן באַרג, אָנ־שעפּן דאָרט דאָס פרישע וואַסער פונם טייך אין זיין טיקווע און נאָכדעם אַרויפגיין און אַריינגיין צווישן די געשטעלן און די וועגענער פון די פרעמדע

און גיבן יעדן פון די דאַרשטיגע אַ טרונק אויף צו דערקוויקן דאָס לייב און נאָכדעם ווידער גיין באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ אויף אָנצופילן זיינע טיק־וועס. און אַזוי דעם גאַנצן טאָג.

אָנגעהויבן האָט טאַקע יאַנקל פּירניק מיט בלויז איין טיקווע. — ער איז זיך איינמאָל אין אַ יריד־טאָג אַראָפּ צום טייך אָנצושעפּן פאַר זיך אַביסל פרישע וואַסער פאַר זיין שול, וואו ער איז געווען דער משגיח און דער שמש. וואָרום דאָס וואַסער פון די ברונימער אין דער שטאָט איז נאָר געווען גוט אויף צו וואַשן און דאָס וואַסער פונם שטעטלשן טייך איז געווען זיס און גוט צום טרינקען, און אַזוי גייענדיג צוריק צום שול האָט ער געקוקט אויף די מענטשן וואָס האָוועז און שמייען, און שטויב איז די שפּייז פון זייערע מיילער. אַ רחמנות האָט אים באַנומען. און אָט איז ער אַזוי איינ־מאָל געבליבן שטיין פאַר אַ געשטעל. — אַ איד וויל פאַרקויפן צו אַ פּאָר פּויערים זיין סחורה, זיינע ליפּן זיינען געווען טרוקן און פאַרהאַרטעוועט, טרוקן איז אויך דאָס קול זיינס. דער איד האָט ממש ווי אַ דאַרשטיגע חיה דערשמעקט דאָס וואַסער און געווענדט זיין לעכצנדיגן בליק צו דער טיקווע וואָס אין יאַנקל׳ס האַנט.

— נאַ, טרינק! — האָט אים יאַנקל דערלאַנגט די טיקווע. און אַרויס־געקומען איז דאָס אַ ווי אַ באַפעל, אַ ווי אַ כעס אויף אַ מענטשן וואָס פאַר־מוטשעט זיך אַזוי.

— אַ ברכה אויף אייער קאָפּ — האָט דער איד אויסגערעדט אָננעמענ־דיג די טיקווע. זיך אָנגעטרונקען און צוגעלייגט:

— גאָט אַליין האָט אייך צוגעשיקט. — און נאָכדעם אים דערלאַנגט אַ מטבע. יאַנקל האָט ווידער אָנגעקוקט דעם אידן, אַ לייכטן, גוטמוטיגן שמייכל געטאָן, זיך אָפּגעקערט און אים איבערגעלאָזן מיט דער מטבע אין זיין האַנט. און נאָכדעם האָט דאָס אייגענע געטראָפן מיט אַ צווייטן אידן, מיט אַ דריטן, און אַזוי ביז ער האָט געדאַרפט גיין ווידער אָנשעפּן אַ נייע טיקווע וואַסער און נאָכדעם, נאָך איינע, און נאָך איינע און אַזוי איז שוין אַוועק דער גאַנצער טאָג.

האָט שוין יאַנקל דאָס געמאַכט פאַר אַ חוק צו גיין אַזוי מיט דער טיקווע באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ, יעדן זומערדיגן יריד־טאָג.

איינמאָל אָבער האָט אים אָפּגעשטעלט אַ פּויער. פאַרטריקנט איז געלעגן אַ ווייסער שוים אויף זיינע פאַרשמאַכטע ליפּן:

— אידל גוטער, גיב אַ טרונק וואַסער. האָב רחמנות, גיב!

יאַנקל האָט אָנגעקוקט דעם פּויער פאַר אַ מינוט, אַ טראַכט געטאָן, ער וועט מיר טריף מאַכן די טיקווע, — ער האָט געוויס געגעסן חזיר. און ער האָט זיך געשטאַרקט: — אַ גאָט׳ס באַשעפעניש בעט אַ טרונק. — און ער האָט אים דערלאַנגט די טיקווע.

נאָכדעם איז ער דעם טאָג מיט דער טיקווע שוין בלויז געגאַנגען פון פויער צו פויער און יעדן דאַרשטיגן באַפוילן אויף זיין שטייגער:

— נאָ, נעם אַ טרונק!

דעם צווייטן יריד נאָכדעם איז שוין יאַנקל אַרויס מיט צוויי טיקוועס: איינע פאַר די פויערים און איינע פאַר די אידן. די טיקווע פאַר פויערים איז געווען אַ גרעסערע, ערשטנס ווייל פויערים זיינען דאָ מער און דערצו איז דער פויער אַזוי באַשאַפן אַז ער נעמט טאַקע אַ גרעסערן טרונק.

און אַזוי האָט מען שוין פאַר יאָרן נאָכדעם דעם אידן יאַנקל פירניק אין די טומלדיגע, הייסע יאַריד־טעג געזען גיין באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ מיט צוויי טיקוועס אַראָפּהענגענדיג פון זיינעביידע הענט.

נאָר די עלטער וואַרט טאַקע. אודאי וואַרט זי, אָבער אַפילו ווען זי וואַרט, קומען קומט זי פאַרט; און אַפילו ווען שטאַרק און פעסט, האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן די רונדע באָרד אַרום יאַנקלס רונדן פנים, האָבן זיך אָבער פאַרט מיט די יאָרן גענומען ווייזן און מערן גראָע האָר אין איר. און ווען יאַנקל פירניק האָט דערפילט אַז ער מוז זיך פון מאָל צו מאָל אָפּ־שטעלן ביים גיין באַרג־אַרויף מיט די צוויי אָנגעפילטע ערדענע טיקוועס אין זיינע הענט, האָט ער באַשלאָסן, אַז איידער צו גיין אַזוי לאַנגזאַם מיט צוויי טיקוועס איז שוין בעסער צו גיין מיט איינער בלויז. און . . . אַז די איינע דאַרף זיין דוקא — די גוי'אישע. ערשטנס קענען זיך אידן אין אַ אידישער שטאָט אַן עצה געבן אויב זיי ווילן נאָר שטאַרק, און צווייטנס זיי־נען דאָך די פויערים אפשר הונדערט נפשות צו איין אידן, און פרעמדע און צעשראָקענע זיינען זיי, און עס שטייט דאָך אויך בפירוש געשריבן: אחרי רבים להטות . . .

די אידן האָבן געהאַט אָפּשיי פאַר יאַנקלען און האָבן חלילה צו אים קיין טענות ניט געהאַט. איניגע פלעגן נאָך אַפילו אַ טראַכט טאָן, אַז אַ נסתר איז דער יאַנקל. און אַז ער טוט אַזוי ווי ער טוט איז מן הסתם גוט אַזוי. די פויערים האָבן דעם איד יאַנקל שוין לאַנג געהאַלטן פאַר אַ הייליגן, אַט ווי ער וואָלט אַראָפּגעקומען פון די הייליגע בילדער וואָס אויף זייערע קלויסטער ווענט. זיי פלעגן זיך איבער'צלמ'ען נאָך זיין אָפּגיין פון זיי, און אים נאָכקוקן פאַר אַ מינוט. זיי האָבן מיט דער צייט פאַרגעסן אַז ער הייסט יאַנקל פירניק, און גאַנץ רעליגיעז און האַרציג פלעגן זיי אים צווישן זיך אָנרופן „דער הייליגער יאַנקל" — אָדער — „דאָס הייליגע אידל", „דער הייליגער פירניק". דאָס וואָס ער פלעגט פון זיי קיין מתנות ניט ווען אָנ־נעמען, ניט קיין איי, ניט קיין ביסל פרוכט אַפילו, און דאָס וואָס ער פלעגט נאָך דערביי אַרויסווייזן אַ מין בייזקייט, האָט זיי לכתחילה פאַרדראָסן און באַליידיגט, נאָכדעם האָבן זיי זיך אָבער דאָס אויסגעלערנט צו פאַרשטיין. און דאָס האָט נאָך שטאַרקער פאַרפעסטיגט זייער געפיל, אַז אַ הייליגער

גייט דאָ אַרום אויף דער ערד צווישן זיי, פון אונטערן באַרג, אויפן באַרג און אַראָפּ באַרג קומט ער צו זיי. אַ גאָט׳ס בענטשונג.

יאָרן זיינען אַזוי געגאַנגען. ווייניג מענטשן האָבן געוואוסט אַז פּירניק איז ניט יאַנקל׳ס אמת׳ער נאָמען, אַז דאָס איז אַ בייזער צונאָמען, וואָס האָט געשפּילט ביטערע שפּילן אין יאַנקל׳ס לעבן און אַז יאַנקל טראָגט דעם נאָמען — פּירניק — ווי אַ דערנער־קראַנץ אויף זיין קאָפּ. אַ דערנער־קראַנץ וואָס ער האָט נאָכדעם איבערגעענטפערט אויך צו די קינדער און קינד׳ס־קינדער וואָס זיינען אַרויס פון זיין דיך.

פון וואַנענט און ווי אַזוי האָט זיך צו יאַנקלען גענומען דער נאָמען — פּירניק?

דער זיידע מיטן אייניקל אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. זיי וואַרטן אויף אונזער הילף.

באָלשעוויקעס קומען אָן!

פון פ. טשערנער

אינמיטן נאַכט האָט דער הימל אַרום דער שטאָט זיך שטאַרק אָנגעצונדן אין אַ ווייטן ברעג; פון ווערסטן־ווייט האָט זיך צום שטעטל דערטראָגן אַ ווייטער ווידערקול פון דאָרפישע קלויסטער־גלאָקן.

אידן אין האַלב־אָנטועכץ זיינען געשטאַנען אין פינצטערע געסלעך לעבן די הייזער און האָבן געפּרואווט טרעפן וואו ס׳ברענט.

צווישן די טונקעלע ביינאַכטיגע גרופּקעס אידן האָט זיך געטומלט. איינער האָט דעם צווייטן געפּרואווט איבערשפּאַרן און באַווייזן באותות ובמופתים, אַז ער ווייסט בפירוש און פינטקלעך אין וועלכן דאָרף עס ברענט. דעמאָלט האָט זיך ווי פון דער נאַכט אַרויס אונטערגערוקט אַ היימישער שטאָטישער פויער און האָט צוגעוואָרפן דעם עולם אידן מיט גרויס זיכערקייט:

— ניטאָ זיך דאָ וואָס צו שפּאַרן, דאָס ברענט דער „פולוואַרעק" פון דעם באָלאַניוווקער פּריץ, און אַליין איז ער אַנטלאָפן זאַ־גראַניצו — דער סוקין־סין!

קיינער האָט אים שוין אַפילו ניט איבערגעפרעגט פון וואַנעט ער ווייסט עס אַזוי זיכער וואו ס׳ברענט. מ׳האָט יזך בלויז איבערגעקוקט מיט שטומע, דערשראָקענע בליקן און שווייגנדיגע זיך צוריק פאַרקליבן אין די הייזער. ס׳איז שוין איצטער פאַר יעדן איינעם געווען זייער קלאָר: „אָט־איצטער האָט עס זיך שוין טאַקע אָנגעהויבן אויף אַן אמת; אָט דאָס אפנים איז זי, די רעוואָלוציע!"

ס׳איז דעמאָלט געווען אַ טאָג אין אָנהויב זומער. פון די רעדלעך אינמיטן מאַרק האָט מען ניט געקענט דערגיין קיין טאָלק; מ׳האָט בלויז געוואוסט, אַז אויפן שטעטל גייט אַ נייע „וולאַסט" (מאַכט), אָבער ווער די „וולאַסט" איז — דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט. איז מען געשטאַנען מיט ציטערדיגע הערצער — ווער ווייסט! ווער ווייסט!

אינמיטן טאָג האָט אָנגעהויבן אַריינצוקומען „פּעכאָטע" (פוסגייער). פאַרנאַכט צו איז אויך אונטערגעקומען קאַוואַלעריע, און דעמאָלט האָט דער גאַנצער פאָלק זיך אויסגעשטעלט אין מיטן מאַרק אין פולער אָרדענונג, ווי צו אַ פאַרנאַכטיגער תפילה, און ווען מעשענע כלים זיינען אין שטילער,

פאַרכטיגער פייערלעכקייט זיך פאַרגאַנגען מיט „באַזשע צאַריאַ כראַני", האָבן טירן פון שטעטלדיגע אידישע הייזער זיך ראַפּטאָם און שטאַרק פאַרריגלט. מ׳האָט שוין געוואוסט: דעניקינצעס!

ביינאַכט האָבן מיידלשע פאַרצוויפלטע קולות געריסן די נאַכט־שטיל־קייט. פאַרצוויפלטע, מאוים׳דיגע קולות, וואָס זיינען געלאָפן פון געסל צו געסל, זיך צונויפגעגאָסן אין איין גרויסן וויי־געשריי, וואָס האָט שוין ניט אויפגעהערט אַ גאַנצע נאַכט.

אין מיטן נאַכט האָט אַ ליכטיגער זייל פון אַ פראָזשעקטאָר אַרומגע־טאַפּט שטעטלשע פינצטערע געסלעך, אַרומגעבלאָנדזשעט מיט לאַנגער, ליכ־טיגער סטעזשקע פון עק צו עק און האָט לסוף זיך פאַרהאַלטן איבער דעם צעלייגטן לאַגער אינמיטן מאַרק און איז מיטאַמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן.

דערנאָך איז אַ שווערע האַרמאַטן־קויל אַנגעלאָפן אין דער נאַכט אַריין. האָט וואָיענדיג זיך אַ דריי געטאָן אין דער לופט. און דעמאָלט האָט עס זיך אָנגעהויבן.

אין שטעטל זיינען אַריין די פּעטליוראָוצעס.

— — — — — — — — — — — — —

די פּעטליוראָוצעס זיינען אַוועק. פאַרריגלטע טירן האָבן מיט גרויס פאַרזיכט זיך געעפנט. אַ קאָפּ האָט זיך פּאַמעלעך אַרויסגערוקט און זיך אַרומגעקוקט מיט צעשראָקענע אויגן אין אַלע זייטן.

איבערן שטעטל איז אויפגעגאַנגען אַ גרויסע, רויטע לבנה, וואָס איז געבליבן הענגען אויפן ראַנד פון הימל.

עס האָט אויסגעזען: עמיצער איז פון ערגעץ אָנגעקומען מיט אַ גרויסן, רויטן לאַמטערן און איז געבליבן שטיין ביים האָריזאָנט אויסצוקוקן דאָס שטעטל, וואָס איז איצטער געבליבן אַליין אויף הפקר, אויף גאָט׳ס באַראָט. און ווען די לבנה האָט זיך אויפגעהויבן העכער איבערן הימל, האָבן אויפן מאַרק זיך באַוויזן דריי רייטער. זיך באַוויזן פּלוצלונג און מיטאַמאָל, ווי זיי וואָלטן אויסגעוואַקסן פון אונטער דער ערד.

די רייטער זיינען געבליבן שטיין אין מיטן מאַרק. אונטערן וויכן לבנה־שיין האָבן זיי אויסגעזען, ווי דריי נאַכט־געשפּענסטער, וואָס וועלן שוין אַזוי אייביג בלייבן צוגעשמידט צו זייערע פלעצער.

עמיצער האָט זיך זייער פאַרזיכטיג געשאַרט אַרום דער פאַרשאָטנטער זייט פון די הייזער. אַ רייטער האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט און זיך אַ יאָג געטאָן צו יענעם אין אַ גרינגן גאַלאָפּ. יענער, וואָס האָט זיך גערוקט אַרום די טונקעלע זייטן פון די הייזער, האָט זיך געלאָזט לויפן.

— סטאָי! (שטיי)

אַ ביקס האָט אויסגעקנאַלט אין דער לופט אַריין. דער רייטער איז אונטערגעפאָרן צו יענעם, וואָס איז געבליבן שטיין אָנגעשפּאַרט אָן אַ וואַנט.

— ווער ביזטו?

יענער, ביי דער וואַנט איז געשטאַנען, ווי פאַרגליווערט, געקוקט מיט אויפגעריסענע, צעשראָקענע אויגן אויפן פרעמדן ביינאַכטיגן רייטער און ניט געקענט אויסריידן קיין וואָרט פון גרויס פּחד.

— נו, וואָס־זשע שווייגסטו? זאָג, ווער ביזטו?

ביי יענעם האָט דאָס מויל זיך קוים געעפנט. דאָס קול האָט געציטערט:

— אַ איד, אַ איד בין איך, טאַקע פון אָט דעם שטעטל. אַ קינד איז ביי מיר מסוכן קראַנק געוואָרן, בין איך אַרונטערגעלאָפן אין אַפּטייק אַריין — אָט דאָ־אָ ניט ווייט — אַ „לעקאַרסטווע" (אַ רפואה) פאַרן קינד.

— איז וואָס־זשע דאַרפט איר אַזוי ציטערן, רעב איד? און אַז אַ קינד ווערט קראַנק, דאַרף מען עס אַזוי פאַרלירן דעם קאָפּ? אָט וועט איר זען ווי דאָס קינד אייערס וועט נאָך אם ירצה השם געזונט ווערן און איר וועט נאָך דערלעבן אים צו פירן לתורה, לחופה ול'באָלשעוויקעס.

דער איד איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל. געוואָלט עפּעס זאָגן און געפילט, ווי עפּעס שטיקט אים אין האַלז און אַז איבער דער באָרד רינען ריטשקעלעך טרערן. ער האָט קוים אַרויסגערעדט:

— זענט איר, הייסט עס, אויך אַ איד?

— ניין, ניין! וואָס דען בין איך, אַ פּיפּערנאָטער?! איז זאָגט מיר בעסער, רעב איד, וואָס פאַר אַ שיינע פאַרשוינען זיינען עס היינט געווען צו גאַסט ביי אייך אין שטעטל און ווען זיינען זיי אויסגעקראָכן געוואָרן פון דאַנעט?

דעמאָלט האָט זיך שוין אויך דער איד צעשמייכלט:

— און איך האָב געמיינט, אַז שוין! איך גיי שוין אַ גאַנג . . . גיי ווייס, אַז ס'איז גאָר אַ איד, מאחינו בני ישראל, מסתמא פון די באָלשעוויקעס, האָ? איז ווען־זשע קומען זיי שוין צו אונז? ווען וועט שוין אויך אויף אונז קומען די ישועה? ווען וועט שוין נעמען אַ סוף צום גרויסן צאַרן, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף אונזער קאָפּ? ווען, רבונו של עולם, ווען?

פון זיינע אויגן האָט אויפסניי אַ פלייץ געטאָן אַ פרישער שטראָם מיט טרערן. ער האָט צוגעשפּאַרט דעם קאָפּ צום פערד, ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַרן עמוד און געדאַוונט. דער איד האָט שטיל געכליפּעט, גערעדט און זיך געקלאָגט אויף די צרות, פּאָגראָמען און שחיטות; דערציילט, וואָס דאָס שטעטל מיט אידן איז זיך דאָ אויסגעשטאַנען פון די רוצחים, פּעטליוראָווצעס, דעניקינצעס, זעליאָנאָווצעס און אַנדערע מערדער — ווען? ווען וועלן שוין די באָלשעוויקעס זיך אויך אומקוקן אויף זיי און זיך אָננעמען זייער קריוודע?

און לאַנג, לאַנג איז דער איד געשטאַנען און אַרויפגערעדט צו יענעם

אויפן פערד, ווי יענער וואָלט פון ערגעץ ספּעציעל צוליב דעם אָהער געשיקט געוואָרן אויפצונעמען די טענות, קריוודעס און בקשות, וואָס דער איד האָט פאַר אים אויסגעלייגט אָט דאָ אינמיטן דער ליכטיגער לבנה־נאַכט.

גאַנצפרי איז דאָס שטעטל שוין פול געווען מיט רויטע־אַרמייער. אין מאַרק־גאַס זיינען אידן געשטאַנען אין געדיכטע רעדלעך און ניט אויפגע־הערט צו דערציילן פון דעם גרויסן נס, וואָס האָט נעכטן ביינאַכט געטראָפן מיט שמואל דעם קירזשנער; ווי ער, שמואל, איז ביינאַכט געלאָפן אין אַפּ־טייק אַריין נאָך אַ „ליעקאַרסטווע" פאַר זיין קראַנקן קינד. און ווי דריי רייטער, טאַקע פון די באָלשעוויקעס, זיינען פּלוצלונג אויסגעוואַקסן ווי פון אונ־טער דער ערד און האָבן אויסגעשאָסן אין דער לופטן, און איינער פון זיי איז געווען אַן אמת'ער איד; ווי שמואל האָט עס מיט אים איינגע'טענה'ט אַ גאַנצע נאַכט און אַז יענער, ס'הייסט, דער אידישער באָלשעוויק, האָט אים מבטיח געווען, אַז מהיום והלאה וועט שוין אם ירצה השם זיין גוט פאַר אידן, ווייל די באָלשעוויקעס זיינען שוין, ברוך השם, געוואָרן אַן אמת'ע מלוכה מיט אַ פּרעזידענט און מיניסטאָרן, און אַז אחינו בני ישראל זיינען גאָר־גאָר קרוב למלכות.

איבערן שטעטל איז אויפגעגאַנגען אַ ליכטיגער זוניגער פרימאָרגן. אויף די ברייטע טרעפּ פון אַ גאַניק איז גאַנץ ברייטלעך געזעסן אַ רויט־אַרמייער, זיך געוואָרעמט געגן דער פרימאָרגנדיגער זון און האָט זייער לע־בעדיג אויסגעשפּילט אויף אַ מויל־האַרמאָשקע דעם „אינטערנאַציאָנאַל".

אויף זיין רויט־אַרמייאיש היטל האָט געשיינט געגן דער זון דער רוי־טער שטערן.

מוסטערן פון אידיש־אוקראַינער פּאָעזיע

צוזאַמענגעשטעלט פון ז. ווײַנפּער

אוקראַיניש־אידישע פּאָעזיע

די פּאַעזיע, ווי יעדער אַנדער קונסט, איז קודם־כל אַ קינד פונם לאַנד, וואו זי ווערט געבוירן, מעג זי אין איר פלי צו די הויכן שפּעטער אַרייננעמען אין זיך די גאַנצע וועלט, איז די וועלט סוף כל סוף אַ געזעענע מיט די אויגן פונם אייגענעם לאַנד.

נישט נאָר יעדער מענטש האָט אַ פּאָר אייגענע אויגן, נאָר אויך יעדעס לאַנד האָט אירע אייגענע אויגן.

די אויגן פון אוקראַינע זיינען אָפן. דאָס איז דערפאַר, ווייל זי דאַרף זיי נישט פאַרזשמורן. אָפענע פעלדער, אָפענע טייכן. די אומצייליגע פּרוכט־סעדער שלאָגן מיט פּשוט׳ע, געזונטע רחות און נישט נאָר דערשפּירט מען זיי גרינג, נאָר מען דערזעט זיי גרינג. אַפילו די וועלדער זיינען נישט גענוג הויך, אַז מען זאָל איבער זיי נישט קאָנען דערזען דעם האָריזאָנט.

אַזאַ די לאַנדשאַפט, אַזאַ אויך דער מענטש.

פּשוט, אָפן. אַפילו די בענקשאַפט איז אַן אָפענע. זי בענקט און עס זעט זיך קלאָר פאַר די אויגן נאָך וואָס די בענקשאַפט בענקט. אויך דער טרויער איז דאָרטן נישט איינגעוויקלט אין קיין שלייערן. ער איז אָפן פאַר אַלעמענס אויגן, און יעדער ווייסט פאַרוואָס דער טרויער איז אַזוי צעטרויערט.

אָפגערעדט פון דער פרייד, וואָס איז אין דער אוקראַינע אַזאַ צעזונגענע און צעהוליעטע, אַז אַלע, וואָס דערזען זי, הויבן גלייך אָן מיט צו זינגען און מיט צו הוליען.

אָבער לאָמיך זיך נישט אַריינלאָזן אין קיין ווייטערע באַווייזן וועגן דער באַזונדערקייט פון דער אוקראַינע און אודאי נישט וועגן דער באַזונדערקייט פון איר פּאָעזיע און וועגן דער באַזונדערקייט פון דער אידישער פּאָעזיע אין דער אוקראַינע.

עס זיינען מיר געגעבן געוואָרן צוועלף זייטלעך, וואָס דאַרפן אַריינעמען סיי די מוסטערן און סיי אָט די פאָררעדע.

זאָל זשע זיין גענוג. ווארים עס איז אַ סך וויכטיגער צו לאָזן פּלאַץ פאַר נאָך אַ מוסטער פון אַ דיכטער.

זאָלן די מוסטערן רעדן פאַר זיך אַליין. אַ שאָד, וואָס נישט מער ווי צוועלף זייטלעך. נישט נאָר זיינען די מוסטערן פון די געגעבענע דיכטער בצימצום, נאָר די דיכטער זיינען אויך נישט מער ווי געציילטע. פיל מער זיינען אויסגעלאָזן, ווי עס געפינען זיך אויף אָט די צוועלף זייטלעך.

ז. ווײַנפּער.

ה. רויזענבלאַט

אַ קרעטשמע

אַ קרעטשמע שטייט ביים זייט פון וועג.
איך גיי פון דעם יאַריד.
זי קוקט מיך אָן, ווי איינער רעדט:
איך ווייס, ביסט זייער מיד.

איך קאָן דעם וועג . . . מיר דאַכט ס׳איז דאָ
קיין קרעטשמע נישט געווען?
פאַרביי געגאַנגען וויפל מאָל
איך האָב זי נישט געזען.

עס איז מיר מאָדנע אומעטיג
גאָר פלוצלינג, אומגעריכט —
אַ פענצטערל — אַ קליינס, אַ קרומס . . .
אַן איינגעבויגן ליכט.

פאַרביי געשלייכט זיך וויפל מאָל,
און ערשט באַמערקט צום סוף.
דאָס ליכטל ווינקט צו מיר: ביסט מיד,
ווי איינער פאַרן שלאָף.

אשר שוואַרצמאַן

מ אַ מ ע

כ׳דאַרף איצט נישט קיינעם, איך דאַרף איצט מיין מאַמען,
און וואָלט איך זי האָבן, דאָן וואָלט איך איר זאָגן:
מאַמע, נישט מיין, איך בין קינדעריש און נאַריש —
איך קאָן, ווי אַ גרויסער, פאַר דיר זיך נישט קלאָגן.

כ׳זאָל אין דער פרעמד געווען יאָמערלעך וויינען,
וואָלטן די טרערן געפלאָסן פאַר ועמען,
ביטער זיך קלאָגן, —
ווער וואָלט פאַרנעמען?

כ׳דאַרף איצט נישט קיינעם, איך דאַרף איצט מיין מאַמען,
און וואָלט איך זי האָבן, דאַן וואָלט איך איר זאָגן:
מאַמע, נישט מיין, איך בין קינדעריש און נאַריש —
כ׳קאָן נאַר, ווי אַ גרויסער, פאַר דיר זיך נישט קלאָגן.

ראובן לודוויג

טריאָלעטן

1

וואונדערליכט, וואָס איז אין אונזער אייגן בלוט געפאַנגען,
זעליגקייט, וואָס רייסט די איטלקייט פון אונזער הויט,
פרייד, וואָס וואַכט ביים אַש פון אונזערע פאַרלאַנגען,
וואונדער־ליכט, וואָס איז אין אונזער אייגן בלוט געפאַנגען . . .
פרייד פון אונזער טראַט, וואָס איז צום סוף נאָך נישט דערגאַנגען,
רעוועראַנס צום לעבן, ביי די גרעניצן פון טויט.
וואונדער־ליכט, וואָס איז אין אונזער אייגן בלוט געפאַנגען,
זעליגקייט, וואָס רייסט די איטלקייט פון אונזער הויט.

2

אונזער ווייסער חלום ריגלט אויף אַ ווייסן טויער.
פאַלט די וואונד פון אונזער פייניקונג פון אונזער לייב אַראָפּ.
לעשט זיך פלאַמיגקייט פון לוסט, דאָס ליכט פון אונזער טרויער —
אונזער ווייסער חלום ריגלט אויף אַ ווייסן טויער.
זאָל דער בלי אויף פעלדער, זאָל דער שאַרף פון מויער
שטעכן נאָך די אויגן, שלאָגן אונזער יונגן קאָפּ.
אונזער ווייסער חלום ריגלט אויף אַ ווייסן טויער.
פאַלט די וואונד פון אונזער פייניקונג פון אונזער לייב אַראָפּ.

א. לוצקי

אַ שטעטעלע

אינמיטן וועלט אויף פעלד — אַ שטעטעלע.
שטיבער, וואָס שטייט איר דאָ? —
מענטשן זיינען דאָ — זיינען מיר דאָ.

אונזער היים איז דאָ . . .
אַ דאַך פון שטרוי.
אַ דאַך פון שינדלען.
אַ דאַך פון טשערעפּעס.

אַלע דעכער — סקאָס אַראָפּ
טריב.
טרויעריג.
יעדער אַראָפּ איז טרויעריג.
יעדע הויז — אַליין
אָוועקגעשטעלט. שטייט עס.
וואוהין זאָל עס גיין,
ווייטער איז דען בעסער?

איציק פעפער

צו אוקראַינע

איך פיל דיינע וואונדן, איך פיל דיינע טרערן,
איך הער, אוקראַינע, דיין קול.
איך הער ווי עס פאַלן צעשאָסענע שטערן
אויף בלוטיגער שטילקייט פון טאָל.

דער דניעפּר איז פאַרקאָוועט אין אייז און אין קייטן
און רייסט זיך אַ שטומער פון ברעג,
און מאַמעס, מיט אויגן פאַרווייניטע באַגלייטן
די זין אינם לעצטן געשלעג.

איך זע דיינע זין דורך די וועלדער זיך טראָגן,
איך הער זייער יאָג דורכן סטעפּ;
איך זע, ווי עס פינקלען די ווינטער־פאַרטאָגן
ווי קרוינען אויף זייערע קעפּ.

און וואו נאָר אַ כוטער און וואו נאָר אַ כאַטע
הויבט אויף זיך אַ יובל־געשריי,
און שלאַנקע טאָפּאָליעס, פאַרשנייטע, קודלאַטע
פאַרנויגן די צווייגן פאַר זיי.

איך זע דיינע זין אין היטלען פון שמויסן,
זיי פליען באַפרייען אויפסניי
דעם יונג זאַפּאַראָזשער באַליידיגטן דרויסן
פון אומגליק, פון בלוט און פון בליי.

דורך דאָרפישע כאַטעס, דורך וואַלדישע וועגן
דיין רוף, אוקראַינע, זיך שפּרייט,
פון קאַנעווער קרוטשעס, פון קיעווער ברעגן —
איך זע ווי דיין גבורה שוין גייט!

זי גייט פאַר דיין בלוט, פאַר דיין ריינעם באַצאָלן
וואָס גיסט זיך ווי וואַסער אין גאַס.
דער פיינט קאָן צעטרעטן דאָס גראָז אין די טאָלן,
נאָר ניט דיין געשוואָרענעם האַס!

ער קאָן ניט צעטרעטן דיין רום, דיין ערע,
דיין האַס צו די פיינט איז פאַרהיט;
ער ליגט אין די העלזער פון ביקסן פון שווערע
די שעפּסענע פעלצן געשמידט.

ער לעבט אין דער מילדער פאַר׳יתום׳טער נייקייט;
וואָס וועט ניט פאַרגיין פון דער ערד,
און ס׳דוכט אַז עס פליט סעווערין נאַליוווייקאָ
און טראָגט אים, דיין האַס, אויף זיין שווערד.

דיין האַס וועט די שונאים אין שטויבן צעמאָלן,
עס וועט זיי פאַרברענען דיין זון, —
איך הער שוין דעם פריידיגן רוף אין די טאָלן —
דאָס פליט אין די שלאַכטן באַגון!

איך זע ווי די העלדן זיך מערן ווי שטערן,
ווי זאַמד אויף די ברעגן, ווי מאָן,
זיי פליען צו דיר פון וואַלגער באַריערן
זיי פליען צו דיר פונם דאָן!

איך הער, אוקראַינע, ווי ס׳וויינט די באַנדורע
אין פעלדער, אין כאַטעס, אין מערק.
און כ׳זע ווי עס הויבט זיך דיין שטאָלענע גבורה,
דיין קאָרענע גבורה אויף בערג!

קלמן ליס

אַרסימקע דער האָלצהעקער

בערגעלסאָנ׳ען.

אַרסימקע דער האָלצהעקער האָט זיין אייגנס פאַרמעג —
אַ סערמעגע, אַ פּאַסיק, אַ האַק און אַ זעג,
אַ גראָבע, אַ כאַלשטשענע העמד אויפן לייב,
אין סטאַינע אַ שקאַפּע, אין כאַטע, אַ ווייב.

אַרסים איז אַ פויער אָן חכמות און שוין . . .
די איינציגע זאָרג איז אַ קלאָץ, אַ בוים,
אַ טאָפּאָריסקע צו דער האַק און אַ פעל צו דער זעג,
און אַ גרעבליע פון וואַלד אַרויס — אַ טרוקענער וועג!

אַרסימקע דער האָלצהעקער, ווער קאָן אים נישט,
מיט זיין אָפענעם פנים און רואיג געמיט,
אַלטע און יונגע, קינד און קייט,
פון אַ מייל צו דעקענען — אַרסימקע גייט.

נאָך אַ קלאָפּטערל האָלץ, ווער ווייסט נישט פון דעם,
אַרסימקע דער האָלצהעקער, אַ גאַנצער פאַרנעם . . .
פון דער לעדערנער טאָרבע „האָרילקע" אַ פלאַש,
אַ קניפּעקל פון רימען, אַ ברויט פון טאַש
פאַר אַ צענער אַ הערינג, לויטער שמאַלץ
און ווער איז צו אים גלייך, כיבאַ דער קייסער אַליין.

י. י. סיגאַל

שבתימ׳לעך

שבתימ׳לעך זינגען שוין מער נישט
אין אונזערע אַלטע מקומות.
וואָכעדיג גרויען די שטיבער,
די שטעלעכלעך פון די בהמות.

שבתימ׳לעך — האָבן זיך אַלע
פאַרהויבן די זיידענע פאַלעס,
און זיינען דורך שטויביגע וועגן
אַוועק ערגעץ אַפריכטן גלות.

זיי שטעלן זיך אָפּ אין אַ קרעטשמע,
אַ קרעטשמע פון גרוי־אַלטע יאָרן.
די אַלטע און גרויע קרעטשמאַרעס
דאָרט זיינען פאַרזעסן געוואָרן.

ער קוקט נאָך אַריין אין עין־יעקב
מיט קלאָרע, מיט ליכטיגע אויגן,
און זי — אין אַ תחינה אַ געלער
שעה־שעה׳ן אַריבערגעבויגן.

שבתים׳לעך קומען אַהינצו
און שטעלן זיך אָפּרוען דאָרטן.
אַן אומעטיגע, פרידלעכע שטילקייט
שפּינט אלול׳דיג גאָלד אינם גאָרטן.

לעצטע גרילן אין מידיגע גראָזן,
שפּילן שבת־בייטאָגיגע זמירות
אויף זייערע האַרבסטיגע פידלען,
אויף זייערע האַרבסטיגע לירעס.

מ. כאַשטשעוואַצקי

דער פּאַרטיזאַן טאַראַס

מ׳אָט געכאַפּט אים, און פאַרהערן
אים צום אָפיצער געבראַכט.
בלוט אים קאַפּעט פונם שטערן,
ער איז מיד און אָפּגעשוואַכט.

אָט־אָ שטייט ער פאַרן הענקער,
זיינע אויגן פול מיט האַס.
— זאָג, ווי רופט מען דיך? שעווטשענקאָ!
— **און דיין נאָמען ווי? — טאַראַס.**

ס׳איז דער דייטש דערשטיינט געוואָרן:
— נאַ דיר גאָר! ער ווייסט גאַנץ גוט —
ס׳איז שעווטשענקאָ טויט פיל יאָרן
און ביים דניעפּער ערגעץ רוט.

פרעגט באַנייס דער דייטש דעם קעמפּער:
— וואָס קערסטו דעם דיכטער אָן?
פונם אומדערוואַרטן ענטפער
האָט דעם דייטש אַ ברי געטאָן.

— דאָס בין איך אַליין דער דיכטער,
כ׳האָב פאַרלאָזט מיין קבר־הויז,
פאַר מיין פאָלק, מיין לאַנד מיין ליכטיגס
געגן אייך אין קאַמף אַרויס.

וואָס־זשע שטייסטו, ווי אין גליווער?
עפּעס שטום געוואָרן גיך?
טויט! נאָר וויס, דו הונט פאַרשיווער,
דו וועסט טויטן זיך, נישט מיך! —

פון דער וואַנט דער דייטש איז ווייסער.
צו דעם פּאַרטיזאַן — אַ שפּאַן
און זיין פּיסטאָלעט, בעת־מעשה
צילט ער גלייך אין פּאַרטיזאַן.

— נאַ־זשע דיר! — און אויסגעשאָסן.
נאָר . . . דער רויך פאַרשוואונדן ווערט, —
ס׳איז קיין פּאַרטיזאַן נישטאָ שוין,
נאָר אַ דייטש ליגט אויף דער ערד.

מען דערציילט: אין אוקראַינע
רעדט דערפון אי קליין אי גרויס —
געגן שונאים פול מיט שנאה
איז טאַראַס אין שלאַכט אַרויס.

מ׳האָט אַ סך מאָל אים געפאַנגען,
פיל מאָל טויטן אים געפּרואווט,
אים געשאָסן, איז געהאַנגען,
נאָר טאַראַס לעבט ווידער אויף.

און דעם דייטש ער צאָלט דאָרט גרויזאַם,
אים אויף יעדן טריט פאַרפאָלגט.
ס׳איז מיט אים דאָס פאָלק, דאָס גרויסע,
דאָס איז ער אַליין דאָס פאָלק.

ז. ווײַנפּער

אַ דאָרף

א.

אַ דאָרף. באַזונדער ליגן זיך די כאַטקעס דאָ און דאָרטן.
אַ קלויסטער שטייט אינמיטן פון אַ גרינעם, גרויסן גאָרטן.
די זון גייט אויף, און אויפן קלויסטער שפּילן זיך די שטראַלן,
און פון די גרוי מיט מאָך באַדעקטע שטאַלן —
די שקצים מיט די בייטשן אין די הענט — כמעט נאָך קינדער,
צעפּירן אין די טשערעדעס די שאָף און רינדער.

די לופט איז פול מיט מאָרגנטוי און שטויב פון שאָפנקלאָען,
אַן אַלטער פּאַסטוך מאַכט אַ פייסט און הערט נישט אויף צו דראָען
די יונגע שנעקעס, וואָס האָבן מער, ווי שטיפן נישט אין זינען,
אַ יונגער אָקס פאַררייסט דעם עק און כאַפּט אַ טענצל אין מיטן דרינען,
און אין דער מאָרגן לופט נעמען בייטשן זיך צעקנאַלן,
ווי פּלוצלינג וואָלט אויף דאָרף אַ שונא אָנגעפאַלן.

נאָר באַלד ווערט שטיל. דו גייסט פאַרביי און שטויביק דײַנע קליידער,
אַ פויער גריסט דיך, באַלד אַ צווייטער און אַזוי כסדר.
אַ גוי'ע מיט אַן עמער וואַסער קומט דיר אָן אַנטקעגן,
באַגריסט דיך גוטמוטיג און נעמט דיך פרעגן: —
וואוהין דו גייסט, און אויב דו ווילסט זיך אָפּרוען, דו מידער —
אין שטוב איז ברויט פאַראַן, און אַלע מענטשן זײַנען ברידער.

ב.

קאַרטאָפליעס מיט דער שאַל, עס טראָגט אַ פּאַרע זיך פון אויבן,
און ברויט טראָגט אויך די גוי'ע צו און הערט נישט אויף צו לויבן,
ווי גוט עס איז ביי איר צוליב מיר אַלץ געראָטן
און אויב איך וויל, וועט זי פאַר מיר אויך אייער לאָזן בראָטן —
אַ שיקסע קומט אַריין און נעמט דער גוי'ע עפּעס פרעגן,
און זעצט זיך אויף אַ ווייסער באַנק אַנידער מיר אַנטקעגן.

אַ בוזעם, ווי ראַשטשיגעט ברויט און אַ פּנים טאָמעוואַטע,
עס ווערט מיט ריח פון איר לײַב באַלד פול די גאַנצע כאַטע.
— איך עס קאַרטאָפליעס, און זי עסט מיך מיט אירע אויגן, קאַרע —

די באַלעבאָסטע שמייכלט: — די שטאָט „פּאַניטשעס" זיינען דאַרע,
און די „פּאַנענקעס" נאָך פיל דאַרער ממש, ווי די שטעקלעך,
און אירע ווערטער קריכן, ווי אין אַ זויל אַריין די פּלעקלעך.

אַ געלער, קודלעוואַטער הונט האָט אויפן דיל זיך אויסגעצויגן,
און ווי דער הונט קוק איך פאַר זיך מיט גליענדיקע אויגן —
די שיקסע טוט אַ לאַך און בויגט דעם קאָפּ איין צו די שויבן,
אַ שיינער וועטער — זאָגט זי — וועט זי גיין היינט שוואָמען קלויבן,
און אויב איך וויל וועט זי מיך ביזן וועלדעלע באַלייטן,
און מיט די פינגער גלעט זי אויפן סאַראַפאַן די קווייטן.

פרץ מאַרקיש

⁂

כאַפּן זיך פאַרטאָג פעלדער אויף פאַרשלאָפענע,
ציען זיך אויס
מיט זייער גאַנצער גרויס
און דעקן זיך פאַמעלעך אָפּ.

דערזעען זיי, אינם נעפּל אָנגעטאָן
אויף ווייטע שטרעקעס — סטערטעס קרומע רייען,
גלייך ווי אַנטלאָפענע.

לאָזט זיך שטיל צו זיי אַראָפּ
פון אַלע זייטן פריש און קלאָר,
אַ קאַלטער, טויאיגער קאַיאָר,
און שלעפערט שטיל זיי ווידער איין.

נאָר ווינטעלע פון אינדערפרי
קומט אַלעמאָל פון ערגעץ אָן
מיט אָפּגעהאַקטע האָנען־קרייען,
מיט שטיקלעך רעווע פון אַ קו,
און רוימט די פעלדער איין,
אַז בלעטער האָבן עפּעס נאָך צווישן זיך צו טאָן.

מאַני לייב

ביים טייך

אויף יענער זייט טייך איז די זון שוין פאַרגאַנגען,
אויף יענער זייט טייך איז אַ מיידל געגאַנגען
מיט בענקשאַפט אין האַרצן און טרערן אין בליק
צו זוכן מיידלשן גליק.

און בלימעלעך בלויאינקע זיבן מאָל זיבן
האָט זי ביי דער שיין פון לבנה געקליבן,
און האָט מיטן שטראָם זיי געלאָזן אין טייך:
— שווימט גלייך, מיינע בלימעלעך, גלייך.

שווימט גלייך ווייט אַהין, וואו די וואַסערלעך רינען,
מסתמא מיין גליק וועט איר דאָרטן געפינען,
און אַז איר וועט דאָרטן געפינען מיין גליק —
שווימט בלימעלעך גיכער צוריק.

די נאַכט האָט דעם טייך מיט אַ נעבל פאַרצויגן.
ביים טייך איז דאָס מיידל געשטאַנען געבויגן,
און האָט אין די וואַסערלעך לאַנג, לאַנג געקוקט,
און שווער מיט די אַקסלען געצוקט.

די וואַסערלעך זיינען גערונען, גערונען . . .
די בלימעלעך האָבן דאָרט גאָרנישט געפונען.
קיין בלימעלע איז נישט געקומען צוריק.
וויין מיידל, דו האָסט נישט קיין גליק.

שעפער און בויער פון דער אידישער ליטעראַטור אין אוקראַאינע און אַמעריקע.



מענדעלע מוכר ספרים



שלום-עליכם

חיים נחמן ביאַליק

דוד בערגעלסאָן

פרץ מאַרקיש

איציק פעפער

מ. אַלגין

אב. גאָלדבערג

בעל־שם־טוב

דר. אברהם קאראלניק

שלאָף ניט, קינד מיינס

מוזיק פון פנחס יאסינאָווסקי — ווערטער פון איציק פעפער

DO NOT SLEEP

אל תישן, יקיר לי...

ווערטער פון איציק פעפער

MUSIC BY
PINCHOS JASSINOWSKY



Copyright 1944 by PINCHOS JASSINOWSKY

פנחס יאסינאָווסקי
באַרימטער אידישער קאָמפּאָזיטאָר,
זינגער און חזן.

Page 4 Do Not Sleep




Tempo I
shtum yin dain fens-te - rl dem rei- nem, ku - ken shte - ren
chol! E - lei chad're-cha, n'ki ha - tso - har dom ko - chov ya -
rit. pp
blind, yin dain vi - ge - le, dem shei-nem shloft di nacht a -
bit, al - yad ar-se-cha k'lil - - to - har lel ar - bo, ya
tzind shloft di, nacht a tzind shloft di
shit. El chadre cha n' ki ha tso - har dom ko
rit. p dim. morendo
ya - bit, ya - bit.
nacht a - - tsind a tsind.
chov ya - bit, ya - a bit.
p Fine p

מאָמענטן פון לעבן און שאַפן פון גרויסן אידישן קינסטלער אברהם מאַניעוויטש

(אברהם מאַניעוויטש'עס ערשטע אויסשטעלונג אין קיעווער שטאַטישן מוזייאום)

פון רחל מאַניעוויטש

יאַנואַר 1910 האָט מאַניעוויטש זיין ערשטע אינדיווידועלע אויסשטעלונג אין קיעווער מוזיאום. צו דער דערעפענונג זיינען געקומען קינסטלער, שרייבער, די פּראָפעסאָרן פון קונסט־שול, די שטודירנדיגע יוגנט, אַרבעטער, און אַבראַמ'ס קאָלעגן.

עס איז געווען זייער מאַניעוויטש; ביי זיי אין קיעוו אָנגעהויבן לערנען און אין זייער קיעווער מוזייאום זיין ערשטע אויסשטעלונג. אַלע האָבן זיך געפילט ווי מחותנים.

ניקאָלאַי פּעדאָטאָוויטש בעליעשעווסקי, דער דירעקטאָר פון מוזייאום, איז געווען פאַרנומען מיט די קריטיקער און קאָלעקציאָנערן.

אַ פרעמדער, אַן אומעטיגער איז געשטאַנען אַבראַם. שטיל האָט ער געבעטן „אַהיים". באַקאַנטע און ניט־באַקאַנטע האָבן געדריקט מאַניעוויטש'ן די האַנט, באַגריסנדיג אים און מאַכן אַ סך קאָמפּלימענטן. זייענדיג פון דער נאַטור אַ באַשיידענער, האָט אַבראַם אויף די קאָמפּלימענטן געענטפערט מיט שווייגן.

דער דירעקטאָר פון דעם מוזייאום האָט דערזען אַז מאַניעוויטש איז אומעטיג, פאַרטראַכט, האָט ער געפרעגט: „אפשר ווייס איך וואָס אבראם אַנשעליעוויטש איז אין אַזאַ געדריקטער שטימונג?" איך האָב ניט געוואוסט און ניט געפרעגט.

אין אוונט זיינען מיר געגאַנגען אין אַפּערע הערן „פאַאוסט". אַבראַמ'ס שטימונג האָט זיך ניט פאַרבעסערט. נאָכן ערשטן אַקט זיינען מיר געפאָרן אין אַ רעסטאָראַן. איך האָב באַשטעלט די מאַכלים וואָס אַבראַם האָט ליב. ניט געגעסן. „קום, מיר וועלן גיין", האָט אַבראַם געבעטן. געגאַנגען און געשוויגן.

וועגן דער אויסשטעלונג איז געווען אַ סך געשריבן. יעדער פון די קריטיקער האָט געלויבט דעם יונגן מאָלער. קאַזאין און באַרדאַנאָוו, צוויי מאָלער, האָבן אָנגעשריבן רעצענזיעס, אין וועלכע זיי האָבן געלויבט זייער יונגן קאָלעגע.

רחל מאַניעוויטש, געמאָלן פון איר מאַן אברהם מאַניעוויטש.

אידן אין שבת׳דיגע סורטוקן. ווייבער יום־טוב׳דיג פֿאַרפּוצטע, מיט גאָלדענע רינגען אויף זייערע פֿינגער, וועלכע זייגען אויף זייער לעבן ניט געווען אין מוזייאום, זיינען אויך געקומען זען די אויסשטעלונג. זיי האָבן געזוכט די בילדער, אויף וועלכע די קריטיקער האָבן זיך צומייגסטן פֿאַר־איינינט.

אָפּט פֿלעגן די קיעווער אייגוואוינער זען מאַניעוויטש׳ן אין גאַס, לעבן זיין מאָלברעט אויף וועלכן עס איז געשטאַנען אַ וויסער לייוונט. אויפֿן לייוונט זיינען געוואַקסן מאַניעוויטש׳עסביימער. עס האָבן זיך געבויט מאַ־ניעוויטש׳עס הייזער.

רעגן־שנייען האָבן אַבראַמ׳ען ניט אָפּגעהאַלטן פֿון צוגיין אין די גאַסן. „פּאַידו פּאַבּראַדיט״, פֿלעגט מיר אַבראַם זאָגן, נעמענדיג זיין אַלבאָם.

אַבראַם האָט ליב געהאַט די פּאַרוואָרפֿענע אָרעמע גאַסן פֿון פּאָדאָל, אבאלאָניע, איזשיגערסקי, קאָנסטאַנטיאָווסקי און דגל.

„איך האָב דיר געבראַכט אַ גרוס פֿון דעם דעמייעווקע, געווען אין באָד־גאַס (די באָד־גאַס איז די אָרעמסטע און שמאָלסטע גאַס, וואָס דעמיעוו־קע פֿאַרמאָגט). נאָכן רעגן זעען אויס די הייזקעס ווי אויסגעצוואָגענע״, זאָגט אַבראַם.

נאָך אַ סך שטונדן אַרומגייענדיג איבער די גאַסן, אָדער שרייבנדיג אַ בילד, האָט אַבראַם זיך ליב געהאַט לייגן אָפּרוען אויפֿן דיוואַן, אָוועקשטעלן אַ ליכט אויף זיין טיש און לייענען שלום־עליכמ׳ס אָדער טשעכאָוו׳ס אַ דער־ציילונג.

„אַבראַם אַנשעליעוויטש, איך מוז בייטן מיין מיינונג, איך האָב גערענקט אַז דאָס אידישע פֿאָלק האָט ניט ליב קיין קונסט. זע מיט וואָס פֿאַר אַ ליב־שאַפֿט עטלעכע אידן מיט לאַנגע בערד קוקן אויף די בילדער״, האָט דער דירעקטאָר פֿון מוזייאום באַגייסטערט געזאָגט.

אַבראַם האָט זיך געפֿרייט, דערזעענדיג זיין מלמד פֿון קינדהייט, שטייענדיג לעבן אַ בילד. דער מלמד האָט געהאַלטן זיין מאַנטל אויפֿן האַנט, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצער לאַנגער קאַפּאָטע. אַ הויכער, אַ דינער, מיט אַ גרויער באָרד, אין וועלכער עס האָט זיך אַריינגע׳גנב׳עט עטלעכע שוואַרצע יונגע האָר.

„איך האָב אייך געוואָלט זען״, זאָגט דער מלמד אַבראַמ׳ען. „איר מעגט מיר זאָגן „דו״, שמייכלט אַבראַם מיט זיין ווייכן מאַניעוויטש׳דיגן שמייכל. „ערשט רופֿט מען אייך אין די צייטונגען אַבראַם אַנשעליעוויטש און אַלע צייטונגען שרייבן וועגן אייך״, זאָגט דער מלמד. אַבראַם באַקאַנט בעליעשעוו־סקי׳ן מיט זיין אידישן לערער פֿון זיין קינדהייט. עס קומען צו נאָך אידן, דעם מלמד׳ס חברים, אַלע זיי רינגלען אַרום אַבראַמ׳ען.

„איך האָב אייך דערציילט אַז מאַניעוויטש איז מיינער אַ תלמיד. מיך דרייען די אויערן. „אַבראַמ׳קע פֿלעגט האַלטן אין איין צייכענען די קוואַקע

מיט די הינדעלעך, די באַקדייזשע מיט דער טאַבורעטקע, אַלע אינגלעך תענגען אַרום אים און הירזשען פון געלעכטער. גיי וויס. ווען איך וואָלט וויסן, וואָלט איך ניט רייסן די צייכענונגען".

גאָר אַנדערש האָט מיר דערציילט אַבראַם וועגן די קוואָקעס מיט די הינדעלעך.

„די מלמד'קע, אַ קורצגעוויקסיגע מיט אַ גרויסן בויך, איר קליידל, וואָס זי האָט געטראָגן איז ביז צו דער ערד. ווען ניט דאָס קלאַפּן פון די „אַבצאַסן", וואָלט מען ניט געוואוסט אַז זי טראָגט שיך. די קוואָקעס מיט די הינדעלעך פלעגן אַרומלויפן איבערן שטוב און אַלע ווילע זיך באַוויזן פון אונטער דער מלמד'קעס קליידל. אַבראַם מאַכט אַ צייכענונג, ווי די מלמד־קע שטייט און שיט מיט הינדעלעך. די אינגלעך דונערן אויס אין אַ געלעכטער. אין דער באַקדייזשע — אַבראַם האָט אָפּגעמאָלן ווי די מלמד'קע קנעט ברויט. קיין קאָפּ און הענט האָט מען ניט געזען. זי איז געווען ווי אַ פעסל אין אַ טונקל קליידל, וואָס באַוועגט זיך. אַלע אינגלעך האָבן דערקענט די פיגור און האָבן געקייכט פון געלעכטער.

און אים, אַבראַמ'ען, איז ניט געווען מקנא צו זיין. זיינע אויערן האָט דער מלמד געצויגן מיט וויפיל כעס ער האָט געהאַט.

דעם מלמד האָט אַבראַם אויך גענומען פאַר אַ מאָדעל. האָט אים געצייכנט מיט אַ האָר צווישן צווי פינגער אויסרייסנדיג פון באָרד. די אינגלעך האָבן אַ קוק געטאָן אויפן מלמד, אויף דער צייכענונג און אַלע אין אַ כאָר האָבן אויסגעהילכט אין געלעכטער.

דער מלמד האָט זיך דערקענט און האָט גוטמוטיג מיטגעלאַכט.



אברהם מאַניעוויטש: זשעמליאַנסקאַיאַ גאַס, 1917.



רויטאַרמייער לייזער פּאַפּערניק, העלדישער קעמפער פון סלאָוואַרטע, קאַמענעץ־פּאָדאָלסק.

ישראל פיזאַנאָוויטש, העלדישער קאַפּיטאַן פון דער סאָוועטישער סובמארין „מאַליוטקא״, געערט פון סאָוועטישן פאָלק פאַר זיין פאַרניכטן צאָלרייכע שיפן פון די נאַציס.

פייגע פּאַפּערניק, מוטער פון אומגעקומענעם העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, לייזער פּאַפּערניק.

אוקראַינער אידן ביים אידישן טעאַטער אין אַמעריקע

פון יעקב מעסטל

צוליב פּאָליטישע טעמים אונטערן צאַרישן רוסלאַנד האָט אוקראַינע ניט געשפּילט קיין באַזונדערע ראָל אין די ערשטע יאָרן פון אידישן טעאַטער. די אָפטע גזרות אויף אידיש טעאַטער האָבן דערשטיקט יעדע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייט פון אָט דעם אינגסטן צווייג פון אידישער קולטור. האָבן אידישע טעאַטער־קינסטלער גענומען וואַנדערן פון לאַנד צו לאַנד און פאַרזייט קערנדלעך פון אידישער בינע־קונסט איבער גאַר דער וועלט. פאַרשטייט זיך, אַז די מייסטע פון זיי האָט געצויגן קיין אַמעריקע, וואו דער פרישער אימיגראַציע־שטראָם איז אַמבעסטן מסוגל געווען צו באַפרוכפּערן דעם באָדן פאַר אידיש טעאַטער.

צווישן יענע קינסטלער־אימיגראַנטן איז געווען אַ היפּשע צאָל אוקראַינער אידן, וועלכע האָבן אין אַ גרויסער מאָס געהאָלפן פאַרפעסטיגן און אַנטוויקלען דעם אידישן טעאַטער אין אַמעריקע. אַ וויכטיגןביישטייער אין דעם פּרט האָט געגעבן די שטאָט אָדעס. דאָ קומען אויפן ערשטן פּלאַץ יעקב פּ. אדלער, דער „נשר הגדול" פון דער אידישער בינע, און זיין פרוי סערא אַדלער, איינע פון די פּראָמינענטסטע אַקטריסעס אין איר צייט, וועלכע האָבן זיך קונה־שם געווען צווישן אידישע און ניט־אידישע טעאַטער־גייער. יעקב פּ. אַדלער איז געווען פון די ערשטע אויפצופירן אין זיין טעאַטער די בעסערע אידישע פּיעסע (גאָרדין און קאָברין), ווי אויך דעם קלאַסישן רעפּערטואַר, און האָט אַפילו זוכה געווען אין אַ ענגלישער אויפפירונג פון שעקספּיר׳ס „שיילאָק" צו שפּילן די הויפּט־ראָל אויף אידיש. דער באַדייטנדסטער אַקטיאָר לעבן דוד קעסלער און זיגמונד מאָגולעסקאָ, האָט אדלער מיט זיין אופן שפּילן געשאַפן אַן אייגנאַרטיגע שיטה, וועמענס איינפלוס עס איז צו מערקן נאָך ביי אַ סך היינטיגע אידישע אַקטיאָרן. ער איז דער פאָטער פון דער אידישער „קעניגלעכער פאַמיליע" אַקטיאָרן: פרענצים, צילי, דזשוליאַ און סטעלאַ אַדלער און פון דעם ענגלישן אַקטיאָר לוטער אדלער. ער איז אויך דער מחבר פון בוך „די לעבנס־געשיכטע פון יעקב פּ. אַדלער".

פון אָדעס שטאַמט מאָריס מאַשקאָוויטש, איינער פון די פיינסטע אידישע אַקטיאָרן, וועלכער האָט שפּעטער זיך געמאַכט אַ נאָמען אויך אויף דער ענגלישער בינע, אין לאָנדאָן ווי אין האָליוואוד. אָדעסער זיינען אויך די ברידער לעאָן און מיראָן גאָלובאָק, וועלכע האָבן אין זייער צייט געשפּילט אַ וויכטיגע ראָל ביים אידישן טעאַטער; דער סופלער און פּיעסן־שרייבער ראובן ווייסמאַן און זיין טאָכטער דאָראַ ווייסמאַן, אַ באַרימטע אידישע און ענגלישע אַקטריסע (איר שוועסטער בעסי, אַ אידישע אַקטריסע, איז שוין געבוירן אין ניו־יאָרק); די אַקטיאָרן יצחק וויערניק און אייב סינקאָף (געוועזן אַ באַדייטנדער טוער אַרום דער אידישער אַקטיאָרן־יוניאָן), די אַקטריסע לאה נעמי און דער ערשטער דירעקטאָר פאַר אידישע פילמען, סידני גאָלדין.

די באַרימטסטע גאַרדין־שפּילערין, די דראַמאַטיסטין קעני ליפּצין, איז געקומען פון זשיטאָמיר.

פון טאַלנע שטאַמט פּנחס טאָמאַשעווסקי, וועלכער איז אָנגעקומען אין אַמעריקע מיט דער גרופּע „עם־עולם" אין 1881 און באַלד, אין 1882, געגעבן די ערשטע אידישע טעאַטער־פאָרשטעלונג אין ניו־יאָרק. אַלע זיינע קינדער: באָריס, מערי, פעני, מייק, עמאַ און ענּי, זיינען געווען אַקטיאָרן אָדער מענעדזשערס ביים אידישן טעאַטער. באָריס טאָמאַשעווסקי, דער טאַלאַנטירטסטער און באַרימטסטער צווישן זיי, איז איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט געווען פאַרבונדן מיטן אידישן טעאַטער אין אַמעריקע ווי אַ מענעדזשער, הויפּט־שוישפּילער, רעזשיסער און פּיעסן־פאַרפאַסער. הגם דער נאָמען טאָמאַשעווסקי איז שיעור ניט אַ סינאָנים פאַר דער שונדיסטישער „פּינטעלע איד"־אָפּערעטע, איז אָבער אויך מיט דעם נאָמען פאַרבונדן אַ גרויסע צאָל אויפפירונגען פון בעסערע אידישע און אַלוועלטלעכע פּיעסן, פון מאָדערנעם ווי פון קלאַסישן רעפּערטואַר. אַליין אַ באַדייטנדער אַקטיאָר, האָט ער מיטן אַריבערברענגען פרישע שוישפּילער־כוחות פון אייראָפּע אַסך געהאָלפן ביי דער אַנטוויקלונג פון אידישן טעאַטער אין אַמעריקע. ער האָט צוגעצויגן צו דער אידישער בינע דעם גרויסן רודאָלף שילדקרויט און אַריבערגעבראַכט קיין אַמעריקע די גאַנצע „ווילנער טרופּע". טאָמאַשעווסקי האָט אַ סך געשריבן וועגן אידיש טעאַטער, און האָט אַליין אַרויסגעגעבן טעאַטער־זשורנאַלן און אַ בוך „טאָמאַשעפסקי'ס טעאַטער־שריפטן" (1908). זיין פרוי, בעסי טאָמאַשעווסקי (פון טאַראַשטשע, קיעווער גוב.), האָט זיך געציילט צווישן די באַרימטסטע אידישע אָפּערעטן־ און קאָמעדיע־שוישפּילערינס.

דאָס קליינע אוקראַינישע שטעטל סודילקאָוו האָט אונז געגעבן דעם גרינדער און לאַנג־יאָריגן דירעקטאָר פון „אידישן קונסט־טעאַטער" אין אַמעריקע, מאָריס שוואַרץ. אַ באַדייטנדער רעזשיסער און איינער פון אונזערע אויסגערופנסטע שוישפּילער, האָט מאָריס שוואַרץ, מיט זיין אומדער־

מידלעכער ענערגיע און גרויסן חוש פאַר טעאַטער, אַ הויב געטאָן די אידישע בינע אויף אַ ווירדיקער מדרגה און אַזוי אַרום צוגעגרייט און פאַרפעסטיקט דעם באָדן פאַר דעם אידישן קינסטלערישן טעאַטער אין אַמעריקע.

אוקראַינע האָט געגעבן דעם אידישן טעאַטער אין אַמעריקע נאָך אַ גאַנצע ריי באַגאַבטע שוישפּילער, צווישן זיי: סעם אויערבאַך, יצחק און מאַניע אַרקאַ, מישא בודקין, יעקב בערגרין, יעקב גאָלדשטיין (דער פאָטער פון דער אַקטריסע שאַרלאָט גאָלדשטיין), יודל דובינסקי, יוסף דזשייקאָבסאָן (פאָטער פון די אַקטיאָרן היימי, אירווינג און הענריעטאַ דזשייקאָבסאָן), דוד דענק, היינע־חיימאָוויטש (אַ פּיאָנער פון אידישן טעאַטער אין אַמעריקע), וויעראַ לעבעדיעוו, מיכל מיכאַלעסקאָ, די אַקטיאָרן־פאַמיליע מעדאָף, סאָניא נאַדאָלסקי, מאָריס נאָוויקאָוו, דזשוליוס נאַטאַנסאָן, אסתר נעראָסלאָווסקא, לעאָניד סניעגאָוו, איזידאָר עלגארד, מישא פישזאָן א.א.

אויף אַ באַזונדערן יחוס־צעטל וועלן די אוקראַינער אידן אַוועקשטעלן זייער גרויסן לאַנדסמאַן פון מירגאָראָד, דעם איניציאַטאָר פון דער אידישער בינע־דראַמע און רעפאָרמאַטאָר פון אידישן טעאַטער אין אַמעריקע, יעקב גאָרדין. אַ מענטש מיט עטישער באַציאונג און קולטורעלן צוגאַנג, האָט יעקב גאָרדין מיט זיינע בינע־מעסיגע פּיעסן אַ קירעווע געטאָן דעם אידישן רעפּערטואַר אויף גאַנץ נייע רעלסן און געהאָלפן אַנטוויקלען סיי דעם אידישן אַקטיאָר, סיי די מאַסע אידישע טעאַטער־גייער (די „גאָלדענע עפּאָכע״ ביים אידישן טעאַטער). די גאָרדין־שול אין דער דראַמע האָט געשאַפן אַ גאַנצע ריי עפּיגאָנען אין דער אידישער פּיעסן־ליטעראַטור און צוגעגרייט דעם באָדן פאַרן בעסערן אידישן רעפּערטואַר אין אַמעריקע.

איינער פון די פּאָפּולערסטע און פּראָדוקטיווסטע מעלאָדראַמע־שרייבער, איזידאָר זאָלאָטאַרעפסקי, שטאַמט פון יעליסאַוועטגראַד. פּיעסן פאַרן אידישן טעאַטער שרייבט אויך מ. אַשעראָוויטש (דער מחבר פון בוך „דוד קעסלער און מוני וויזענפריינד״) און איזידאָר לעש (פון כאַרקאָוו). דער „טאָג״־רעדאַקטאָר און טעאַטער־קריטיקער וויליאַם עדלין, דער אויטאָר פון בוך „וועלט־באַרימטע אָפּערעס״, קומט פון פּרילוקי, פּאָלטאַווער גוב., דער טעאַטער־רעצענזענט ב. ב. לינדער פון בערדיטשעוו און דער עסייאיסט און ליטעראַטור־ און טעאַטער־קריטיקער נחמן מייזיל רעכנט זיך פאַר אַ קיעווער.

⁂

אַ באַזונדער קאַפּיטל אין אידישן טעאַטער וועזן שטעלט מיט זיך פאַר דער טייל מערב־אוקראַינע, וואָס האָט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געהערט צו עסטרייך. נישט געקוקט דערויף, וואָס צוליב פּאָליטישע טעמים

האָט דאָס עסטרייכישע קייזערטום צוגעלאָזט צו פּאָלאָניזירן די גרעסערע שטעט פון יענעם טייל מזרח־גאַליציע, האָט אָבער דער רוב אידן, בפרט אין די קלענערע שטעט און דערפער, זיך מער געמישט מיט דער מערהייט אוקראַיִנישע באַפעלקערונג. אידן אין יענע מקומות האָבן בעסער גערעדט אוקראַיִניש (רוטעניש) ווי פּויליש, און אידישע בחורים און מיידלעך פלעגן באַגלייך מיט אידישע לידער זייער גערן אויסזינגען אויך אוקראַיִנישע לידער. דעם דאָזיגן איינפלוס געפינען מיר גאַנץ בולט אין די טעקסט־ און מעלאָדיע־מאָטיוון פון בערל בראָדער און וועלוול זבאַרזשער. אין אָט דער סביבה איז אויסגעוואַקסן אַ גאַנצע ריי אידישע טעאַטער־מענטשן, וועלכע האָבן שפּעטער געשפּילט אַן אָנזעעוודיגע ראָל ביים אידישן טעאַטער אין אַמעריקע.

די מערסטע פון זיי שטאַמען פון לעמבערג (לוואָוו), וועלכעס האָט געגעבן דער אידישער בינע אין אַמעריקע די צוויי אויסגערופנסטע פּרימאַדאָנעס, רעגינא פּראַגער און רעגינא צוקערבערג, דעם אין זיין צייט באַרימטן שוישפּילער־זינגער קלמן יאָוועליר, אפשר די איינציגע טראַגעדיסטין ביי דער אידיש־אַמעריקאַנער בינע — בערטאַ קאַליש (באַרימט אויף דער אידישער ווי אויף דער ענגלישער בינע), און צוויי פון די באַדייטנסטע אידישע אַקטיאָרן אין דער לעצטער צייט — לודוויג זאַץ און מוני וויזענפריינד, וועלט־באַרימט ווי אַ פילם־סטאַר אונטערן נאָמען פּאָול מיוני. אויך זיינע עלטערן, פיליפּ און סאַלי וויזענפריינד, אידישע אַקטיאָרן אין אַמעריקע, זיינען געווען מזרח־גאַליציאַנער. לעמבערגער זיינען אויך די אַקטריסעס מיני בירנבוים, בעטי דזשייקאָבס אַן פּעפּי לאַוויץ, דער קאָמיקער לעאָן פוקס און די אַקטיאָרן פּיטער גראַף, משה טאַרלאָווסקי, אליה מינץ (אַ ברודער פון לודוויג זאַץ), מ. ב. סאַמואילאָוו און מאָריס שטראַסבערג.

איינע פון די אנערקענטסטע אָפּערעטן־ און קאָמעדיע־אַקטריסעס (זייט יאָרן באַרימט אין סאָוועט־רוסלאַנד), קלאַראַ יאַנג, קומט פון זלאָטשאָוו, וועלכעס האָט אויך געגעבן דער אידישער בינע דעם מענעדזשער, סופלער, שוישפּילער, רעזשיסער און פּראָדוקטיוון אָפּערעטן־און־מעלאָדראַמע־פאַרפאַסער — אַלץ אין איין פּאַרשוין — אַנשל שאָר, דער „גאַליציאַנער ביסמאַרק" *). פון סטאַניסלאָוו קומען די אַקטריסעס מאַלווינאַ לאָבעל און

*) אויך דער שרייבער פון דעם אַרטיקל, יעקב מעסטל, לאַנגיאָריגער מיטאַרבעטער ווי אַ שוישפּילער און רעזשיסער ביים קונסטלערישן טעאַטער אין אַמעריקע, דער ערשטער דירעקטאָר פון „אַרטעף", מיט־רעדאַקטאָר פון „לעקסיקאָן פון אידישן טעאַטער" און פון דער טעאַטער־אָפּטיילונג אין דער „אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע", דער מחבר פון בוך „אונזער טעאַטער", איצט שוישפּילער און אַסיסטענט־דירעקטאָר פון „נייעם אידישן פאָלקס־טעאַטער", איז אַ זלאָטשאָווער.

ראָזע גרינפעלד און איינער פון די פּראָדוקטיוויסטע פּיעסן־שרייבער פאַר דער אידישער בינע — „פּראָפעסאָר" משה איש הלוי הורוויץ. פון טאַרנאָ־פּאָל — די טעאַטער־אָנפירער און שוישפּילער יהודה בלייך און בייטן גאָלד־בערג און דער אַקטיאָר לעאָן זיידענבערג. מזרח־גאַליציאַנער זיינען אויך די אַקטיאָרן אייב און מאָריס דאָרף, בערטאַ האַרט, מאַקס ווילנער, דוד פּאַפּער, שרה קינדמאַן, מאיר שער און דער דייטש־אידישער אַקטיאָר אַלעק־סאַנדער גראַנאַך, איצט אין האָליוואוד.

אַ וויכטיגן ביישטייער צום אידישן טעאַטער אין אַמעריקע האָט געגעבן משה נאַדיר מיט זיין ראַפינירטער קריטיק („מיינע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס דאָזיגע בלוט") און זיינע אויסטערלישע קאָמעדיעס, הערי סעקלער, איינער פון אונזערע פיינסטע דראַמע־ און קאָמעדיע־שרייבער, די קאָמעדיע־שרייבער חנא גאָטעספעלד און מיכל גאָלדבערג, און בנימין רעסלער מיט זיינע ערשטע פּדוּאוון אויף דער אידישער בינע.

פּיעסן פאַרן אידישן טעאַטער האָבן אויך געשריבן משה ריכטער און משה שאָר, און אָפּהאַנדלונגען וועגן טעאַטער — די באַקאַנטע טעאַטער־טוער שלום פּערלמוטער (זיין טעאַטער־אַרכיוו איז באַרימט אין דער פּראָ־פעסיע) און יאַנקעלע קירשענבוים. דער מזרח־גאַליציאַנער איזידאָר ליליען שרייבט „ליריקס", און דוד הירש, אפרים פּערלמוטער און הערמאַן וואָהל האָבן געשריבן מוזיק פאַר דער אידישער אָפּערעטע אין אַמעריקע.

אַ גרויסער פּראָצענט פון עולם אידישע טעאַטער־גייער באַשטייט פון אוקראַאינער און מזרח־גאַליציאַנער אידן — אַ גרויסער טייל פון זיי אָנהענ־גער פון בעסערן אידישן טעאַטער.

מאָריס שוואַרץ באַגריסט די קאָנפֿערענץ און דערשיינונג פון דעם בוך.

ליבער פריינט רבי ביק:

איך דאַנק אייך פאַר דער איינלאַדונג צו שרייבן אַן אַרטיקל איבער די קינסטלער וועלכע אונזער טייערע אוקראַינע האָט אַרויסגעגעבן.

איך וואָלט דאָס אודאי געוואָלט טאָן — איז עס אָבער אַ גאַנץ שווערער ענין, ס׳איז נויטיג צו וויסן די נעמען פון דער גרויסער צאָל קינסטלער — און אויף וועלכע געביטן זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט א.ד.גל.

וואָלט איך געווען אין ניו־יאָרק, וואָלט איך געקענט באַקומען די נויטיגע אינפאָרמאַציע — אָבער דאָ אין האָליוואוד איז עס שווערער ווי אומעטום, ווייל די היגע ביבליאָטעק איז אָרעמלעך אין אידישער ליטעראַרישער פאַרטרעטערשאַפט. אַ חוץ דעם בין איך איצט שטאַרק פאַרנומען אין צוגרייטן מיין רעפערטואַר פאַר שיקאַגע, וואו איך וועל שפילן אַ גאַנץ היפשע צייט דעם סעזאָן — דערפאַר איז עס נישט פיזיש מעגלעך פאַר מיר דעם וויכטיגן אַרטיקל צוצוגייטן — און וואָס איבערהויפּט קען מען זאָגן אין אַ באַגרענעצטן אַרטיקל? ווען איבער אונזער געניאַלן שלום־עליכם אַליין דאַרף מען שרייבן ביכער גאַנצע. ער רעפּרעזענטירט אונזערע אוקראַינער אידן אין פולסטן אויסדרוק. אויב מ׳וויל קענען אוקראַינער אידן דאַרף מען גוט קענען שלום־עליכמ׳ס ווערק: זיין הומאָר איז ספּעציפיש־אידיש, אָבער פאַרמאָגט אין זיך דעם אוניווערזאַלן פאַרנעם פון אַ מאַרק טווען. נשט אומזיסט האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד אים אַזוי ערנסט אָפּגעשאַצט, און מיט דעם גרעסטן דרך־ארץ אים אָנערקענט. מיר, אוקראַינער אידן, דאַרפן זיין שטאָלץ מיט דעם אוצר שלום־עליכם, וואָס נאָר די אוקראַינישע אידן האָבן געקענט גיבן דער וועלט אַ מתנה.

איך אַליין פיל זיך גליקלעך וואָס איך בין געבוירן געוואָרן אין אוקראַינע, ווייל כדי צו פילן און איבערלעבן די נשמה־אויסדרוקן פון „טביה דעם מילכיגן", אָדער דוד שאַפּיראָ, אָדער בערקאָוויטשעס אוקראַינער שגץ, וואָס קומט קיין אַמעריקע מיט אַ ליידיגן זאַק פון רעטשקע — דאַרף מען זיין אַן אוקראַינער אידישער קינסטלער.

איך האָף, אַז ווען די בלוטיגע מלחמה וועט זיך פאַרענדיגן און מיר וועלן קאָנען קומען אין פערזענלעכן קאָנטאַקט מיט אונזערע ברידער פון אוקראַינע און זיי קאָנען גיבן די נויטיגע מאַטעריעלע הילף — ערשט דאַן וועט די נייע פרייע וועלט קאָנען אָפּשאַצן דעם גרויסן ווערט פון דעם אוקראַינער אידנטום.

מיט פריינטשאַפט, מאָריס שוואַרץ.

אַ בינטל נעמען פון וועלט־באַרימטע חזנים און זינגער וועלכע שטאַמען פון אוקראַינע

פון מ. ירדני

אוקראַינע קאָן ווירקלעך זיך גרייסן מיט איר צאָל פון וועלט־באַרימטע חזנים און זינגער וועלכע זי האָט אַרויסגעגעבן, און וואָס זיינען געוואָרן די ליבלינגען ביים אידישן פאָלק איבער דער גאָרער וועלט.

די ראָל פון חזנות אין אידישן לעבן בכלל, און דער עיקר אין אידישן לעבן אין אַמאָליגן רוסלאַנד פון וועלכער אוקראַינע איז אַ טייל, איז באַוואוסט צו יעדן אידן. אין יעדער שטאָט און שטעטל פון אוקראַינע האָבן אידן אויסגעהאַלטן חזנים, וועלכע האָבן פאַרנומען אַ וויכטיגן אָרט אין דער געשיכטע פון דער אידישער קולטור.

אַזעלכע מייסטער פון דעם אידישן ליטורגישן געזאַנג, ווי שלמה וויינטרויב־קאַשטאַן, פיצע אַבראַס, וועלוול שעפּטאַפּאָל, ירוחם הקטן, א. דונאַיעווסקי, ראַזומני, ניסע בעלזער, זיידל ראָוונער, אליעזר גערשאָוויטש, פּיניע מינקאָווסקי, דוד נאָוואָקאָווסקי, באַכמאַן, בלומענטאָל, קאַרניאָל און נאָך פיל אַנדערע, האָבן געשאַפן הויך־קינסטלערישע ווערק, ביז גאָר ווערטפולע רעטשיטאַטיוון און כאָר־קאָמפּאָזיציעס, וועלכע פאַרנעמען אין אונזער רעליגיעזער מוזיק־ליטעראַטור דעם אויבן־אָן.

פון דעם עלטערן דור חזנים וועל איך דאָ צוערשט זיך אָפּשטעלן אויף ניסע בעלזער, וועמענס נאָמען איז באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט. ער איז געווען חזן אין בעלז, קישיניעוו און באַרדיטשעוו. זיין אמת'ער נאָמען איז געווען ספּיוואַק.

אין דער פּלעיאַדע פון די אַזוי־גערופענע „חזני־הרגש" (געפיל־חזנים) אין לעצטן יאָרהונדערט, פאַרנעמט ניסע בעלזער דעם סאַמע ערשטן אָרט. ער האָט אינגאַנצן קיין שטימע ניט געהאַט, אָבער ער איז דאָך געווען אַ האַרציגער דאַוונער. די הויפּט צוציאונגס־קראַפט אָבער איז געווען זיין ריזיגער קינסטלער־כאָר, וואָס פלעגט אַרויסרופן אָן אַ שיעור באַגייסטערונג

ביי די מתפללים. די צאָל פון זיינע מוזיקאַלישע שאַפונגען ציילן זיך אין די הונדערטער און זיי באַשטייען פון דועטן, פוגעס און נאָך אַנדערע וואַרי־אַציעס. אַ מאָדערנער מוזיקער וועט אפשר קוקן קרום אויף זיי, אָבער זיי זיינען דאָך אָריגינעל אידיש און קלינגען העכסט מעלאָדיש

דער צווייטער צו ניסע בעלזער, וועלכער איז געווען פונקט אַזוי באַ־רימט און באַליבט צווישן אידן איבער גאָר דער וועלט, איז געווען זיידל ראַוונער, וואָס איז מיט אַ יאָר צוריק געשטאָרבן דאָ אין אַמעריקע. אויך ער, זיידל ראַוונער, איז געווען מער באַרימט צוליב זיין פּרעכטיגן סימפּאַ־נישן כאָר און פאַר די כאָר־קאָמפּאָזיציעס וועלכע ער האָט פאַרפאַסט, ווי פאַר זיין אייגענעם זינגען. וואָרים פונקט ווי ניסע בעלזער, האָט אויך זיידל ראַוונער קיין שטימע נישט געהאַט. די באַגייסטערונג וועלכע זיידל ראַוונער פלעגט אַרויסרופן ביים אידישן עולם, איז, ווי געזאָגט, באַשטאַנען אין דעם כאָר און זיינע אייגענע געשאַפענע קאָמפּאָזיציעס.

זיידל ראַוונער'ס אמת'ער נאָמען איז געווען מאַראַגאָווסקי. דער נאָמען „ראַוונער" האָט ער באַקומען נאָך דער שטאָט ראַוונע, אין וואָלין. פונקט ווי ניסע בעלזער האָט באַקומען זיין נאָמען „בעלזער" נאָך דער שטאָט בעלז אין בעסאַראַביע.

זיידל ראַוונער איז געווען דער שטאָלץ פון טראַדיציאָנעלן חזנות, און וואו ער איז געקומען האָט ער מעריש־עולם געוועזן. ער האָט פאַרפאַסט אַן אַ שיעור קאָמפּאָזיציעס און רעטשיטאַטיוון, פאַר חזן מיט כאָר און אויך מיט אָרקעסטער־באַגלייטונג. הונדערטער וועלט־באַרימטע חזנים, אָפּערע־זינגער, פאָלקס־זינגער, קאָמפּאָזיטאָרן און דיריגענטן זיינען געווען זיינע תלמידים. און ווי ניסע בעלזער, האָט אויך ער, זיידל ראַוונער, קיינמאָל קיין מוזיק־שול נישט באַזוכט, און דאָך האָט ער איבערגעלאָזן דעם אידישן פאָלק און דער אידישער מוזיק אַן אוצר פון ווערטפולע מוזיקאַלישע ווערק.

אַ וויכטיגן אָרט אין חזנות פאַרנעמט פיניע מינקאָווסקי, וועלכער האָט דרייסיג יאָר פאַרנומען די חזנות־שטעלע פון דער בראָדער שול אין אָדעס. איידער מינקאָווסקי איז געוואָרן דער חזן פון דער בראָדער שול, איז ער פריער געווען חזן אין קישיניעוו, כערסאָן און דערנאָך אַמעריקע, אָבער זיין השפעה און טאַלאַנט האָט זיך וואונדערלעך פאַנאַנדערגעוואַקסן אין די יאָרן וואָס ער איז געווען אין אָדעס.

מינקאָווסקי איז געווען נישט בלויז העכסט מוזיקאַליש, נאָר אויך העכסט אינטעליגענט. ער האָט אַ סך געשריבן וועגן אידישער מוזיק אין „התקופה" און נאָך צייטשריפטן און אויך אין דייטשע און רוסישע אויס־גאַבעס. ער איז געווען פּראָפעסאָר פאַר מוזיק און אַלגעמיינע מוזיק־געשיכ־טע אין דער אָדעסער אידישער קאָנסערוואַטאָריע און איז דער מחבר פון איינציגע אָפּגעדרוקטע ביכער וועגן דער ליטורגישער און אַלגעמיינער אי־דישער מוזיק.

עס איז מערקווירדיג אז כאַטש מינקאָווסקי איז געווען אַזוי שטאַרק באַליבט אין אָדעס, איז אָבער „עמך" גערן געלאָפן אין דער „שאַלאַשנער" שול צו הערן דאָרט דאָווענען ראַזומני'ן, ווייל דער לעצטער האָט געדאַווענט מער מיט די געפילן פון זיין האַרצן ווי מיטן מח . . .

צו דער העכסטער מדרגה פון וועלט־באַרימטקייט, וואָס איז דערגאַנגען אויפן פעלד פון חזנות איז חזן קוואַרטין. ער האָט מיט זיין זינגערישן טאַ־לאַנט איינגענומען די גאַרע אידישע וועלט. קוואַרטין איז ניט בלויז אַ גרוי־סער חזן, נאָר אַ שול פאַר חזנים אין וועמעס פיס־טריט עס גייען הונדער־טער און הונדערטער חזנים.

קוואַרטינס גרויסער דערפאָלג אַלס חזן ביי אידן ליגט אין דעם, וואָס ער האָט פאַרשטאַנען דאָס, וואָס אַ סך פון זיינע קאָלעגן האָבן נישט גע־וואָלט אָדער נישט געקענט פאַרשטיין: דעם טיפן סוד וואָס שטעקט אין דעם אידישן נוסח. אַ חוץ זיין שיינער, קרישטאָל־קלאָרער דיקציע און זיסן אידישן מויל, האָט ער דורכאַנאַנד געבויט זיין חזנ'ישע קאַריערע און דערפאָלג אויף ריינעם אידישן נוסח, וואָס איז דער יסוד, דער פונדאַמענט צו דעם גאַנצן בנין פון דער קונסט, וועלכער רופט זיך חזנות.

די שטאָט ביעלאַצערקאָוו האָט אַרויסגעגעבן דעם שוין־פריער דער־מאָנטן פיניע מינקאָווסקי און יאָסעלע ראָזענבלאַט. זיינע חזנישע אייגנשאַפטן זיינען אַזוי שאַרף־פילנדיג, אַז מ'קאָן זיי ממש אָנטאָפּן מיט די פינגער. באַ־וואוסטזיניג אָדער אומבאַוואוסטזיניג, האָבן חזנים גאָר אַ סך געלערנט ביי אים. עס איז נישט געווען דער חזן, דער כאָר־דיריגענט, דער משורר און דער זינגער, פון דעם קלענסטן ביז דעם גרעסטן, וואָס האָט נישט אַרויפ־געקוקט מיט דעם גרעסטן דרך־ארץ צו יאָסעלען — דעם שיינעם איד, דעם פּאַטריאַרך פונם עמוד! מען האָט זיך געפילט דערהויבן אין זיין געגנוואַרט. עפּעס אַ כישוף איז מיטגעגאַנגען מיט אים, וואָס האָט אַלעמאָל באַצויבערט.

צוהערנדיג זיך צו יאָסעלע ראָזענבלאַט'ס דאַווענען, זיין אויסטייטשן די אידישע תפילות, פלעגט קומען אויפן זינען די אוקראַינער לאַנדשאַפטן, די גרינע לאַנקעס, די ווייס־באַגילדעטע פעלדער מיט ווייץ און קאָרן און בליענדיגע גערשטן; די געדיכטע וועלדער און סעדער, די ריחות פון סאָס־נאָווע ביימער, דאָס רוישן פון דניעפּער, פּרימיטיווע פויערשע גוטסקייט, פאַרביג אידיש לעבן, רבי'אישע הויפן, די ירושה פון אַ בעל־שם־טוב, ר' נחמן בראַצלאַווער, ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער, גאַנצער חסידיש־אידי־שער לעבנס־שטייגער — אַ סימפאָניע פון קלאַנגען, אומעטיגע און פריי־לעכע, צעזייט און צעוואָרפן איבער שטעט און שטעטלעך אויף דעם גאַנצן שטח פון דער גרויסער און מעכטיגער אוקראַינע.

עס איז איצט געוואָרן עלף יאָר, זינט יאָסעלע ראָזענבלאַט איז אַוועק פון אונז. ער איז געשטאָרבן דעם 19־טן יוני, 1933, אין ירושלים, זייענדיג אויף אַ באַזוך אין ארץ־ישראל.

צוליב זיינע אויסערארדנטלעכע גרויסע שטימע־מיטלען, וואס זייער ווינציג חזנים און זינגער בכלל פארמאגן אין אזא מאס, פארנעמט גרשון סיראטא, דער לאנג־יאריגער חזן פון דער בארימטער טלאמאצקער שול אין ווארשע, א גאר באזונדערן ארט אין דער חזנים־וועלט. א חוץ זיין „לייבן־שטימע" האט יעדער איינער שטארק באוואונדערט זיין באזונדערן חזנישן שטעל, זיין גוואלדיגן טעמפעראמענט און ברויזנדיגע ליידנשאפט וואס ער האט ארויסגעוויזן ביים עמוד.

סיראטא׳ס אריגינעלער אופן פון זינגען, זיין באזונדערער סטיל, האט געהאט א באשטימטע השפעה אויפן גאנג פון דער חזנישער קונסט. זיין שטייגער דאווענען האט זיך אויסגעצייכנט מיט מאס און געשמאק, אן די ביליגע קונצן און איבעריגע חזנישע דריידלעך. דער קלארסטער און בולט־סטער שטריך אין סיראטא׳ס חזנות, האט זיך אויסגעדריקט אין דעם אופן פון זיין געבוירענער צוגעפאסטקייט צו זינגען מיט א כאר.

דוד רויטמאן איז געווען פארעכנט ביי אונז פאר איינעם פון די טא־לאנטפולסטע חזנים און אלס דער באדייטנדיגסטער אימפראוויזאטאר ביים עמוד. זיין חזנות איז א וועלט פאר זיך, א וועלט מיט איר אייגענעם נוסח, מיט איר אייגענעם סטיל, קלאנג, טאן און קאליר. ער איז דורכאויס געווען א ליריקער און ער האט ארייגעזונגען אין זיין חזנות די סאמע צארטסטע טענער פון זיין נשמה. אין רויטמאנ׳ס חזנות איז דא אי געזאנג, אי מעשה׳לע. ער איז געווען מער דערציילער, מער מאלער, ווי זינגער. זיינער א רעטשי־טאטיוו דערציילט עפעס און עס איז נישט סתם קיין געזאנג.

רויטמאן האט זיך באנוצט מיט די פאלגנדיגע דריי אייגנשאפטן אלס באזיס פאר זיינע שאפונגען: אנטדעקן, ארייננדרינגען און בויען. ער איז געווען איינער פון די ערשטע, וואס האט גענומען באווייזן „חריפות׳ן" אין דעם רעטשיטאטיוו. ער איז געווען דער שטארקסטער רעפארמאטאר פונם רעטשיטאטיוו, וועלכער האט אין אים ארייגעבראכט אויסער מאדולאציעס און פארשיידענע נייע גוסטן — אויך בילדלעכקייט.

ער האט זיך בארימט געמאכט אין דער ברייטער אידישער וועלט, דער עיקר׳שט מיט צוויי פון זיינע שענסטע און געלונגענסטע קאמפאזיציעס: „אשמנו מכל עם" און „רחל מבכה על בניה".

ער איז געשטארבן מיט קארגע צוויי יאר צוריק אין ניו־יארק.

חזנות ווייסט ניט פון קיין גוטע און שלעכטע צייטן ביי אידן. ווייל אידן געפינען שטענדיג א טרייסט אין די תפילות, וואס דער חזן גיסט אויס ביים עמוד.

די צייט ווען פינטשיק האט אנגעהויבן זיין חזנישע קאריערע, איז גע־ווען פונקט אזא גרויזאמע און בלוטיגע ווי די הייניטיגע. די לופט אין אוק־ראינע איז געווען דורכגעזאפט מיט די ריחות פון טויטע און פארוואונדעטע

אידן דורך די פּאָגראָמען בעת דעם בירגער־קריג. אָט דעמאָלט האָט פּינטשיק זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אין קיעוו, וואו ער האָט געדאַווענט אַ שבת. זיין נאָמען האָט זיך דערנאָך געטראָגן איבער גאַנץ רוסלאַנד און שפּעטער אי־בער דער גאָרער וועלט וואו אידן לעבן.

זיין געשטאַלט ווי אַ חזן איז זינט יענעם שבת געוואָרן באַשטימט. ער האָט געבראַכט צום עמוד די פיינסטע, די דינסטע שאַטירונגען און ניואַנסן פון מענטשלעכע געפילן און עכט־רעליגיעזער פאַרקלערטקייט. ער האָט גע־עפנט פאַר דער ליטורגישער מוזיק אַ וועלט מיט ביידע גוסטן און טעמעס, וועלכע אַנדערע חזנים פּרובירן נאָכמאַכן. אָבער קיינער האָט נישט באַוויזן נאָך זיך צו דערגרונטעווען צו זיין סוד צו קאָנען מיט אַזעלכע קליינע שטי־מע־מיטלען — אַ צאַרטער טענאָר — וואָס גלעט דאָס אויער! — דערגרייכן אַזאַ ריזיגן דערפאָלג.

זיין חזנות פאַרמאָגט עפּעס אַזעלכע חידושים, בליציגע איינפאַלן, וואונ־דערלעכע געדאַנקען און אַן איבעראַשנדיגע אָריגינאַליטעט.

ווען איר הערט אים זינגען זיינע דריי שענסטע רעטשיטאַטיוון: „רזא־דשבת", מה נאמר" און „רבונו־של־עולם" (פון ספירה), האָט איר דאָס גע־פיל, אַז הינטער אים שטייען די ראַזומני'ס, די קאַרניאָל'ס, די אבראַס'ס, די ווײַנטרויב'ס און די משה־בער'ס — די גרעסטע חזנים, וועלכע אידן האָבן אַרויסגעגעבן.

ווען פּינטשיק האָט זיך באַוויזן דאָ אין אַמעריקע, האָט ער אַריינגע־בראַכט אַ גאַנצע איבערקערעניש אינם חזנות. עפּעס האָט ער ווי ביי יעדן חזן צוגענומען דאָס לשון. עס האָט אויסגעזען ווי אַן אמת'ע „רעוואָלוציע" אין חזנות. זיין „רזא־דשבת" איז געוואָרן דער מוסטער פאַר אַלע חזנים אין דער וועלט.

איינער פון אַ גאַנצער גרופּע חזנים אין אַמעריקע, וועלכע האָבן דער־הויבן דעם חזנישן רעטשיטאַטיוו צו דער העכסטער מדרגה פון קונסט, איז, בלי־שום־ספק, יהושע ווייסער.

אַזעלכע חזנים ווי יהושע ווייסער האָבן געקענט אַרויסוואַקסן נאָר פון אַ פּרוכטבאַר אידיש לעבן, וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט אידישקייט, מיט לומדות, מיט שבת און יום־טוב, מיט פרומקייט און יראת־שמים. דער חדר, די שול, דער בית־מדרש האָבן דעם אידישן קינד געגעבן דעם טאָן. דאָס זינגען ביים חזן איז געווען אַ שיינער חלום, נישט קוקנדיג אויף אַלע יסורים און ליידן, וואָס א משורר האָט באַדאַרפט דורכגיין. ער האָט מער ווי עפּעס געלערנט פון דעם חזן.

ווייסער ווערט פאַררעכנט פאַר איינעם פון די וויכטיגסטע פאָרשטייער פון אָרטאָדאָקסישן חזנות דאָ אין לאַנד. ער האָט דערצויגן כמעט אַ גאַנצן דור יונגע חזנים אין אַמעריקע.

זיין „עקיבא בן מהללאל" (פון „פרקי אבות"), וואָס דער פאַרשטאָר־בענער „פרינץ פון חזנות", חזן מרדכי הערשמאַן האָט אויף אַ העכסט־קינסטלערישן שטייגער פאַראייביגט אין אַ וויקטאָר־רעקאָרד, איז איינער פון זיינע זעלטענע און טיף־דורכגעטראַכטע רעטשיטאַטיוון. ער האָט דעם טעקסט פון „פרקי אבות" באַאַרבעט אויף אַזאַ אופן, וואָס לאָזט נישט אי־בער קיין „שאָטן" אין דעם בילד, וועלכע די ווערטער שטעלן מיט זיך פאָר.

מען האָט הערשמאַנ'ען גערופן „דער פרינץ פון חזנות". ער האָט דעם דאָזיגן נאָמען כשר פאַרדינט. ווער עס האָט איינמאָל געהערט הערשמאַנ'ען דאַוונען ביים עמוד אָדער זינגען אויף אַ קאָנצערט, וועט די איבערלעבונג קיינמאָל נישט פאַרגעסן. ער איז געווען אַ זינגער בחסד־עליון; אַ זינגער וואָס האָט פאַרמאָגט אַ פול האַרץ מיט געזאַנג. זיין שטימע — אַ ליריש־דראַמאַטישער טענאָר — האָט געקלונגען אַזוי טויאיג־פריש, אַזוי זוניג־ליריש, אַזוי צאַרטיג־זאַנפט, אַזוי קאַליפרפול און ניואַנס־רייך, קלאָר ווי קרישטאָל און ריין ווי גינגאָלד, וואַרעם און גלאַטיג, אַז ס'איז ממש זיך צעגאַנגען אין יעדן אבר!

כאַראַקטעריסטיש פאַר הערשמאַנ'ס זינגען איז געווען דאָס פּאַקן די „נשמה" פון דער זאַך, פונם רעטשיטאַטיוו, צי פון פאָלקס־ליד, און עס אַזוי קלאָר און בולט אַרויסברענגען, גלייך ווי עס וואָלט געווען זיין אייגן בלוט און פלייש, ווי ער וואָלט דעם רעטשיטאַטיוו, צי ליד, אַליין געשאַפן.

ער איז געשטאָרבן מיט פינף יאָר צוריק אין ניו־יאָרק אין עלטער פון בלויז צוויי־און־פופציג יאָר.

ביים דערמאָנען די באַרימטע חזנים פון דער היינטיגער צייט, וועדט דער נאָמען לייב גלאַנץ נישט פאַרפעלט. אַלס חזן האָט ער אפשר ווינציג זיין גלייכן. ער צייכנט זיך אויס ניט בלויז מיט זיין אייגנאַרטיגן חזנות, נאָר אויך מיט זיין הויכער אינטעליגענץ און באַהאַוונטקייט אין אידישע פּאָליטישע און קולטורעלע ענינים, וועלטלעכער בילדונג און מוזיקאַלישקייט. כדי צו געניסן די פולע שיינקייט פון גלאַנצ'ס עכט־פּאַעטישן דאַוונען, פאָדערט זיך פיל געשמאַק און אַ חוש פאַר דאָס עסטעטישע. עס איז נישט קיין געוויינט־לעכע חזנות, אַ חזנות, וואָס איר הערט טאָג־טעגלעך, נאָר עפּעס וואָס האָט צו טאָן מיט פאַרטיפן זיך, מיט פאַרטראַכטן זיך און פאַרקלערן זיך. גלאַנצ'ס סאַמעט־ווייכער לירישער טענאָר איז אַנגעמאָסטן פאַרן חזנישן שטייגער.

גלאַנץ וועבט אַריין נייע פעדים, נייע תנועות, שטייגערס אין דער חזנישער מוזיק און זוכט שטענדיג נייע וועגן און מעגלעכקייטן, ווי אַזוי זיך צום בעסטן פאַר אייך צו אַנטפּלעקן.

פנחס יאַסינאָווסקי שטעלט מיט זיך פאָר אַ סינטעז פון חזן, פאָלקס־זינגער און קאָמפּאָזיטאָר. איז עס אַ גליקלעכער צוזאַמענשטעל און אַ גרויסער געווינס פאַר דער אידישער מוזיק.

קאפאָו־קאַגאַן געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון גרויסע חזנים ביי אידן. ער פאַרמאָגט אַ טענאָר־שטימע, וואָס גאָר אַ סך חזנים וואָלטן זיך געוואונטשן צו האָבן. אָבער מיט אַ שטימע אַליין וואָלט ער פיל נישט אויפגעטאָן ביי אידן. דער אויבערשטער האָט אים באַשאָנקען מיט אַ „קרעכץ", וועלכער דרינגט אַריין טיף אין דער נשמה און דערוואָרעמט אַ אידיש האַרץ. ער גייט אין די וועגן פון טראַדיציאָנעלן חזנות, וואָס איז אַ ירושה פון דורות חזנים. קאַפּאָו־קאַגאַן קאָן די אַלטע וועגן אויסגעצייכנט.

און דאָ קום איך צו די אידישע פאָלקס־זינגער און אָפּערע־זינגער, וועלכע שטאַמען פון אוקראַינע.

דעם אויבנאָן צווישן די פאָלקס־ און אָפּערע־זינגער פאַרנעמט אָן שום ספק דער באַרימטער באַס פון דער ניו־יאָרקער מעטראָפּאָליטאַן אָפּערע־הויז, אַלעקסאַנדער קיפּניס. אַלעקסאַנדער קיפּניס איז באַוואוסט צו יעדן מוזיק־ליבהאָבער צו יעדן באַזוכער פון דער אָפּערע און קאָנצערטן, נישט בלויז דאָ אין אַמעריקע, נאָר איבער דער גאָרער וועלט. ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ קליין שטעטל אין וואָלין. און שטאַמען שטאַמט ער אָפּ פון אַ משפּחה פון היימישע בעל־תפילות און חזנים. אַלעקסאַנדער קיפּניס ווערט פאַרעכנט פאַר איינעם פון די בעסטע זינגער און אויסטייטשער פון וואַג־נערס אָפּערעס און אויך פאַר איינעם פון די פיינסטע דייטשע און רוסישע לידער זינגער אין דער וועלט. נאָך שאַליאַפּינען איז נישט געבליבן קיינער וואָס זאָל פאַרנעמען זיין אָרט, סיי אין דער אָפּערע, סיי אויף דער קאָנ־צערט־בינע, אויסער קיפּניס'ן. ער איז סיי אין דער שטימע און סיי אין דעם טעמפּעראַמענט, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, ענלעך צו אים.

אַ צווייטער אָפּערע־זינגער איז איגאָר גאָרין. ער פאַרמאָגט אַ קאָליר־פולע באַריטאָן־שטימע און איז זייער פּאָפּולער דאָ אין אַמעריקע, סיי אויף דער ראַדיאָ, סיי אויף קאָנצערטן. ווען איר הערט אים זינגען ווערט אייך וואַרעם אין יעדן גליד.

אין דער פאַרשפּרייטונג פונם אידישן פאָלקס־ליד, פונם אידישן ניגון און פונם געזונגענעם אידיש־דיכטערישן ליד דאָ אין אַמעריקע האָט דער באַקאַנטער אידישער פאָלקס־זינגער חיים קאָטיליאַנסקי געשפּילט אַ וויכ־טיגע ראָלע.

חיים קאָטיליאַנסקי איז געבוירן געוואָרן מיטן אידישן ליד אין מויל. דאָס זינגען אידישע לידער איז ביי אים נישט עפּעס אַ נעבן־זאַך, נאָר דער סאַמע תוך פון דער נשמה. זיין שטימע — אַ לירישער באַריטאָן — קלינגט ווי פון אַ זייער נאָענטן און גאָר אייגענעם מענטשן, וואָס איז אייך שטאַרק ליב און איר ווילט זיך דורכאויס צו זיין שטימע איינהערן, איינהערן זיך מיט אַלע אייערע חושים.

נאָכדעם ווי חיה'לע גרובער האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער „הבימה",

האָט זי איר שפּרודלדיקן טאַלאַנט געווידמעט צו קליינקונסט — צו שפּיל און געזאַנג. זי זינגט שפּילנדיק און שפּילט — זינגענדיק. קיין איין ניואַנס, קיין איין האַלבער און פערטל טאָן פון אַ ליד, פון אַ ניגון, ווערט ביי איר נישט פאַרלאָרן. זי זינגט כמעט אינגאַנצן אָן אַ שטימע און דאָך פאַר׳כישופ׳ט זי אייך . . .

אַ צווייטע צו חיה׳לע גרובער איז גאָלדע ראָזלער, וואָס האָט אי גע־שפּילט טעאַטער מיט דעם „אַרטעף" און טרעט אַרויס אויף קאָנצערטן מיט אידישע פאָלקס־לידער. גאָלדע ראָזלער האָט אַ קליינע שטימע, אָבער אַ סך געפילן צום זינגען. זי פילט דעם אָטעם, די נשמה, דעם קנייטש פונם אי־דישן פאָלקס־ליד, פונם אידישן ניגון מיט אַלע חושים. זי זינגט האַר־ציג און מיט אַן אייגנאַרטיקן חן. איר שטימע קלינגט ערטערווייז ווי אַן אַל־טאָ און ערטערווייז ווי אַ סאָפּראַנאָ. זי האָט עטלעכע מאָל באַרייזט אַמערי־קע אויף ספּעציעלע קאָנצערט־טורס פאַר דעם אידישן פאָלקס־ערדן.

מנחם קיפּניס איז געווען דער „קעניגלעכער" זינגער פון אידישע פאָלקס־לידער אין פּוילן. צו דעם איז ער געווען אַ זאַמלער פון פאָלקס־ניגונים און לידער און אַ פעליעטאָניסט אין די אידישע צייטונגען פון וואַר־שע. ער שטאַמט פון דער זעלביגער משפּחה וואָס אַלעקסאַנדער קיפּניס. ער האָט געהאַט אַ לירישן טענאָר און איז געווען, דאַכט זיך, דער ערשטער אי־דישער זינגער אין כאָר פון דער וואַרשעווער מלוכה־אָפּערע. קיפּניס׳עס פאַרדינסטן פאַר פּאָפּולאַריזירן דאָס אידישע פאָלקס־ליד, איז גאָר אין־לשער. ער האָט אַ סך געשריבן וועגן אידישער מוזיק און אויך וועגן אי־דישן טעאַטער. קיפּניס איז געווען ביז גאָר אַן אָנגעזעענע פּערזענלעכקייט אין דעם אידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון פּוילן.

איך וועל פאַרענדיקן דעם בינטל נעמען מיט דעם שרייבער פון די שורות, וואָס איז אַ געבוירענער פון וואָלין. סלאַוועשניע הייסט דאָס שטעטל. אין עלטער פון פערצן יאָר האָט ער פאַרלאָזן זיין היים און האָט זיך אַרויס־געלאָזט וואַנדערן איבער דער ברייטער וועלט. ער האָט זיך באַוואוסט גע־מאַכט ווי אַן אייגנאַרטיגער זינגער סיי פון חזנות ביים עמוד, און אויך ווי אַ זינגער אויף דער ראַדיאָ און קאָנצערטן מיט אידישע און ארץ־ישראל לי־דער. ער האָט אַריינגעזונגען ביז איצט צען רעקאָרדס פאַר דער וויקטאָר קאָמפּאַניע און אַנדערע רעקאָרד געזעלשאַפטן. ער שרייבט אויך וועגן מו־זיק אין „טאָג" און אַנדערע אידישע אַמעריקאַנער צייטונגען און זשורנאַלן. ער האָט פאַרטיג צום דרוק אַ בוך וועגן אידישער מוזיק און מוזיקער. זיין שטימע — אַ לירישער טענאָר — נעמט אויס ביים אידישן עולם צוליב איר אייגנאַרטיגן אָריענטאַלישן קלאַנג.

די אַנשטרענגונג פון אוקראַינער אידן אין אַמעריקע פאַרן ווידעראויפבוי פון אונזער חרוב׳ער אוקראַ׳ינער היים

פון יוסף ראַפּאַפּאָרט

(סעקרעטאַר פונם אוקראַינער קאָמיטעט ביים אידישן קאָונסיל פאַר ראַשיען וואָר רעליף)

גלייך ווי די בלוטיגע כוואַליעס פונם באַרבאַרישן פאַשיזם האָבן זיך אַנגעהויבן איבערגיסן איבער די גרענעצן פון אוקראַינע, איז דער אָטעם פון דער גאַנצער מענטשהייט פאַרכאַפּט געוואָרן פון שרעק. עס האָט זיך געשטעלט די פּיינלעכע פראַגע: וועט די פרוכטבאַרע אוקראַינער שוואַרצערד נערן און שפּייזן די וועלט־רויבער? וועלן די דאָנבאַסער קוילן העלפן באַוועגן די היטלער־מאַשין פון צעשטערונג און פאַרניכטונג?

אונז, אוקראַינער אידן אין אַמעריקע, האָט די נייעס נאָך מער אויפגעשווידערט. אוקראַינע האָט אַ לאַנגע געשיכטע פון אידישן מאַרטירערטום. אידישער כבוד, אידיש האָב און גוטס און אידיש בלוט איז פאַר יאָרן און דורות געווען הפקר אין דער אורקאַינע. פאָליטישע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע באַגרענעצונגען, פּאָגראָמען און מערדערייען, באַגלייטן ווי אַ שוואַרצער שאָטן דאָס לעבן פונם אוקראַינער איד.

ערשט נאָך דער סטאַביליזירונג פון דער סאָוועטישער מאַכט האָבן די אוקראַינער אידן אָפּגעאָטעמט פריי. פּאָגראָמען און אַנטיסעמיטיזם זיינען פאַרבאָטן געוואָרן פונם סאָוועטישן געזעץ. אידן האָבן באַקומען פולע גלייכהייט אויפן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן געביט. פון אונטער די חורבות פון דעם פאַרפוילטן צאַרישן פעאָדאַלן רעזשים, פונם לעצטן וועלט־קריג און פון די טעג פון רעוואָלוציע און בירגער־קריג איז אויסגעוואַקסן און עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ ניי לעבן. עס האָט זיך צעבליט דאָס אידישע קולטור־לעבן און די פּערספּעקטיוון זיינען אַלץ ליכטיגער געוואָרן פאַר די סאָוועטישע פעלקער בכלל און, נאַטירלעך, אויך פאַר די דאָרטיגע אידן.

און פלוצלונג איז געקומען דער נאַצישער איבערפאַל. דער גרעסטער מערדער פון אַלע צייטן האָט איבערגעריסן דאָס גליקלעכע פרידלעכע לעבן אין דער אוקראַינע, און האָט געבראַכט דעם גרעסטן חורבן אויף דער אוקראַינע און איבערהויפּט פאַר די אוקראַינער אידן.

דער אוקראַינער איד אין אַמעריקע איז אויפגעציטערט געוואָרן. מיט־אַמאָל זיינען אָנגעדירט געוואָרן די טויזנטער פּעדים וואָס פאַרבינדן דעם אוקראַינער איד מיט זיין אַלטער היים. יעדער איד האָט געוואוסט: זיין געבורט־שטאָט ליגט צעטראָטן אונטער די בלוטיגע שטיוול פון נאַצישע פאַרכאַפּער און פאַרגוואַלדיגער, דאָס געסל און שטוב אין וועלכער ער איז געבוירן געוואָרן און דאָרט פאַרבראַכט זיינע קינדער־יאָרן איז איצט פאַרברענט. יעדער איינער האָט זיך דערמאָנט אין זיינע קרובים, אין זיינע יוגנט־פריינט, און ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן: וואָס האָט מיט זיי פּאַסירט? זיינען זיי לעבן געבליבן? האָבן זיי באַוויזן זיך צו ראַטעווען? אין זאַך האָט יעדער אויפריכטיגער איד פון אוקראַינער אָפּשטאַם געוואוסט: מען דאַרף העלפן! אָבער ווי אַזוי, דורך וועלכע קאַנאַלן ברענגט מען די הילף? עס האָט זיך געשטעלט די פראַגע צי קאָן מען בכלל העלפן די אַלטע היים איצט, ווען גאַנץ איראָפּע איז איינגעוויקלט אין פלאַמען?

אָבער אַן ענטפער איז געגעבן געוואָרן.

עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן די ערשטע הילפס־אָרגאַניזאַציע וואָס קאָן שיקן הילף צו דער סאָוועטישער באַפעלקערונג, אַ רעליף־אָרגאַנזאַציע וואָס איז גרייט צו שיקן מעדיקאַמענטן, שפּייז, קליידער א.אַז.וו.

ווי אַזוי זאָל מען העלפן? דער אָרגאַניזירטער „ראַשיען וואָר רעליף" האָט געענטפערט: מען דאַרף העלפן די מענטשן וועלכע שלאָגן די באַרבאַרישע חיה. דאָס שליסט שוין איין הילף פאַר יעדן מענטשן אין סאָוועטן־לאַנד, אויך פאַר אייער לאַנדסמאַן און קרוב וואָס קעמפט אַליין אָדער ווערט געשטיצט פון די קעמפער.

אָנגעזעענע פירער פון אָרגאַניזירטן אַמעריקאַנער אידנטום מיט אַ ווייט־זעענדיגן בליק, קולטור־טוער און פאַרשטייער פון אידישע אָרגאַניזאַציעס, האָבן אין דעצעמבער 1941 געשאַפן דעם אידישן קאָונסיל פאַר ראַשיען וואָר רעליף, כדי צו מאָביליזירן און קאָאָרדינירן הילף צווישן די אידישע אָרגאַניזאַציעס.

אוקראַינער אידישע לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דעם קאָונסיל. די פאַראייניגטע פּאָדאָליער לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן געוויזן דעם וועג. דער ראַטגעבער און ערן־פּרעזידענט פון די פּאָדאָליער לאַנדסלייט איז געוועזן דער פאַרשטאָרבענער ציוניסטישער פירער און זשורנאַליסט אב. גאָלדבערג ע"ה, די לאַנדסלייט א. גאָלדיס פון די כמעלניקער איז געוועזן פּרעזידענט, און י. ראַפּאַפּאָרט, אַ סטאַניסלאַוועטשיקער, סעקרעטאַר.

אויף אַ קאָנפערענץ פון העכער פערציג פאָדאָליער לאַנדסמאַנשאַפטן דעם 1־טן פעברואַר, 1942, אין אַקאַדעמי האָל, ניו־יאָרק, איז אָרגאַניזירט געוואָרן די „פאַראייניגטע פאָדאָליער לאַנדסמאַנשאַפטן" — צו שאַפן הילף פאַר דער רוסישער באַפעלקערונג איצט און פאַר אונזערע שטעט און שטעטלעך אין דער צוקונפט".

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ברייטע אַקטיוויטעט. דער קאָמיטעט האָט געאַרבעט אונטער דער פירערשאַפט פון דעם אידישן קאָונסיל פאַר ראַשיען וואָר רעליף. קאָמיטעס האָבן באַזוכט לאַנדסמאַנשאַפטן. מען האָט אַרויסגעשיקט אויפרופן. מען האָט געוועקט און געמונטערט די לאַנדסמאַנשאַפטן פאַר אָרגאַניזירטער הילף.

עס האָט זיך אָבער געפילט אַ נויטווענדיגקייט אויסצושפּרייטן די אָרגאַניזירטע אַרבעט צווישן אַלע אוקראַאינער לאַנדסלייט און אָרגאַניזאַציעס. דערפאַר איז דעם 21־טן מערץ געשאַפן געוואָרן דער אוקראַאינער קאָמיטעט ביים אידישן קאָונסיל פאַר ראַשיען וואָר רעליף, מיט הרב אברהם ביק אַלס פאַרזיצער און מאַרי גאָלדבערג אַלס סעקרעטאַר.

די הילף איז געשיקט געוואָרן צו דער ליידנדיגער אוקראַאינישער באַפעלקערונג. די אורקאַאינער אידן דאָ און דאָרט ווייסן אַז דאָס אוקראַאינישע פאָלק אַלס אַ גאַנצעס האָט הערואיש געקעמפט געגן די נאַציס, און אַז די אידן האָבן געקעמפט זייט ביי זייט מיט די אוקראַאינער צו פאַרטרייבן די נאַציס פון זייער ערד, און אַז זיי וועלן געמיינשאַפטלעך, זייט ביי זייט, אויפבויען אַ ניי לעבן אויף די חורבות וואָס די נאַציס האָבן איבערגעלאָזט.

עס איז געקומען די היסטאָרישע שעה ווען די רויטע אַרמיי האָט אָנגעהויבן, נאָך סטאַלינגראַד, צו באַפרייען שטאָט נאָך שטאָט פון דער אוקראַאינע. גאַנץ אוקראַאינע איז באַפרייט געוואָרן, אָבער וואָס פאַר אַ מורא'דיגן חורבן די באַרבאַרן האָבן איבערגעלאָזט. פאַברענטע שטעט, אַ חרוב אידיש לעבן. אָבער מיר ווייסן, אַז גלייך נאָך דער באַפרייאונג פון אַ שטאָט קערן זיך די עוואַקואירטע אידן אום צוריק. עס הויבט זיך אָן דער אויפבוי פון די פאַרוויסטע שטעט, דער טויטן־טאָל פון אידישע ביינער באַקומט צוריק לעבן.

אין די ערשטע אַכט חדשים פונם יאָר 1944 האָט דער אוקראַאינער קאָמיטעט איבערגעשיקט הונדערט טויזנט פונט קליידער און פינף טויזנט פעקלעך שפייז און מעדיצינישע אַרטיקלען — בלויז פון ניו־יאָרק אַליין.

דאָס געפיל וואָס הערשט צווישן אוקראַאינער אידן איז פרייד געמישט מיט טרויער: פרייד אויף דער באַפרייאונג און דער נאַצישער מפּלה, און טרויער אויפן שרעקלעכן חורבן וואָס האָט ניט קיין גלייכן אין דער געשיכטע. און ערשט איצט שטעלט זיך פאַר אונז די גרעסטע אויפגאַבע. אין הונדערטער לאַנדסמאַנשאַפטן ברויזט איצט די טעטיגקייט פאַר דער רעליף. מען

זאַמלט קליידער. מען שיקט קיטס אין די באַפרייטע שטעט. טויזנטער פּעק־לעך זיינען שוין געשיקט געוואָרן אין די היים־שטעט. יעדע מתּנה טראָגט מיט זיך אַ גרוס, אַ טרייסט, און אַ דערמוטיגונג צו אונזערע ברידער אין דער אוקראַינע, און צעמענטירט די פריינטשאַפט פון אונזער פאָלק, פון אונזער לאַנד מיטן לאַנד פון די סאָוועטן.

אָבער דאָס איז בלויז אַ טייל פון דער פּאַרצווייגטער הילפס־אַרבעט. מיר ווייסן אַז יעדער אָרגאַניזאַציע, לאַנדסמאַנשאַפט האָט איצט געזאַמלט צענדליגער טויזנטער דאָלאַרן גרייט צו העלפן דעם ווידעראויפבוי פון זייער שטאָט און שטעטל. אייניגע לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן זיך שוין אַפילו פאַר־בונדן מיט זייערע היים־שטעט. די אויפגאַבע פון דעם אוקראַינער קאָמיטעט ביים ראַשיען וואָר רעליף איז צו קאָאָרדינירן די גרויסע הילפס־אַרבעט, דערהייבן אונזער הילפס־אַרבעט צו אַ נייער הויך. עס וועלן מוזן געפונען ווערן די וועגן צו דערגרייכן יעדער אוקראַינער אָרגאַניזאַציע, סאָסייעטי, לאַדזש און צווייג פון פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס איבערן לאַנד, און אויס־אַרבעטן פלענער ווי אַזוי פאַראייניגטערהייט צו לייסטן די גרעסטע הילף פאַר דער ווידעראויפריכטונג פון נייעם אידישן לעבן אין דער אוקראַינע.

בילדער און באַשרייבונגען פון שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע.

קיעוו

קיראָוו גאַס אין קיעוו. געביידע פון פאָלקס־קאָמיסאַ־רן פון סאָוועטישער אוקראַינע — זייט 116.

געביידע פון קיעווער שעווטשענקאָ אוניווערזיטעט, וואָס דייטשן האָבן חרוב געמאַכט פאַר זייער צוריקטריט, דעצעמבער 1934 — זייט 117.

אַ זייד־פאַבריק אין דאַרניצע, קיעווער ראַיאָן וואָס דייטשן האָבן חרוב געמאַכט ,אָקט. 1943 — זייט 118.

די באַרימטע גאַס פון קיעוו — דער קרישטשאַטיק — זייט 119.

אַ סקול אין קיעוו — זייט 120.

קיעוו אין פלאַמען נאָכן צוריקציען פון דייטשן — זייט 120.











דאָס אידישע וואָלין

פון ל. שפּיזמאַן

סאַרני, קלעסאָוו, דאָמבראָוויצאַ, ראָוונע, — נייע נעמען שווימען אַרויס אויפן בלוט־ און נייעס־ים, נעמען, וואָס זיינען פאַר מיליאָנען לייענער אומ־באַקאַנטע שוואַרצע פּינטעלעך ערגעץ־וואו לעבן די פּויליש־רוסישע זומפּן. פאַר אידן פון פּוילן קלינגען אָבער די דאָזיגע נעמען מיט אייגנאַרטיגן רייץ. זיי רירן אָן ניט־פאַרהיילטע וואונדן, זיי וויקלען אויף אין זכרון די מגילה פוןליידן און פריידן פון אידן אין פּוילן פאַרן קריג; די דאָזיגע נעמען זיינען באַזונדערס טייער פאַר פיל טויזנטער חלוצים, וואָס האָבן זיך געגרייט אַמאָל פאַרן קיין ארץ־ישראל און זיינען איצט געוואָרן פאַרטראָגן דורכן שטורעם־ווינט פון קריג איבער די ריזיגע שטחים פון רוסלאַנד, אָדער באַהאַלטן זיך אויס ערגעץ־וואו אין פּוילן אין וועלדער און באַהעלטענישן פון די נאַצישע פיינט, וואַרטנדיג אויפן גרויסן טאָג פון זיג.

אין די 11 פאָוויאַטן (קרייזן) פון וואָלין האָבן געוואוינט פאַרן קריג 208,000 אידן אויף אַן אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון 2,085,574 איינ־וואוינער (לויט דער פאָלקסציילונג פון 1931). די אידן האָבן טאַקע אויסגע־מאַכט נאָר קרוב 10 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, אָבער זיי זיינען געווען דער רירעוודיגסטער עלעמענט און געבילדעט די מערהייט פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג.

פון די 11 פאָוויאַטן האָבן אין 5 (סאַרני, ראָוונע, לוצק, דובנע, לו־באָמל) די אידן געבילדעט אַן אַבסאָלוטע מערהייט פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, אַפילו ווען מען רעכנט צוזאַמען די דאָרטיגע פּאָליאַקן און די אוקראַינער; אין 4 פאָוויאַטן האָבן די אידן געבילדעט אַ רעלאַטיווע מערהייט אין די שטעט, איבערשטייגנדיג אין צאָל די פּאָליאַקן ווי די אוקראַינער. אין די לעצטע 2 פאָוויאַטן האָבן די אוקראַינער געהאַט אַ רעלאַ־טיווע מערהייט אין די שטעט און נאָך זיי גייען די אידן.

אין די 10 יאָר צווישן דער פאַריגער פאָלקסציילונג (אין 1921) און 1931, איז געפאַלן דער פּראָצענט פון אידן אין דער שטאָטישער באַפעלקע־רונג, אין 1921 האָבן די אידן געציילט 58.6 פּראָצענט פון דער גאַנצער שטאָטישער באַפעלקערונג, און אין 1931 נאָר 49.1 פּראָצענט. דאָס איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון פאַרשטאַרקטן צופלוס פון די פּאָליאַקן אין די שטעט. דאָך, האָבן די אידן, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, געביל־דעט אַן אַבסאָלוטע מערהייט פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג אין 5 פאָוויאַטן און אַ רעלאַטיווע מערהייט אין 4 פאָוויאַטן.

אין סאַנער פּאָוויאַט, וואָס איז דער ערשטער געוואָרן דעראָבערט דורך דער זיגרייכער רויטער אַרמיי, האָבן אין 1931 געוואוינט 16,088 אידן. אין די שטעט האָבן געוואוינט 7,541 אידן — 15.8 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, און אין די דערפער האָבן געוואוינט 8,547 אידן — 5.1 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

די אידן אין וואָלין האָבן, ווי אַלע אידן אין פּוילן, ס׳רוב געפונען זייער חיונה ביי האַנדל און אינדוסטריע, אָבער איבער 5 פּראָצענט אידן האָבן זיך פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט. (געגוי 10,089 נפשות).

אין וואָלין ווי אין די אַנדערע מזרח־געביטן פון פּוילן (באַקאַנט אונטערן נאָמען „קרעסן") זיינען די אידישע לאַנדווירטן ס׳רוב געווען קאָנצענטרירט אין קאָלאָניעס, צו 100 פאַמיליעס און אַפילו מער. אויך אין די קלענערע שטעטלעך און אין די פאָרשטעט פון די גרעסערע שטעט האָבן זיך אַ צאָל אידן פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט. סיי אין די קאָלאָניעס, סיי אין די קליינע שטעטלעך, איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט גערטנעריי און סעדעריי.

אַן אייגנאַרטיג בילד האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די קאָלאָניעס: זיי האָבן געבילדעט אַ מין „אויטאָנאָמען" אידישן ישוב מיט אַן אייגענעם סאָלטיס (פאַרשטייער פון דאָרף כלפּי דער מאַכט), וואָס פלעגט זיינע מודעות שרייבן אויף אידיש.

יעדע קאָלאָניע האָט געהאַט איר אייגענע פאָלקסשול, אַ בית־מדרש און אַ בית־עולם. די עטלעכע בעלי־מלאכות, ווי שוסטער, שניידער, שמידן א.אַ. האָבן זיך גוט איינגעלעבט מיט די האַרעפּאַשנע דאָרפישע אידן. אַ אידישע קאָלאָניע פלעגט מען פון דערווייטנס קענען אונטערשיידן פון די אַרומיגע דערפער. די הייזער זיינען פונקט ווי אַלע דאָרפישע הייזער געווען געבויט פון האָלץ און באַדעקט מיט שטרוי, אָבער זיי האָבן געהאַט אַ שענערן אויסערלעכן אויסזען און זיינען געווען מעבלירט ווי די שטאָטישע דירות. די אידישע קאָלאָניסטן האָבן זיך אויך דערנערט בעסער ווי די אַרומיגע פּויערים, זיי האָבן געטראָגן שיך און ניט קיין פּויערשע לאַפּטשעס. די קינדער פלעגט מען האַלטן אין חדר אָדער צונעמען אין דער היים אַ מלמד. די דאָרפס־אידן האָבן ניט געוואָלט אויף קיין פונקט אָפּשטיין פון זייערע שטאָטישע ברידער.

די איק"אַ און דער „אָרט" האָבן געמאַכט גרויסע באַמיאונגען אַריבערצופירן צו ערד־אַרבעט דעקלאַסירטע אידישע קרעמער און בעלי־מלאכות. די דאָזיגע אָרגאַניזאַציעס האָבן אויך מיטגעהאָלפן די אידישע קאָלאָניסטן ביים איינקויפן לאַנדווירטשאַפטלעכע מכשירים, זריעה א.אַ.וו. די לעצטע יאָרן פאַרן קריגס־אויסברוך איז געוואָרן פאַרשטאַרקט די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג צווישן די אידישע לאַנדווירטן. די קאָאָפּעראַטיוון האָבן סיי איינגעקויפט בשותפות די נויטיגע זריעה און מכשירים און סיי פאַרקויפט

בשותפות די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטאָן. אין אַ רייע קאָלאָניעס זייַנען געוואָרן אויפגעבויט קאָאָפּעראַטיווע לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען ווי פאַבריקן פון געטריקנטע גרינס, א.א. די אוגערקעס פון די אידישע גערטנער האָבן, אַ דאַנק דער הילף פון די קאָאָפּעראַטיוון, אַנגעשפּאַרט אין פיל גרעסערע שטעט פון פּוילן. די לעצטע יאָרן זיינען אַפילו געמאַכט געוואָרן פּרוואוון צו אָרגאַניזירן דעם עקספּאָרט פון אוגערקעס קיין אויסלאַנד.

קיין גרויסע אידישע ערד־גיטער זיינען אין וואָלין ניט געווען, ווייל אונטערן צאַריזם האָבן אידן דאָרט ניט געטאָרט קויפן קיין ערד. אונטער דער פּוילישער הערשאַפט זיינען נאָר געווען איינצלנע אידן, וואָס האָבן פאַרמאָגט גרעסערע ערד־גיטער.

דער האַנדל איז געלעגן בעיקר אין אידישע הענט. אין 1933 האָבן קרוב 74 פּראָצענט האַנדלס־אונטערנעמונגען געהערט צו אידן. אָבער אין פאַרגלייך מיט 1921 איז די צאָל אידישע האַנדלס־אונטערנעמונגען געפאַלן אין אַ היפּשער מאָס (דאַן האָבן צו אידן געהערט 92 פּראָצענט פון אַלע האַנדלס־אונטערנעמונגען). סיי די פּאָליאַקן און סיי די אוקראַינער האָבן באַוויזן אַריינצודרינגען אין האַנדל, עפּעס־ענדיג סיי פּריוואַטע קראָמען און סיי פיל קאָאָפּעראַטיוון. דאָס האָט דערפירט צו דער פאַרקלענערונג פון דער אידישער ראָל אין האַנדל.

די אידן אין וואָלין האָבן אויך געמאַכט אַ לעבן פון האַנטווערק און אינדוסטריע. אין 1929 זיינען 72.6 פּראָצענט פון אַלע האַנטווערקערס געווען אידן. אינטערעסאַנט איז זיך צו באַקענען מיטן כאַראַקטער פון די מלאכות, ביי וועלכע אידן זיינען געווען אַממערסטן באַשעפטיגט. 95 פּראָצענט מאָלער זיינען געווען אידן. פון 67 גלעזער איז נאָר געווען 1 גוי! צווייַדריטל מולאַרעס און דריי־פערטל סטאָליאַרעס זיינען געווען אידן. די אידישע ערלעכע האָרעפּאַשניקעס האָבן הונדערט־פּראָצענטיג אָקופּירט דאָס פאַך פון היטל־מאַכעריי. אויך די מערהייט טשעסלער זיינען געווען אידן. 58 פּראָצענט קצבים, 90 פּראָצענט בעקער זיינען געווען אחינו בני ישראל. ס'איז דאַכט זיך, אומנויטיג צוצוגעבן, אַז די אַלט־באַקאַנטע אידישע הויפּט־פאַכן: שניידעריי און שוסטעריי איז געוואָרן אין שטורם „דעראָבערט" דורכן אידישן בעל־מלאכה.

די אידן אין וואָלין האָבן אויך אויסגעבויט אַ גרויסע נעץ פון קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון און גמילות חסדים־קאַסעס, וואָס האָבן פינאַנציעל שטאַרק אַרויסגעהאָלפן דעם אידישן קרעמער און האַנטווערקער אין אַ מאָמענט פון נויט. אין 1930 האָבן עקזיסטירט 54 קאָאָפּעראַטיוון מיט איבער 19,000 מיטגלידער. די גרעסטע צאָל קאָאָפּעראַטיוון איז געווען אַנגעשלאָסן אָן דער וואַרשעווער קאָאָפּעראַטיווער צענטראַלע, די איבעריגע — אין לעמבערגער צענטער.

די אידן אין וואָלין ווי בכלל אין די מרזח־געביטן („קרעסן"), האָבן זיך שטענדיג אויסגעצייכנט מיט אַ הויכער מאָס פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און אידישן כלל־געפיל. ביי דער לעצטער פאָלקסציילונג אין פּוילן (אין 1931) האָבן גאַנצע 97.8 פּראָצענט פון אַלע אידן אין די מזרח־געביטן אָנ־געגעבן אידיש אָדער העברייאיש אַלס זייער מוטער־שפּראַך. (אין גאַליציע נאָר 69.5 פּראָצענט). די אידן אין די מזרח־געביטן האָבן אויסגעבויט אַ ברייטע נעץ פון אידישע און העברייאישע שולן, ביט ווייניגער ווי 69.4 פּראָ־צענט פון אַלע „ציִשאָ"־שולן (די אידישיסטישע שולן) און 75 פּראָצענט פון די העברייאישע „תרבות"־שולן האָבן זיך געפונען אין די מזרח־געביטן.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז די וואונדערבאַרע באַוועגונג פון דער ציוניסטיש־חלוצישער יוגנט מיט איר ברען, אידעאַליזם און אומדערשיטערטן גלויבן. קלאַסאָוו און סאַרני זיינען געווען אַ מין „מעקאַ" פאַר גלויביגע חלוצים.

די נאַציס האָבן אין 1941 געשאַפן אַ באַזונדער אַדמיניסטראַציע פאַר וואָלין מיטן זיץ־אָרט אין לוצק (די הויפּט־שטאָט פון וואָלין אין דער פריער־דיגער פּוילישער רעפּובליק). די אַדמיניסטראַציע פון וואָלין איז געוואָרן איבערגעגעבן דעם רייכסקאָמיסאַר פאַר אוקראַיִנע, עריק קאָך, דער פריער־דיגער גאַולייטער פון מזרח־פּרייסן, שפּעטער איז געוואָרן געשאַפן אַ קאָמי־סאַריאַט פאַר וואָלין־פּאָדאָליע מיטן זיץ־אָרט אין בריסק. די ערשטע צייט האָבן זיך די נאַציס גע'חנפ'עט צו די אוקראַיִנער און איבער־געגעבן די אַדמיניסטראַציע אין זייערע הענט. שפּעטער האָבן די נאַציס געוואָרפן אַן אומ'חן אויף די אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן און באַשטימט אַ ריין־נאַצישע אַדמיניסטראַציע, לאָזנדיג פאַר די אוקראַיִנער נאָר גאַנץ־באַ־גרענעצטע רעכט. אין די שטעט איז טעטיג אַן אויקראַיִנישע פּאָליציי, וואָס איז אונטערגעוואָרפן דער נאַצישער ס. פּ. ס'איז געוואָרן געשאַפן אויפן ביישפּיל פון מזרח־גאַליציע אַן אוקראַיִנישער ראַט, אין וועמעס שפּיץ די נאַציס האָבן אַוועקגעשטעלט דעם באַקאַנטן אוקראַיִנישן נאַציאָנאַליסטישן טוער סקריפּניק — אַ געוועזענער דעפּוטאַט אין פּוילישן סיים (פּאַרלאַמענט).

סוף 1941 זיינען פאָרגעקומען גרויזאַמע אידן־שחיטות אין וואָלין. אין ראָוונע זיינען דערשאָסן געוואָרן ביי 15,000 אידן. לויט די אינפאָרמאַציעס פון אידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע, זיינען אין לודמיר (וולאַדימיר־וואָלינסק) אומגעקומען ביי 10,000 אידן. די מאַסן־קברים פון די אידישע קרבנות פאַרנעמען אַ שטח פון עטלעכע קילאָמעטער.

לויט די לעצטע ידיעות האָבן די נאַציס כמעט פולשטענדיג אויסגעראָטן די אידישע באַפעלקערונג אין וואָלין, אין די שחיטות פון 1942־43. ראָוונע, וואָס האָט אין 1941 געציילט ביי 30,000 אידן, פאַרשפּאַרטע אין אַ געטאָ, זאָל איצט זיין אינגאַנצן אידנריין. אין לוצק, וואו עס זיינען אין

1941 נאָך געווען 17,000 אידן, זיינען נאָר געבליבן עטלעכע הונדערט אידן. אין קאָוועל זיינען פון 20,000 אידן נאָר געבליבן עטלעכע הונדערט אידן. לודמיר און אין קרעמעניץ — אַלטע, געדיכטע אידישע צענטערן, זיינען געוואָרן אינגאַנצן אידן־ריין. אַ צאָל אידן באַהאַלטן זיך אויס אין די וועלדער. אַנדערע האָבן זיך אַנגעשלאָסן אין די פּאַרטיזאַנען־אָפּטיילונגען, וואָס זיינען לעצטנס שטאַרק אויסגעוואַקסן.

די פּוילישע אונטערערדישע צייטונג „יוטראָ" פון 15־טן אָקטאָבער, 1943, גיט איבער, אַז אין דער געגנט ראָוונע־קאָרעץ האָבן זיך פאַראייניגט די פּוילישע און אוקראַינישע פּאַרטיזאַנען כדי ווי געהעריג מקבל פּנים צו זיין די אָפּטרעטנדיגע דייטשע אַרמייען. עס האָבן זיך געבילדעט אייניגע פאָרמאַציעס צו 5,000 פּערזאָן אין יעדער. אויסער אויטאָמאַטישע ביקסן און קוילנוואַרפער פאַרמאָגן זיי צו 40 קליינע האַרמאַטן אויף יעדער אָפּ־טיילונג.

די דאָזיגע פּאַרטיזאַנען־מחנות וועלן פיל מיטהעלפן דער רויטער אַר־מיי אין איר איצטיגן פאָראויס־מאַרש איבער וואָלין.

באַרדיטשעוו

(אויסצוג פון „אידישע קולטור״)

פון נ. מ

באַרדיטשעוו איז געווען איינע פון די אייגנאַרטיגסטע אידישסטע שטעט אינם אַמאָליגן צאַרישן רוסלאַנד. זי האָט פאַרמאָגט אַ קאָלירפולן לעבנס־שטייגער, וואָס האָט זיך אין לויף פון יאָרהונדערטער אויסגעשטאַלטיגט. די פּאָליטישע, סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע באַדינגונגען האָבן עס אויסגעפּאָרמירט די טיף־טראַדיציאָנעלע מערקווירדיגקייטן און געשאַפן אויסטערלישע כאַראַקטעריסטישע געשטאַלטן און פּאַרשוינען. באַרדיטשעוו איז אין לויף פון יאָרן געוואָרן אַ וויכטיגער אידישער קאָמערציעלער און רעליגיעז־קולטורעלער צענטער, וואָס האָט, פאַרשטייט זיך, כסדר זיך געענדערט און אָנגענומען פאַרשיידנאַרטיגע פאָרמען.

באַרדיטשעוו איז אַ שטאָט מיט אַ רייכער און אינטערעסאַנטער פאַר־



באַרדיטשעווער מאַרק

גאַנגענהייט, וואָס איז פאַרבונדן מיט גרויסע פערזענלעכקייטן און מיט רייכע קולטור־געשיכטלעכע פּאַסירונגען און געשעענישן.

די ערשטע ידיעות וועגן דער־אָ שטאָט געהערן נאָך צום יאָר 1546 — דאָס מיינט באַלד פולע פיר הונדערט יאָר. דאַן איז נאָך באַרדיטשעוו געווען אַ דאָרף צווישן אַ ריי אַנדערע דערפער און דער נאָמען איז געווען בעריטשקאָווא. ערשט שפּעטער ווערט פונם דאָרף אַ שטעטל און שטאָט און באַקומט דעם נאָמען באַרדיטשעוו. פון 1593 — גיבן אָן די היסטאָריקער — איז פאַרהיט אַ דאָקומענט, וואָס דערציילט, אַז אַ איד האָט געהאַט אין



חרוב׳ע הייזער אין באַפרייטן באַרדיטשעוו, יאַנואַר 1944

אַרענדע די בריק און די מיל. אַרום 1732 האָט זיך שוין אָרגאַניזירט אין באַרדיטשעוו אַ אידישע קהלה. ס׳איז פאַראַן אַ דאָקומענט, וואָס גיט איבער, אַז אין 1732 האָט אַ אידישע שניידער־חברה באַקומען אַ דערלויבעניש צו זיין זעלבסטשטענדיג און ניט זיין אָפּהענגיג פון דער נישט־אידישער באַ־פעלקערונג. זיינען, הייסט עס, באַלמעלאָכעס געווען די ערשטע, וואָס האָבן געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר אַ אידישן קיבוץ. פון דעם 16־טן ביזן 18־טן יאָרהונדערט איז באַרדיטשעוו געווען דאָס אייגנטום פון דער טישקעוויץ־פאַמיליע און געהערט צו פוילן, און זינט 1793 איז באַרדיטשעוו געוואָרן אַ רוסלענדישע שטאָט.

אויף דעם אַלטן באַרדיטשעווער אידישן בית־עולם האָבן זיך פאַרהיט

אייניגע אַלטע מצבות, וואָס שטאַמען פון יאָר תפ"ט (1728), און פון ווייטערדיגע יאָרן. ס'איז אויך פאַרבליבן די מצבה פון דעם באַרימטן באַרדיטשעווער שטאָט־מגיד ר' ליבער, — אָדער ר' אליעזר ליבער, ער איז געשטאָרבן אין יאָר תקל"א (1771). וועגן אָט דעם ר' ליבער זיינען אַרומגעגאַנגען וואונדערלעכע מעשיות. די חסידים דערציילן וועגן אים אין נאָמען פון בעל־שם טוב: „פאַראַן צדיקים, וואָס זיינען זוכה צו גלוי אליהו, — דאָס מיינט, אַז אליהו הנביא אַנטפּלעקט זיך צו זיי, אָבער ביי ר' ליבער'ן איז געווען פאַרקערט: צו אליהו'ן האָט זיך אַנטפּלעקט ר' ליבער". אַז



באַרדיטשעווער פרויען וואַשן וועש אין דער גנילאָפּיאַטקע

דער בעש"ט פלעגט קומען קיין באַרדיטשעוו איז ער איינגעשטאַנען ביי ר' ליבער'ן. זיין פאָטער ר' אברהם, איז געווען שטאַרק באַרימט. וועגן ר' אברהמ'ען ווערט דערציילט אַזאַ מעשה: ער איז אַמאָל געשטאַנען אויסערן שטאָט ביי אַ בוים און געדאַוונט מנחה, איז אַדורכגעפאָרן דער פּריץ פון שטאָט, האָט ער גערופן צו אים, אָבער ר' אברהם האָט נישט געוואָלט מפסיק זיין די תפילה. איז דער פּריץ שטאַרק אין כעס געוואָרן און געהייסן זיין „קוטשער", ער זאָל אים מיט דער לאַנגער בייטש שמייסן. דער „קוטשער" האָט געקנאַקט מיט דער בייטש, אָבער ר' אברהם האָט ווייטער געדאַוונט, און

נישט געלייגט קיין אַכט אויף די מורא׳דיגע שמיץ. דער פּריץ האָט געגאַפּט, ווי דער רב שאָקלט זיך אַלץ ווייטער ווי נישט אים מיינט מען עס. אַז דער פּריץ איז געקומען אַהיים, האָט ער קיין אָרט זיך נישט געפונען. האָט ער געשיקט צו ר׳ אברהמ׳ען און געבעטן ביי אים מחילה. אָבער ר׳ אברהם האָט אים איבערגעגעבן, אַז ער וועט אים נישט מוחל זיין די מורא׳דיגע שמיץ, סיידן ער זאָל געבן די אידן אַ פּלאַץ אויפצובויען אַ שול. דער פּריץ האָט מסכים געווען. און מיט דער השתדלות פון ר׳ אברהם האָט מען אויפגעבויט אין באַרדיטשעוו די גרויסע שול, וואָס האָט שפּעטער געהייסן די אַלטע שול.

ס׳איז אויך געווען אַ רב, דער גאון ר׳ יוסף האַלפּערין, וואָס האָט געהייסן ר׳ יאָסעלע חריף. נאָך זיין טויט האָט מען גענומען פאַר אַ רב ר׳ לוי יצחק. (זע: ש. א. האָראָדעצקי — לקורות היהודים בברדיטשוו, „מאסף", 1902, 260.)

באַרדיטשעוו איז שטאַרק געוואַקסן, זי האָט צוגעצויגן צו זיך אַלץ־מער



א ווינקל פון באַרדיטשעוו

אידישע מאַסן פון נאָענט און ווייט און געקראָגן דעם נאָמען „ירושלים דוואָלין", ווי ווילנע — „ירושלים דליטא". אַרום 1780 האָט זיך באַזעצט אין באַרדיטשעוו ווי אַ רב ר׳ לוי יצחק, דער מחבר פון „קדושת לוי", וואָס איז באַליבט און באַרימט געוואָרן ביי אידן מיטן נאָמען ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער, אָדער דער באַרדיטשעווער רב. ער איז געווען אַ תלמיד פון מעזריטשער מגיד. ער איז געבוירן געוואָרן אין זאַמאָשץ, געווען רב אין

זשעלעכאָוו, דערנאָך אין פּינסק, און לסוף אין באַרדיטשעוו. ער איז נפטר געוואָרן אין 1709 און פאַרבליבן ווי איינער פון די שענסטע און פאָלקס־טימלעכסטע געשטאַלטן ביים אידישן מענטש, מיט זיין באַהאַרצטער ליב־שאַפט צום אידישן פאָלק און צום פשוט׳ן מענטש און מיט זיין גוטסקייט און אינעווייניגסטער שיינקייט. ס׳זיינען גוט באַקאַנט די אידישע לידער פון ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו. די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט אָט די באַרדיטשע־ווער געשטאַלט אַרומגעוועבט מיט די פיינסטע רירנדיגסטע לעגענדעס. עס איז, צווישן אַנדערן, פּאָפּולער די געשיכטע, ווי דער שמש פונם באַרדי־טשעווער רב האָט געקוקט דורכן פענצטער אויפן מאַרק און געזען ווי אַ באַלעגאָלע, אין טלית און תפילין, שמירט דעם וואָגן. האָט ער אויסגערופן: „רבי, זעט, אינמיטן דאַוונען — שמירט ער דעם וואָגן!" איז ר׳ לוי יצחק פאַמעלעך צוגעגאַנגען צום פענצטער, געקוקט אויפן באַלעגאָלע און געזאָגט: „סאַר אַ וואונדערבאַר פאָלק אידן זיינען, אינמיטן שמירן דעם וואָגן דאַווענען זיי!"

ס׳איז אויך גוט באַקאַנט דאָס וואָרט פון ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער ערב יום־כיפור פאַרנאַכט, צו כל־נדרי. באַצייטנס האָט זיך די גרויסע שול אָנגעפּילט מיט אידן, וואָס זיינען געקומען צו „כל־נדרי". האָט דער באַרדי־טשעווער רב געזאָגט: „זע, רבונו של עולם! האָסטו נאָך אַזאַ מין אומה? ס׳שטייט געשריבן: ווער עס עסט און טרינקט ערב יום־כיפור, איז גלייך ווי ער וואָלט געפאַסט יום־כיפור. ביי אַן אַנדער פאָלק, וואָלטן אַלע געווען טויט־שיכור, און דאָ — קיין איין איד פעלט נישט. אַלע זיינען געקומען ניכטער צו פאַסטן אַ גאַנצן מעת־לעת . . . "

באַרדיטשעוו וואַקסט אַן עקאָנאָמיש־קאָמערציאַנעלער צענטער אין דער אָפּגעשטאַנענער דרום־מערב׳דיגער געגנט. ביי דער אַלגעמיינער פאַרוואָר־לאָזטקייט און אָפּגעשטאַנענקייט ווייזן אַרויס די באַרדיטשעווער אידן פיל געשיקטקייט און אונטערנעמערישן גייסט. נאָך אין 1765 ווערן דערלויבט אין באַרדיטשעוו דורכן פּוילישן קעניג סטאַניסלאַוו אַווגוסט יערלעכע און אויך אָפּטערע יאַרידים, וואָס ציען צו אידישע סוחרים און אַרומיגע פּויע־רים, ווי אויך די פּוילישע גוטבאַזיצער פון דער גאַנצער סביבה. די פּריצים קומען קיין באַרדיטשעוו אויך זיך צו פאַרווילן. די צאָל אידן אין דער שטאָט האַלט אין וואַקסן, ס׳קומען פאָר אין דער שטאָט סאָציאַל־עקאָנאָמישע און קולטור־גייסטיגע פּראָצעסן, וואָס דאָס אידישע מאַטעריעלע און גייסטיגע לעבן מאַכט אַדורך אין רוסלאַנד. אין פיל הינזיכטן איז די שטאָט באַרדי־טשעוו אַ פּיאָנערין, אַ פּירזאָגערין פאַר אַנדערע, מער־אָפּגעשטאַנענע שטעט.

אין 1819 עפנט זיך אין באַרדיטשעוו די ערשטע אידישע דרוקעריי, און וואָס אַ דרוקעריי האָט אין יענע יאָרן באַטייט — איז גענוג באַקאַנט. אין די 20־ער יאָרן פונם 19־טן יאָרהונדערט גרינדעט זיך אין באַרדי־טשעוו, לויט דער איניציאַטיוו פון דעם באַרימטן שרייבער יצחק בער לע־

זוינזאָן (ריב"ל) אַ קרייז משכּילים מיט אויפקלערערישע צוועקן. פון דער אַנדערער זייט רוקן זיך אַרויס אין דער שטאָט רעאַקציאָנערע כּחות, וואָס באַקעמפן עקשנות'דיק דעם פּרואוו אַריינצוברענגען ליכט צווישן די אָפּגע־שטאַנענע אידישע מאַסן.

ווען דער באַרימטער דר. מאַקס ליליענטאַל (1815—1882) האָט אין שליחות פון דעם בילדונגס־מיניסטעריום געמאַכט אַ רייזע איבער די גרע־סערע שטעט פון אידישן רוסלענדישן „תּחום" מיטן צוועק צו פירן אַ פּראָ־פּאַגאַנדע צווישן דער אידישער באַפעלקערונג און צוגרייטן זיי פאַר די בילדונגס־רעפאָרמען, וואָס די רעגירונג האָט פּירגענומען, האָט ער צווישן אַנדערע שטעט באַזוכט אויך באַרדיטשעוו. עס זיינען געקומען אים הערן אין שול (דאָס איז געווען דעם 4־טן אָקטאָבער 1842) עטלעכע טויזנט אידן. און וואָס פאַר אַן אָרט און ראָלע באַרדיטשעוו האָט דאַן פאַרנומען און גע־שפּילט אינם אידישן לעבן, דערציילט דער בריוו, וואָס דר. ליליענטאַל האָט דאַן געשריבן צום בילדונגס־מיניסטער אואוואַראָוו: „אַ דערפּאָלג אין באַר־דיטשעוו מיינט אַ דערפּאָלג אין פּאָדאָליע, וואָלין, בעסאַראַביע, קיעוו, כער־סאָן און אָדעס, און אַן אומדערפּאָלג אין באַרדיטשעוו וואָלט אַ תּל געמאַכט פון דעם גאַנצן ענין".

אַזאַ אויטאָריטעט איז געווען באַרדיטשעוו אין יענער צייט פאַר דער אידישער מאַסע אין אוקראַינע.

אונטער דער ווירקונג פון די אויפקלערערישע כּחות ווערט אין 1850 געגרינדעט אין באַרדיטשעוו די ערשטע רעגירונגס־שול פאַר אידן און אין 1860 — די צווייטע, ניט געקוקט אויף דער געגנערשאַפט פון די פּרומאַ־קעס, וואָס צווישן זיי איז באַקאַנט געווען דער באַנקיר יעקב יוסף האַלפּערן, די פאַרקערפּערונג פון פאַנאַטיזם און רעאַקציע אויף דער אידישער גאַס.

די השכּלה שלאָגט אַלץ־טיפערע וואָרצלען אין דער שטאָט. זינט די 50־ער יאָרן פונם 19־טן יאָרהונדערט הייבט אָן צו שפּילן אַ וויכטיגע ראָלע אין די משכּילישע קרייזן דער באַוואוסטער משכּיל יהושע מרדכי ליפשיץ (1828—1878), — איינער פון די אינטערעסאַנטסטע אידישע פּערזענלעכ־קייטן פונם 19־טן יאָרהונדערט אין רוסלאַנד. אַ מענטש מיט אייראָפּייאישער בילדונג, אַ קענער פון עטלעכע שפּראַכן (רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש), טיילט ער זיך באַזונדערס אויס צווישן די משכּילים און טוער פון יענער צייט מיט זיין פעסטער און פּאָזיטיווער באַציאונג און שטעלונג צו אידיש. ער פירט אַ כּסדר'דיקן קאַמף פאַר דער חשיבות פון דער אידישער שפּראַך און באַ־קעמפט עקשנות'דיק די רוסיפיקאַטאָרישע און העברייאיסטישע טענדענצן אינם אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. דער גאַנצער צוגאַנג זיינער צו אידיש און איר ראָלע און באַטייט פאַרן אידישן פאָלק איז גאָר אַ נייס פאַר יענער צייט. ער קאָרעספּאָנדירט מיט אָנגעזעענע טוער און שרייבער; ער וואַרפט

פּאָר דעם באַרימטן סאָציאַליסט אהרן ליבערמאַן, דעם אַרויסגעבער פונם העברייאישן זשורנאַל „האמת“, הלמאַי ער פירט די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע אויף העברייאיש און ניט אויף אידיש. י. מ. ליפּשיצעס הויז אין באַרדיטשעוו איז געווען אַ צענטער פון די דעמאָלטיגע סאָציאַליסטן־פּראָפּאַגאַנדיסטן. אין איינקלאַנג מיט די סאָציאַליסטישע אידייען, וואָס ער און זיינע פריינט פרעדיגן, זאָגט ער זיך אָפּ פון זיין קראָם, ער ברענגט אַראָפּ פון ווין קיין באַרדיטשעוו איינע פון די ערשטע ניי־מאַשינעס און לערנט אויס זיין פרוי און קינדער צו אַרבעטן אויף דער מאַשין. ער ווענדט זיך מיט אַ פאָרשלאַג צו די באַוואוסטע שרייבער און העברייאישע און רוסיש־אידישע רעדאַקטאָרן צו גרינדן אַ צייטונג אין דער אידישער שפּראַך און אָרגאַניזירן אַ פּלאַנירטע קולטור־טעטיגקייט אויף אידיש. ער האָט אינספּירירט א. צעדערבוים׳ען אַרויסצוגעבן די ערשטע אידישע צייטונג אין רוסלאַנד (דעם „קול מבשר“). י. מ. ליפּשיץ האָט געהאַט אינטערעסאַנטע פּלענער פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע פון אידיש, ער האָט יאָרנלאַנג געגרייט און אַרויסגעגעבן ווערטער־ביכער — אַ רוסיש־אידישן (אין 1869) און אַ אידיש־רוסישן (אין 1876). און „אין די ווערטערביכער — ווי ס׳גיט איבער נ. שטיף, זיין ביאָגראַף — האָט י. מ. ליפּשיץ אָנגעזאַמלט די פאָלקס־שפּראַך פון זיין צייט, דערהויפּט פון באַרדיטשעוו“. נ. שטיף מאָלט אַזוי, אין אָנהויב פון זיין אָפּהאַנדלונג, יהושע מרדכי ליפּשיצ׳ן: „אין באַרדיטשעוו האָט מען יהושע־מאָטלען געהאַלטן פאַר אַ שטיק „משוגענעם“. אַ מענטש גייט אַרום מיט אַ נאָטיץ־ביכל אין יאַטקע־גאַס, צווישן די „סעדעכעס“ און פאַרשרייבט ווערטער! שפּעטער האָט מען שוין געקאָנט הערן פון אים רייד „על ד׳ ועל משיחו“: מען דאַרף ניט קיין געלט, מען דאַרף ניט קיין קייסער! געזען האָט מען, אַז דער געבילדעטער „דייטש“ „טוט גאָרנישט“, נאָר ער „שרייבט“, מאַכט עפּעס ווערטער־ביכער. קאָן אויך זיצן ביי דער ניי־מאַשין, און זי (זיין פרוי), חיה די נייטאָרין, איז דער שפּייזער; די קינדער — אויך ביי דער מאַשין, — אַ שיינער תכלית! אין שטוב איז אַ דלות. און זי איז שטענדיג פול מיט מאָדנע יונגעלייט מיט גרויסע קאַפּעליושן, מיט פּעלערינעס, מיט גראָבע שטעקנס, וואָס פּאָליציי קוקט אויף זיי קרום. אַז ער איז אַן אַפּיקורס, שמעקט ניט אַריין אין בית־המדרש, אַפילו אין דער כאָר־שול, — דערצו איז מען שוין צוגעוואוינט . . . האָט „שטאָט“ פון אים ניט געהאַלטן“. (נ. שטיף — „י. מ. ליפּשיץ“, „ליט. בלעטער“, 1928, נ״נ 33, 34, 36.)

י. מ. ליפּשיץ איז געווען אַ נאָענטער פריינט צו דעם אַמאָליגן קרייז סאָציאַליסטן, וואָס האָבן געפירט אַ סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט אין קיעוו. צו דער גרופּע האָבן געהערט די העברייאישע דיכטער דר. יצחק קאַמינער און יהל״ל. דער יונגער אלחנן קלמנסאָן איז געשיקט געוואָרן מיט פּראָקלאַמאַציעס קיין באַרדיטשעוו, — דער צענטער איז געווען דאָס הויז פון י. מ. ליפּשיץ. אויף דעם יונגן אלחנן קלמנסאָן האָט י. מ. ליפּשיץ געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, און ער האָט עס נישט פאַרגעסן מיט צענדליגער יאָרן שפּעטער.

פּאָלטאַווע

פון נ. מ.

פּאָלטאַווע איז די גוט־באַקאַנטע אוקראַינער שטאָט, וואָס ליגט אויפן טייך וואָרקסלאַ.

אין די צאַרישע צייטן איז פּאָלטאַווע געווען אַ גובערניע־שטאָט און האָט אָפּטמאָל געדינט ווי אַן אָרט, וואוהין מען פלעגט פאַרשיקן אויף „פרייער פאַרשיקונג" די פּאָליטיש „ניט־זיכערע" עלעמענטן, וואָס זיינען אָפּגעקומען זייערע עטלעכע יאָר פאַרשיקונג אין סיביר אָדער אָפּגעזעסן אין תפיסה פאַר ניט־„כשר'ע" טעטיגקייטן, מיט דער כונה צו צעטרייסלען דעם צאַרישן טראָן. פּאָלטאַווע איז טאַקע אַ לענגערע צייט געווען אַ שטאָט אַ זייטיגע, אַ שטילע, אַ באַרואיגטע, אָן דער זייט פון דעם גרויסן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן שטראָם און פון פּאָליטיש־רעוואָלוציאָנערע קאַמפן. און הגם אַ גובערניע־שטאָט — האָט זי דאָך די לעצטע יאָרן פונם צאַריזם ניט פאַרמאָגט אַפילו קיין הונדערט טויזנט איינוואוינער. דאָס איז דער רעזול־טאַט פון דעם וויסטן צאַריזם, וואָס האָט זיך באַמיט פאַרהאַמעווען רוס־לאַנד און אירע רייכע שטעט פון פּאַנאַנדערוואוקס און אַנטוויקלונג, גע־האַלטן די פּרוכטבאַרסטע געגנטן אין די ענגסטע ראַמען און ניט דערלאָזט די זאָלן וואַקסן, אינדוסטריאַליזירן זיך, מיטן ציל, אַז דאָס פּויערטום זאָל פאַרבלייבן אין פינצטערניש און אומוויסנקייט.

די שלאַכט פאַר פּאָלטאַווע מיט איבער צוויי הונדערט יאָר צוריק

און פּאָלטאַווע איז דאָך אַ שטאָט מיט אַ לאַנגער און רייכער פאַרגאַנ־גענהייט. די געשיכטע פון אָט־דער שטאָט ציט זיך פון העט־העט וויט, אַזש פונם 12־טן יאָרהונדערט. עס זיינען פאַרהיט דאָקומענטן וועגן אַ גרויסן נצחון, וואָס איגאָר סוויאַטאָסלאַוויטש האָט אָפּגעהאַלטן נאָך אין יאָר 1174 — דאָס מיינט מיט 770 יאָר צוריק — איבער די פּאָלאָווצעס. אין לויף פון די שפּעטערדיגע יאָרהונדערטער האָט די שטאָט פּאָלטאַווע פיל זיך אָנגע־ליטן, אין פאַרשיידענע צייטן איז זי חרוב ונחרב געוואָרן דורך פאַרשיידענע פיינט. דאָס איז אַמאָל געשען בעת די גרויסע קאַמפן מיט די קרימער טאָ־טערן (1693־1695) און אויך אין די ווייטערדיגע יאָרהונדערטער. אָבער באַזונדערס איז דער נאָמען פּאָלטאַווע געבליבן אין דער גלאָררייכער רוסי־שער געשיכטע מיט דער גרויסער שלאַכט, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן ביי אַן אָרום און אין פּאָלטאַווע אין 1709 — מיט 234 יאָר צוריק —

דורך דעם רוסישן פאָלק מיט דעם שוועדישן. דאָס איז דער קריג, וואָס רופט זיך דער „צפון־קריג" — דער שוועדישער קעניג, קאַרל דער 12טער, האָט געפירט דעם קריג געגן דעם רוסישן פאָלק מיט פעטער דעם ערשטן.

דאָ, אין זומער 1709, איז געשטאַנען אַלץ אויפן וואָגשאָל — אין דעם קאַמף אַרום פּאָלטאַווע האָט זיך געוועגדט דער ווייטערדיגער גאַנג און גורל פון דער רוסלענדישער מלוכה און רוסישן פאָלק. מען האָט זיך פיל געגרייט צו דער אַנטשיידענער שלאַכט. קאַרל דער 12־טער האָט אַליין אָנ־געפירט מיט זיינע חיילות, וואָס זיינען אַלץ געגאַנגען פון זיג צו זיג. אויך מיט דעם רוסישן חיל האָט אָנגעפירט אַליין פעטער דער ערשטער.

אויף וויפיל די שלאַכטן זיינען געווען גרויסע און באַדייטפולע, איז צו זען דערפון, וואָס דער שוועדישער קעניג איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין דער „פּאָלטאַוּוער שלאַכט", און מיט פעטערן איז געשען אַ נס. ער איז שיעור ניט דערשאָסן געוואָרן: איין קויל האָט דורכגעלעכערט זיין הוט, אַ צווייטע האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן דעם קרייץ, וואָס איז געהאַנגען אויף זיין ברוסט, און די דריטע קויל האָט געטראָפן אין דעם פערד אויף וועלכן ער האָט געריטן. און טאַקע דערפאַר איז פאַרבליבן אַלס איינע פון די וואונדערלעכסטע דער־אינערונגען די שלאַכט, וואָס הייסט „פּאָלטאַוּוער שלאַכט" (פּאָלטאַווסקאַיאַ ביטוואַ). פיל ווערק, היסטאָרישע און קינסטלערישע, זיינען געווידמעט אָט דער צייט און דעם קריג, וואָס האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אויף די ווייטערדיגע יאָרן און יאָרן. אין אָנדענק פון אָט דער שלאַכט זיינען אין פּאָלטאַווע און אַרום פּאָלטאַווע פאַרבליבן פיל היסטאָרישע דענקמעלער — איינער האָט געטראָגן דעם נאָמען „דער שוועדישער קבר", און איין דענק־מאָל מיט אַ קרייץ האָט פעטער אַליין אויפגעשטעלט: אַ זכר אויף ווייטער־דיגע יאָרן און אויף ווייטערדיגע קאַמפן.

דאָס האַרץ פון אוקראַינע

אויב פּאָלטאַווע אַליין איז ניט אַזאַ גרויסע שטאָט, האָט זי אָבער אַנ־דערע וויכטיגע און גרויסע מעלות און פאַרדינסטן. פּאָלטאַווע און די גאַנ־צע פּאָלטאַוּוער גובערניע (היינט הייסט עס „אָקרוג") גרענעצט זיך מיט דער כאַרקאָווער, טשערניגאָווער, קיעווער, יעקאַטערינאָסלאַווער און כער־סאָנער גובערניעס־אָקרוגן. פּאָלטאַוּוער גובערניע איז ווי דאָס האַרץ פון דער אוקראַאינישער שוואַרץ־ערד. אין קרייז פון פּאָלטאַווע גייען אַריין עט־לעכע שטעט ווי קאָבעליאַקי, גאַדיאַטש, מירגאָראָד, קרעמענטשוג, לובני (אידיש: לובען), פּערעיאַסלאַוו, פּיריאַטין, ראָמני (אידיש: ראָמען), זאָלאָ־טאָנאָשע און אַנדערע שטעט, וואָס זיינען גוט באַקאַנט אין דער אידישער וועלט. אין דער פּאָלטאַוּוער גובערניע, וואָס איז געווען אין דעם „תחום"

(אין דער „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי״), האָבן געוואוינט הונדערטער טויזנטער אידן, און זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט, די אַלע שטעט און שטעטלעך, מיט אַ פאַרשיידנאַרטיג אידיש לעבן. זיי האָבן אַרויסגעגעבן פיל באַרימטקייטן און האָבן געהאַט אויך אינטערעסאַנטע אינסטיטוציעס, אַנשטאַלטן, אַ סך וויכטיגע פּערזענלעכקייטן פון די פריערדיגע דורות און פון די לעצטע. די אַלע דריי גובערניעס: פּאָלטאַווער, קיעווער, טשערניגאָווער, האָבן געטראָגן דעם אײן נאָמען „דרום־מערב געגנט״ (יוגאָ־זאַפּאַדני קראַי) מיט אַ גרויסער צאָל אידן, וואָס האָבן געבילדעט דעם אינטערעסאַנטן פאַרשיידנאַרטיגן קאָליררייכן אידיש־אוקראַאינישן קיבוץ, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער געשיכטע פון אידן אין רוסלאַנד. מיט אָט־דעם דרום־מערב אידנטום האָט געגרענעצט דער אידישער קיבוץ אין וואָלין און פּאָדאָליע.

ווען מען טראַכט זיך גוט אַריין אין דער געשיכטע, אין דער ווייטער און נאָענטער, פון אָט דער אידישער געגנט און פון יעדער שטאָט באַזונדער, וויקלט זיך פאַנאַנדער פאַר אונז אַ רייך בילד פון דעם אידישן לעבן אין אוקראַינע אין דעם 18־טן, 19־טן און אָנהויב 20־טן יאָרהונדערט. מען קאָן וועגן יעדער שטאָט זייער פיל אויסדערציילן אינטערעסאַנטעס און אייגנאַרטיגס, וואָס איז פאַרלאָפן אין אירע גאַסן, הייזער, שולן און יאַרידן.

די אידישע פּאָלטאַווע

און אין דעם־אַ זינען איז אויך פּאָלטאַווע אינטערעסאַנט פאַר אונז אידן, ווייל אויסער דער אַלגעמיינער געשיכטע פון דער שטאָט, אויסער די אַלגעמיינע פּאָליטישע, סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע פּראָצעסן און פאַסירונגען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אָט־דער שטאָט, האָבן מיר אין דער שטאָט געהאַט אויך אַן אייגענע, גאַנץ־אינטערעסאַנטע אידישע געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע און קולטורעלע געשיכטע, וואָס אָפטמאָל איז זי געגאַנגען האַנט־אין־האַנט מיט דער אַלגעמיינער רוסלענדישער געשיכטע, מיטן אַלגעמיינעם שטראָם און אָפטמאָל זיינען פאָרגעקומען אייגענע, ספּעציפיש־אידישע פאַסירונגען און געשעענישן, ספּעציעל־אידישע קולטור־געשיכטלעכע פּראָצעסן.

ווען מען דערמאָנט דעם נאָמען פּאָלטאַווע, — שווימען גלייך אַרויס אויף אייניגע אידישע פאַסירונגען און פּערזענלעכקייטן און פּערזאָנען.

ווי געזאָגט, האָט די צאַרישע רעגירונג פאַרשיקט אויף „פרייער פאַרשיקונג״ וויכטיגע פּאָליטישע טוער אין אָט־דער פּראָווינץ־שטאָט. צווישן אַנדערע איז אַהער אויך פאַרשיקט געוואָרן דער באַרימטער רוסישער שרייבער און „פּאָלקיסט״ (נאַראָדניק) וולאַדימיר קאָראָלענקאָ, איינער פון די ליכטיגסטע און הומאַניטאַרסטע מענטשן־קינסטלער אין רוסלאַנד. דאָרט האָט

זיך אויך געפונען איין צייט ברוך סטאָלפּנער — אַ מערקווירדיגע אידיש־רוסישע פּערזענלעכקייט, אַן אויסטערלישער און פיל־באַגאַבטער מענטש. עס איז דאָרט אויך געווען דער באַוואוסטער טאָלסטאָוועץ פיינערמאַן. אַט־דער קרייז, וואָס איז געווען אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון דער פּאָליציי, האָט דאָך שטאַרק געווירקט אויף דער פּאָלטאַווער יוגנט, סיי דער אידישער און סיי דער ניט־אידישער. עס האָט זיך אַ דאַנק זיי געשאַפן אין פּאָלטאַווע אַ וואונדערלעכע אַטמאָספערע, אין וועלכער עס זיינען אויפגעצויגן געוואָרן אַ גאַנצע גרופּע אינטערעסאַנטע מענטשן. אַט־די אַטמאָספערע האָט אויך געהאַט אַ גוטע, פּאָזיטיווע ווירקונג אויף דער ציוניסטישער, העברייאיסטישער און באַלעבאַטישער אינטעליגענץ. זי האָט זיי געשטויסן אין די פּראָגרעסיווע רייען פון דער געזעלשאַפט.

די ערנסטע לייענער פון דער אידישער און העברייאישער ליטעראַטור, וואָס האָבן זינט אָנהויב היינטיגן יאָרהונדערט דורכגעמאַכט דעם גאַנג פון דער העברייאישער און אידישער ליטעראַטור (אויך די אַלע, וואָס האָבן דירעקט אָדער אומדירעקט זיך באַטייליגט אין דער ציוניסטישער און סאָציאַליסטישער באַוועגונגען (וואָס האָבן זיך אָפט געקרייצט און אָפט זיך ווייט פּאַנאַנדערגעגאַנגען) — אַט די לייענער און פּאַרטיי־טוער פון דעם צאַרישן רוסלאַנד געדענקען גוט אַט־די פּאַרשיידענע ריכטונגען און שטרעמונגען, וואָס האָבן געווירקט און באַווירקט די אידישע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע און קולטורעל־ליטעראַרישע וועלט. אין דעם גרויסן קולטור־געזעלשאַפטלעכן געראַנגל פון די ציוניסטישע און סאָציאַליסטישע כחות האָט אויך פּאָלטאַווע — די אידישע פּאָלטאַווע — געשפּילט אַ ראָלע, אויב ניט אַן אָנפירנדיגע, איז אָבער צייטנווייז אַ גאַנץ באַדייטנדיגע.

אין פּאָלטאַווע האָט געוואוינט דער העברייאיש־אידישער שריפטשטעלער אַלעקסאַנדער זיסקינד ראַבינאָוויטש, וואָס איז געקומען ווי אַ לערער קיין פּאָלטאַווע (אין יאָר 1888). דאָרט, אונטער דער ווירקונג פון וול. קאָראָלענקאָ, — דאָס געווויסן פון דעם רוסישן פאָלק — און ברוך סטאָלפּנער און פיינערמאַן, איז ער דורכגענומען געוואָרן מיט די ראַדיקאַל־הומאַניטאַרע אידייען און שטימונגען און זיי דערנאָך, אמת, אויף אַ גאַנץ געזעצמעסיגן אופן, אַרויסגעבראַכט אין זיינע ווערק, וואָס ער האָט געשריבן אין העברייאיש און אידיש. צווישן אַנדערן איז זיין „בת העשיר" (די טאָכטער פונם רייכן) און דער עיקר, אין זיין פּאָליטישער סאַטירע־אַלעגאָריע „צעשניטענע לאָקשן", וואָס איז געווען שטאַרק פּאָפּולער אין 1905, ווי אויך אין זיינע אַרטיקלען, וואָס האָבן זיך אויסגעטיילט מיט זייער פּראָגרעסיוון כאַראַקטער אין דעם שאָוויניסטישן און אָפּט־רעאַקציאָנערן „השלוח".

מיט פּאָלטאַווע איז ענג פּאַרבונדן די פּועלי־ציוניסטישע באַוועגונג אין רוסלאַנד אָנהויב דעם 20־טן יאָרהונדערט. אין פּאָלטאַווע איז אויפגעהאָ־

דערווייל געוואָרן בער באָראָכאָוו, געענדיקט דאָרט גימנאַזיע, און ער האָט דערצויגן אַ גאַנצע גרופּע שטודירנדיקע און אַרבעטער־יוגנט, וואָס צווישן זיי זיינען געווען דער באַקאַנטער פּועלי־ציון זרובבל (יעקב וויטקין), ווי אויך דער ערשט־פאַרשטאָרבענער א. טשעריקאָווער. די ביידע זיינען געבוירן און אויפגעוואַקסן געוואָרן אין פּאָלטאַווע און זייערע ווייטערדיקע געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג איז פאַרבונדן מיט דער שטאָט פּאָלטאַווע און מיט די דאָרטיקע סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך. אַ פּאָלטאַווער איז אויך דער באַוואוסטער פילאָלאָג דר. מרדכי ווייַנגער. מערקווירדיק — די רוסיפיצירטע שטאָט פּאָלטאַווע האָט אַרויסגעגעבן אַזעלכע צוויי באַדייטנדיקע שפּראַך־פאָרשער און לינגוויסטן ווי בער באָראָכאָוו און מרדכי ווייַנגער.

פון פּאָלטאַווע זיינען אַרויסגעוואַקסן צווייגן און אָפּצווייגן פון דעם „פּראָלעטאַרישן ציוניזם". דאָרט, אין פּאָלטאַווע, איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פון דעם טעאָרעטישן (אָפּטמאָל שטאַרק־געפילפולטן) פּועלי־ציוניזם. ער האָט דאָ פאַרפאַסט זיין „פּלאַטפאָרם", און אין פּאָלטאַווע איז אין 1906 דערשינען די רוסישע אויסגאַבע „יעווריעיסקאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ כראָניקאַ", וואָס בער באָראָכאָוו האָט פאַרפאַסט דאָס רוב פון אירע אַרטיקלען.

פּאָלטאַווע איז אויך גוט באַקאַנט געווען אין רוסלאַנד פון פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע מיט איר באַרימט־געוואָרענעם רב, וואָס האָט געהייסן „דער פּאָלטאַווער רב", — עס איז געווען עקיבא ראַבינאָוויטש. ער איז געווען אַ ידיד, אַ פריינט פון באַרימטן רב ר' שמואל מאָהילעווער, ער איז געוואָרן אַ ציוניסט, אָבער דערנאָך איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַנאַטישן געגנער פון ציוניזם און אויך פון אַלץ וואָס איז ראַדיקאַל. ער האָט אַרויסגעגעבן אין די יאָרן 1903־1906 אַ שטאַרק־רעאַקציאָנערן העברעיִשן זשורנאַל „הפּלס" (די וואָגשאָל) און געשאָטן פעך און שוועבל אויף אַלע באַוועגונגען. ער פלעגט אויך אַרומפאָרן איבער אוקראַינע און געהאַלטן אין די שולן שאַרפע אַנטי־ציוניסטישע דרשות, וואָס האָבן אַרויסגערופן סקאַנדאַלן און געשלעגן. דערנאָך, זינט 1910, האָט ער אַרויסגעגעבן אין פּאָלטאַווע אַ העברעיִשע וואָכנשריפט „המודיע", וואָס ער האָט פאַרוואַנדלט אין 1914 אין אַ אידישער. פּאָלטאַווע איז אין יענע צייטן, אַ דאַנק איר פאַנאַטישן רב און דעם זשורנאַל, געווען שטאַרק „באַרימט" אין וואָלין, אין אוקראַינע.

ווייזט אויס, אַז פּאָלטאַווע אַליין, ווי אַ אידישער צענטער, האָט פאַרלוירן די לעצטע 25־30 יאָר איר כח און באַטייט. קיעוו און כאַרקאָוו זיינען געוואָרן די אידישע צענטרען. אָבער פּאָלטאַווע האָט געשפּילט אַ ראָלע ווי אַן אַגראַרישער צענטער: אין פּאָלטאַווע, וואָס שטייט אין מיטן פון דער

רייכער, זאַטער און פּרוכפּערנדיגער אוקראַינע מיט איר פּעטער שוואַרץ־ערד, האָט געהאַט לעצטנס גרויסע מילן, זייף און לעדער־זאַוואָדן, אויך פאַבריקן פון ערד־באַארבעטערישע מאַשינען. פּאָלטאַווע האָט אויך געשאַפן אַ ריי אוקראַאינישע קולטור־אויפקלערערישע אינסטיטוציעס — הויך־שולן און מיטל־שולן, לערן־קורסן, מיט זייער אַ רייכן מוזיי, און די באַפעלקערונג אירע האָט שוין אַריבערגעשטיגן די אַמאָליגע צאָל פון 100 טויזנט.

וואָס דער נאַצישער מחבל, דער דייטשער צעשטערער האָט געמאַכט פון דער גאָרטנדיגער שטאָט, איז גאַנץ קלאָר. ער האָט געוויס געטאָן צו פּאָלטאַווע, וואָס ער האָט געטאָן צו אַנדערע שטעט. אָבער עס איז קיין ספק ניט, אַז ווי אַמאָל דער שוועדישער חייל, אַזוי אויך וועט איצט די דייטשישע מערדערישע אַרמיי באַקומען איר מפּלה, און עס וועט פאַרבלייבן אַ גרויסער „דייטשער קבר" אין פּאָלטאַווע, אַ דענקמאָל אויף אייביגע צייטן.

אומאַן

(פונם „טאָג")

פון ב. א.

אין טראַדיציאָנעל־אידישן לעבן האָט אומאַן פאַרנומען גאָר אַ באַזונדער אָרט. אויב מען וויל רעדן פון אַ שטאָט, וואָס איז אַ צענטער פון חסידות, וועט עס אפשר ניט זיין איבערטריבן, ווען איך וועל אומאַן געבן די בכורה אַפילו איבער מעזשביזש, די שטאָט, וואו עס האָט געלעבט דער גרינדער פון חסידות, דער בעל־שם־טוב. אומאַן איז געווען און איז נאָך איצט די מעקאַ פון אַ מערקווירדיגער סעקטע חסידים, די „טויטע חסידים", אָדער די בראַסלעווער חסידים, אָדער גאָר די אומאַנער חסידים, ווי מען רופט זיי אויפן נאָמען פון דער שטאָט, וואו עס ליגט זייער „לעבעדיג"־טויטער רבי ר' נחמן.

אומאַן האָט געשריבן אַ וויכטיג קאַפּיטל אין דער אידישער געשיכטע. אין יאָר 1768 האָט דאָרט איוואַן גאָנטע אויסגעשאָסן עטלעכע טויזנט אידן. צו דעם אָנדענק זיינען דאָרט געשאַפן געוואָרן ספּעציעלע סליחות — די „גזירות אומאַן", וואָס די אומאַנער אידישע תושבים פלעגן זאָגן איינמאָל אַ יאָר. די אַלטע כראָניקעס וועגן גאָנטע'ס שחיטות אין אומאַן דערציילן, ווי אַזוי די שחיטות האָבן זיך אָנגעהויבן אין אומאַן און זיך נאָכדעם פאַרשפּרייט איבער אַנדערע אוקראַינער שטעט:

איינמאָל אין דער פרי איז אַ אידישע פרוי אַרויסגעגאַנגען אין פעלד פאַשען די בהמות. איז צו איר צוגעגאַנגען אַ גוי און אַריינגעשטאָכן אַ מעסער אין האַרץ. האָט עס דערזען אַ קרעמערין און געמאַכט אַ גוואַלד. זיינען די אידן זיך צונויפגעלאָפן און דאַן האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די מחנות פון די מערדער. דער חזן פון שטאָט האָט עס דערזען, איז ער געלאָפן אין מקוה אַריין, נאָכדעם זיך איינגעוויקלט אין טלית און תפילין און געקוילעט פריער זיין פרוי, זיינע קינדער און דערנאָך זיך אַליין . . . אַזעלכע זיינען געווען די מאַרטירער, וואָס זיינען געגאַנגען שטאַרבן מיט אַזאַ גליענדיגער, רעליגיעזער ליידנשאַפט און ריינקייט.

לויט דער חסידישער לעגענדע זאָל דער באַרימטער בראַסלאַווער צדיק האָבן אויסגעקליבן די שטאָט אומאַן פאַר זיין לעצטן אָרט, ווייל ער האָט געוואָלט ליגן צווישן די קדושים פון כמעלניצקי'ס און גאָנטע'ס צייטן.

ר' נחמן בראַסלאַווער איז איינער פון די מערקווירדיגסטע און אינטערעסאַנטסטע געשטאַלטן פון חסידות. ער איז געווען דעם בעל־שם'ס אַן

אור־איניקל און איז געווען אַ גרויסער וואָרט־קינסטלער און פילאָזאָף. דעם בראַסלאַווער׳ס מעשיות ווערן פאַררעכנט פאַ דעם אָנהויב פון דער אידישער ליטעראַטור. אין זיין צייט, ווען דאָס חסידות האָט זיך אָנגעהויבן ברעכן אויפן וועג פון ירידה, האָט ר׳ נחמן געוואָלט באַנייען דאָס חסידות און אויפהאַלטן איר אָנפאַנגלעכע ריינקייט. ער איז אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל און איז צוריקגעקומען און אָנגעהויבן זאָגן תורה און דערציילן די חסידים זיינע וואונדערלעכע, פאַנטאַסטישע מעשיות וועגן „בעל־תפילה", „בת־מלכה", „זיבן בעטלער", א.אז.וו. און די חסידים האָבן אין זיינע מעשות געזען וואונדערלעכע רמזים און סימבאָלן. דער בראַסלעווער איז מערקווירדיג מיט דעם, וואָס ער האָט ניט איבערגעלאָזן נאָך זיך קיין פאַר־טרעטער ווי אַנדערע רבים, בלויז אַ תלמיד האָט ער איבערגעלאָזן, ר׳ נתן הירשנהאַרץ, וואָס איז געוואָרן דער אַפּאָסטאָל פון דער בראַסלאַווער חסידות. ער האָט פאַרשריבן זיינע תורות און מעשות און אויפגעהאַלטן די עדה חסידים.

פאַר זיין טויט האָט ר׳ נחמן געזאָגט, אַז ער וויל בלייבן צווישן די חסידים און ער וועט הערן אַלץ, וואָס די חסידים וועלן אים זאָגן. די חסידים האָבן זיין וואָרט אָנגענומען בוכשטעבלעך און זיי פלעגן קומען אויף זיין קבר צו דאַוונען און זיך דורכשמועסן מיט אים. די קלויז פון די בראַס־לאַווער אין אומאַן איז לעבן ר׳ נחמנ׳ס קבר.

נאָך ביים לעבן פון ר׳ נחמנ׳ען האָט ער צוליב זיין שטאַרקער קריטיק אויף אַנדערע צדיקים און אויסטערלישע ווענן, אַרויסגערופן די געגנער־שאַפט פון אַנדערע חסידישע רבים; מען האָט אים שטאַרק גע׳רודפ׳ט. נאָך זיין טויט האָבן זיך די רדיפות פאַרשטאַרקט. מען פלעגט ברענען זיי־נע ספרים און קיינער האָט זיך מיט די בראַסלאַווער ניט געוואָלט משדך זיין. די בראַסלאַווער חסידים האָט מען אַ נאָמען געגעבן „די טויטע חסידים", ווייל זיי האָבן מער ניט געהאַט קיין לעבעדיגן רבי׳ן. זייער רבי, האָבן זיי געגלויבט און גלויבן נאָך עד־היום, לעבט אין אומאַן און מען דאַרף בלויז פאָרן אויף זיין קבר.

די קינסטלערישע פיגור פון דעם מערקווירדיגן חסידישן רבי׳ן האָט פאַרנומען אַ גרויס אָרט אין דער אידישער ליטעראַטור. וועגן בראַסלאַווער׳ס מעשות און זיין שיטה האָבן געשריבן י. ל. פרץ אין זיינע „ר׳ נחמנ׳ס מעשה׳לעך". דער נסתר אין זיין אינטערעסאַנט ווערק „די משפחה מאַש־בער", שילדערט אויף אַ ברייטן אופן די מערקווירדיגע סעקטע.

אַריבער הונדערט יאָר, אַז די בראַסלאַווער חסידים עקזיסטירן און עס איז אַ חוב אויף יעדן בראַסלאַווער אַ פאָר מאָל דורכן יאָר, און באַזונדערס ראש השנה, צו פאָרן קיין אומאַן אויפן הייליגן קבר. פון ווייטע שטעט און לענדער פלעגן זיי זיך ציען, די פאַרגלויבטע בראַסלאַווער, הונדערטער קי־

לאָמעטערס צופּוס אָבי צו זיין אויף דעם הייליגן אָרט.

נאָך דער סאָוועטישער רעוואָלוציע זיינען א סך בראַסלאַווער אַריבער־געקומען קיין פּוילן און האָבן אָנגעהויבן בויען זייערע „אומאַנער שטיבלעך" אין די שטעט וואַרשע, לובלין, קראָקע. אין וואַרשע האָט גע׳שמ׳ט די שול פון די „טויטע חסידים", אָדער דאָס „אומאַנער שטיבל", וואו עס פלעגן שטענדיג זיצן צענדליגער חסידים און דערציילן די מעשׂות פון ר׳ נחמנ׳ען און נאָכזאָגן זיינע ווערטער און דערנאָך זיך אַוועקלאָזן אין התלהבות׳דיגע טענץ ביז טיף אין דער נאַכט אַריין.

ווען עס זיינען געקומען די ביטערע טעג פאַרן פּוילישן אידנטום, האָבן די בראַסלאַווער אין זייער שטיבל, ביים עמוד, אויפגעקלעפּט אַן אויפרוף מיט ר׳ נחמנ׳ס ווערטער „באמת אין שום יאוש כלל בעולם", „גוואַלד, אידן זייט זיך זיך ניט מיאש!"

די בראַסלאַווער חסידים זיינען מערסטנס אָרימע לייט, האַרעפּאַשניקעס, שניידער און שוסטער, סופרים און מלמדים, אָבער זיי זיינען פול מיט בטחון און שמחה. זיי פלעגן גנב׳ענען די סאָוועטישע גרעניץ און זיך אַריבער־כאַפּן קיין אומאַן אויף אַ ראש־השנה. מען דערציילט, אַז אַפילו אין 1939, ווען פּוילן האָט געברענט און געבלוטיגט, זיינען זיי געלאָפן איבער די בלוט־טיגע וועגן, געיאָגט פון די נאַצישע עראָפּלאַנען אַהין, אויף יענער זייט, קיין אומאַן.

אומאַן איז פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען אַ שטאָט פון מסחר און אידישער אינטעליגענץ. איינע פון די חשוב׳סטע און רייכסטע פאַמיליעס אין שטאָט איז געווען די טולטשינסקי פאַמיליע. אין אומאַן האָט אויך אַ שטיקל צייט געלעבט דער גרויסער אידישער פּראָזע־קינסטלער דוד בערגעלסאָן. ער איז געבוירן געוואָרן אין אָכרימעווע, לעבן אומאַן, און האָט אין אומאַן פאַרבראַכט אַ געוויסע צייט. אַ סך טיפּן פון זיינע ערשטע ראָמאַנען, ווי „נאָך אַלעמען", „אָפּגאַנג", זיינען אומאַנער. די לערן־יוגנט און די אומאַנער אינטעליגענץ האָט געקלעפּט אַרום דעם גרויסן וואָרט־קינסטלער און שפּעטער, אין דער סאָוועטישער אומאַן, פלעגן די אומאַנער אידיש־לייענער אָנוויזן אויף אַ שטילער גאַס, וואו צווישן איינשטאָקיגע מויערלעך מיט הויכע פּלויטן פון פאָרנט און סעדער פון הינטן, איז גע־שטאַנען דאָס הויז, וואו דער גרויסער שרייבער האָט געוווילט.

דער באַרימטער עסייאיסט און מיטאַרבעטער פון „טאָג", דר. א. קאָ־ראַלניק, איז געווען אַן אומאַנער געבוירענער, און האָט אויך געשריבן וועגן זיין שטאָט.

אדעס

(פונם „טאָג")

פון ב. רש"ף

די שטאָט אָדעס, וועלכע איז באַפרייט געוואָרן דורך דער העלדישער רויטער אַרמיי, האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער רוסישער און אידישער געשיכטע. איצט, נאָך 30 מאָנאַטן אָקופּאַציע איז די שיינע שטאָט ביים שוואַרצן ים מער ניט פאַרשקלאַפט צו די נאַציס.

אין פאַרגלייך מיט פיל אַנדערע שטעט אין אַלטן צאַרישן רוסלאַנד, וואו אידן האָבן געמעגט וואוינען, איז אָדעס פאַרהעלטניסמעסיג נאָך אַ זייער „יונגע" שטאָט. היינטיגס יאָר ווערט זי אַלט בלויז 150 יאָר.

אָדעס איז געגרינדעט געוואָרן אַלס אַ שטאָט ערשט אין 1794 פון דעם רוסיפיצירטן איטאַליענישן אַדמיראַל דעריבאַס.

אויפן אָרט, וואו עס געפינט זיך די פּרעכטיגע זוניגע שטאָט אָדעס, איז אין 15־טן יאָרהונדערט געשטאַנען אַ קליין טערקיש דערפל מיטן נאָמען כאַרדזשיביי. אָנהויב פון 18־טן יאָרהונדערט האָבן די טערקן אויסגעבויט אַרום דעם דערפל אַ מעכטיגע מיליטערישע פעסטונג און איר אַ נאָמען געגעבן ענידוניאַ.

ביים סוף פון 18־טן יאָרהונדערט, אין יאָר 1789, האָט די רוסישע אַרמיי און פלאָט גענומען שטורעמען די דאָזיגע טערקישע פעסטונג.

הערצאָג רישעליע, אַ פראַנצויזישער עמיגראַנט, וועלכער איז אַנטלאָפן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט זייער פיל אַרויסגעהאָלפן דעם אַדמיראַל דעריבאַס, דעם אָנפירער פון די רוסישע מיליטערישע כוחות, וועלכע האָבן באַזיגט די טערקן און צוגענומען ביי זיי די דאָזיגע וויכטיגע פעסטונג אויפן ברעג פון שוואַרצן ים.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, אין 1794, האָט אַדמיראַל דעריבאַס געגרינדעט די שטאָט און איר אַ נאָמען געגעבן אָדעס. און די שטאָט האָט זיך אין קאָרגע הונדערט יאָר צעבליט און געוואָרן איינע פון די גרעסטע און שענסטע שטעט אין רוסלאַנד און דער רייכסטער אן וויכטיגסטער האַפן פון לאַנד.

דער אידישער רעקאָרד פון דער דאָזיגער רוסישער האַפן־שטאָט הייבט זיך אָן מיט דער צייט ווען די רוסן האָבן פאַרנומען דעם דאָזיגן פּאָרט אין 1799. די ערשטע אידישע קהילה אין אָדעס איז פאַרמירט געוואָרן אין 1798. פיל פון די ערשטע אידישע איינוואוינער פון אָדעס זיינען געקומען פון גאַליציע (באַזונדערס בראָד) און פון דייטשלאַנד.

רויטע ארמיי מארשירט אריין אין אָדעס נאָכן פאַרטרייבן די נאַצים.

די אָדעסער קהלה האָט געגרינדעט איינע פון די ערשטע מאָדערנע תלמוד־תורה׳ס און די ערשטע כאָר־שול אין רוסלאַנד (1840).

די אָדעסער אָרטיגע רעגירונגס־באַאַמטע זיינען געווען אַביסל גינציגער צו די אידן ווי אין אַנדערע רוסישע שטעט, דעריבער האָבן אַ סך אידן גע־שטראָמט אַהין. זיי האָבן דאָרטן אַנטוויקלט אַ גרויסן תבואה־מאַרק, עקס־פּאָרט און אימפּאָרט און, אין דער זעלבער צייט, האָבן זיי אַנטוויקלט אַ גרויסן אינטעלעקטועלן, גייסטיגן צענטער.

אַ סך העברייאיסטן האָבן זיך באַזעצט אין אָדעס און מען קאָן זאָגן, אַז די דאָזיגע האַפן־שטאָט איז דאָס געבורטס־אָרט פון פאַרשיידענע פאַזן פון מאָדערנעם ציוניזם. דאָרט האָבן געלעבט און געווירקט: דר. לעאָן פּינס־קער, מ. ל. לילינבלום, אחד־העם, מ. מ. אוסישקין, ק. ז. וויסאָצקי, פּרץ סמאָלענסקין א. אנד.

די בני־משה, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר דער קאָלאָניזאַציע פון ארץ־ישראל און אַ רייע אַנדערע אידישע אַגריקולטור־אָרגאַניזאַציעס האָבן גע־האַט זייער צענטער אין אָדעס.

די מאָדערנע העברייאישע און אידישע ליטעראַטור זיינען געשאַפן גע־וואָרען צום גרויסן טייל אין אָדעס. ביאַליק, דר. קלויזנער, ראַווניצקי.

הייבט מענדעלע מוכר ספרים, דער זיידע פון דער אידישער און העב־רייאישער ליטעראַטור, וואָס האָט געשאַפן דעם מאָדערנעם אידישן און העברייאישן פּראָזע־סטיל.

אין אָדעס האָט געלעבט דער גרויסער אידישער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו. דאָרט איז געווען רב און געשאַפן זיינע ערשטע ווערק רב צעיר (פּראָפ. טשערנאָוויץ).

אַלעקסאַנדער צעדערבוים האָט אין אָדעס אָרגאַניזירט דעם „המליץ״ און דעם „קול מבשר״, די ערשטע אידישע און העברייאישע וואָכנשריפט אין רוסלאַנד.

אָדעס איז אויך געווען די ערשטע רוסישע שטאָט, וואו אידיש טעאַ־טער איז געשפּילט געוואָרן. צו דערמאָנען אַסבסאָי און די פישזאָנס.

דער באַרימטסטער העברייאישער זשורנאַל, דער „השלוח״ איז רעדאַק־טירט געוואָרן אין אָדעס. זאב זשאַבאָטינסקי האָט אָנגעהויבן זיין שריפט־שטעלערישע און פירנדיגע ראָלע אין אָדעס.

אָדעס איז געווען די סאַמע קאָסמאָפּאָליטישסטע שטאָט אין גאַנץ רוס־לאַנד. צווישן אירע דריי פערטל מיליאָן איינוואוינער פאַר דער רעוואָלוציע זיינען העכער אַ העלפט געווען אוקראַינער, איבער 30 פּראָצענט — אידן, און די איבעריגע זיינען געווען: גריכן, טערקן, אַרמענער, פּאָליאַקן, רוסן, טאָטערן, גרוזינער און צענדליגער אַנדערע פעלקער.

אין קיין אַנדער שטאָט פון דער צאַרישער רוסלאַנד האָט די פיל־פאַרביגע באַפעלקערונג ניט געלעבט אַזוי בשלום ווי אין אָדעס, חוץ דעם טרויעריג־באַרימטן פּאָגראָם אין 1905, וואָס איז פּאָקטיש דורכגעפירט גע־וואָרען פון דער רוסישער רעגירונג.

מאָגיליאָוו־פּאָדאָלסק

פון הערי ברידזשער

אונזער שטאָט האָט געהאַט אַ סך נעמען: טערקיש מאָהילעוו, קליין מאָהילעוו, אַטיק מאָלעוו, מאָהילעוו אויפן דניעסטער (צו אונטערשיידן פון דער אַנדערער שטאָט מאָלעוו, וואָס געפינט זיך אויף דעם טייך דניעפּער), מאָהילעוו, פּאָדאָליער גובערניע. אָבער דער ריכטיגער נאָמען איז מאָגיליאָוו־פּאָדאָלסק. די שטאָט איז געגרינדעט געוואָרן אין זעכצנטן יאָרהונדערט פון דעם מאָלדאַווער העטמאַן יערעמיאַ מאָגילאַ, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין די שלאַכטן געגן די טערקן. די טערקן האָבן דעמאָלט קאָנטראָלירט בעסעראַביע, וואָס געפינט זיך אויף דער אַנדערער זייט פון טייך דניעסטער.

ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די באַפעלקערונג פון דער שטאָט באַשטאַנען פון: אוקראַינער 49 פּראָצענט; אידן — 41 פּראָצענט. עס זיינען אויך געווען אין שטאָט רוסן, פּאָליאַקן, בולגאַרן, גריכן, דייטשן, פראַנצויזן און אַנדערע, אָבער אין דעם גאַנצן מאָגיליאָוו־פּאָדאָליער ראַיאָן, וואָס האָט פאַרנומען גאַנצע 5,658 סקווער קילאָמעטערס איז שוין די באַפעלקערונג באַשטאַנען פון: אוקראַינער — 88 פּראָצענט; אידן — **זיבן און אַ האַלב פּראָצענט.**

עס איז ניט געווען אין מאָגיליאָוו־פּאָדאָלסק דאָס גרויסע פאַרצווייפלטע אָרעמקייט וואָס מען האָט דעמאָלט געקענט טרעפן אין גאַליציע אָדער אין פּוילן, ווייל די גרויסע מאַיאָריטעט פון מאָליוער אידן זיינען געווען האַנטווערקער: שניידער, קצבים, סטאָליאַרעס, אייזן־אַרבעטער, שוסטערס, מאָליאַרעס, פריקאַזטשיקעס, אַרבעטער ביי דער באַן און ביי די פאַראַכאָדן, גלעזער, בעקערס, צירולניקעס און אַנדערע בעל־מלאכות. מען האָט געלעבט ניט גרויס, אָבער מער ווייניגער פּרנסה האָט מען געהאַט.

פון זינט רוסלאַנד האָט צוגענומען מאָהילעוו־פּאָדאָלסק פון פּוילן אין יאָר 1795, האָט זי געזוכט צו רוסיפיצירן די באַפעלקערונג; און דערפאַר זיינען אין שטאָט געווען אַזוי פיל שולן: גימנאַזיעס, קאָמערץ־שולן, עלעמענטאַר־שולן. עס זיינען אויך געווען אין שטאָט פּריוואַטע העברעיאישע און אידישע שולן און אויך דראַמאַטישע. די שרייבער: שלמה דאַווידמאַן —

ישראל דעם דיינ׳ס זון; בער גרין; דער באַוואוסטער פּאַלעסטינער שרייבער בן־ישי, זיינען מאָגיליאָוו־פּאָדאָליער.

די שטאָט ליגט צווישן בערג און ביי דער לינקער זייט פון טייך דניעסטער. פון איין זייט די הויכע אַזאַריניצער און שאַראַגראָדער בערג.

אויף דער אַנדערער זייט דניעסטער, ביי דער שטאָט אָטיק, אָדער אטאקי, בעסעראביע, זיינען אויך געווען הויכע בערג. די אַלע בערג זיינען פאַררעכנט אין דער געאָגראַפיע אַלס טיילן פון די קאַרפּאַטישע בערג.

יעדעס מאָל וואָס אַ מאָליווער דערהערט דאָס וואָרט דניעסטער, וועקט

אייב דזשאַבלאָוו,
פּרעזידענט פון מאָגיליעוו־פּאָדאָליער און אָטיקער רעליף.

עס אויף אין אים אַ סך בענקשאַפט און אַ סך דעראינערונגען; באַזונדערס זומער, ווען די יוגנט איז געווען מער פריי פון לערנען, האָט מען פאַרבראַכט אַ סך צייט ביים דניעסטער.

אין די יאָרן פון בירגער־קריג אין רוסלאַנד, ווען די שטאָט מאָלעוו איז איבערגעגאַנגען פון מאַכט צו מאַכט — סקאָראָפּאַצקי, מאַכנאָ, זעליאָני, פּעטליורא, פּאָליאַקן און לאָקאַלע באַנדעס — פלעגן די אָטיקער אידן איינשטעלן זייערע לעבנס און ראַטעווען וויפיל זיי האָבן נאָר געקענט, די אידן פון מאָלעוו און אויך די פּראָגרעסיווע קריסטן. דער טייך דניעסטער האָט תמיד געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער געשיכטע פון די רוסישע מלחמות.

דער דניעסטער פאַנגט זיך אָן אַלס אַ ריטשקעלע לעבן דעם גאַליצישן דאָרף וואָווטשע און ווערט וואָס אַמאָל ברייטער פון די זייטיגע צופליסנ־

דיגע טייכן און אַזוי ציט ער זיך 1,372 קילאָמעטערס ביז צום שוואַרצן ים לעבן אָדעס.

כאָטש די יוגנט איז געווען אַ פּראָגרעסיווע און אַ רעוואָלוציאָנערע, איז אָבער אין שטאָט אויך געווען אַ טראַדיציאָנעל־אָרטאָדאָקסיש אידיש לעבן, מיט חדרים, תלמוד־תורות, ישיבות, רביים און רבנים. אין דער גרויסער שול האָבן תמיד געדאַוונט באַוואוסטע חזנים מיט גרויסע כאָרן.

די חזנים שטראַמבערג, פּנחס מאַנקאָווסקי, ניסן בעלזער, קרימסקי זיינען געווען חזנים אין דער מאָלעווער גרויסער שול, און פּיליכט דערפאַר זיינען די מאָלעווער אַזוינע מבינים אויף נגינה.

אין מאָלעוו־פּאָדאָלסק געפינט זיך דער קבר פון באַרימטן פוסק, דער „באר היטב", דער ספר אויפן שולחן ערוך, וואָס ווערט געלערנט אין אַלע ישיבות איבער דער גאַרער וועלט.

אין אַלטן בית מדרש האָט געדאַוונט דער חסידישער פילאָזאָף ר' שניאר זלמן דער בעל התניא — גרינדער פון ליבאַוויטשער דינאַסטיע. אין אַלטן אשכנזישן בית מדרש איז נאָך אין מיינע צייטן געשטאַנען דער שטענ־דער לעבן וועלכן ר' שניאר זלמן פלעגט שטיין, דאַוונען און וואַרפן זיין בליק צו דרום, וואָס פירט קיין ארץ־ישראל.

אויך פלעגט מען אָנצייגן דאָס אָרט לעבן מאָלעוו וואו דער בעל־שם האָט אַריבערגעשפּאַנט דעם דניעסטער מיט אמונה.

אין מאָלעוו־פּאָדאָלסק האָט דורות־לאַנג זיך אויפגעהאַלטן די באַרימ־טע רבנישע ביק־דינאַסטיע, וואָס ציט איר יחוס פון ר' יעקב עמדין. איך געדענק ווי ניט נאָר אידן, נאָר מאַנכעס מאָל אַפילו קריסטן פלעגן קומען אָנציגדן ליכט ביי דעם מיסטעריעזן פאַרהייליגטן קבר פון דעם אַלטן רב ר' שמחה ביק, ז"ל. מען פלעגט דערציילן, אַז די קריסטן פלעגן שלעפן די אידן צו ר' שמחה ביק, ז"ל, אויב דער איד האָט דעם גוי מיט עפּעס אָפּגע־נאַרט אָדער ניט גוט באַהאַנדלט, און ר' שמחה פלעג גיבן דעם גוי גערעכט אויב ער איז געווען גערעכט. דערפאַר איז דער נאָמען ר' שמחה ביק ז"ל געבליבן הייליג סיי ביי די אידן, סיי ביי די קריסטן אין מאָלעוו. עס האָט זיך איינמאָל געטראָפן אַז אַ גוי האָט על פי טעות געגעבן אַ גאָלדן פינפערל אָנשטאָט אַ זילבערן גולדן צו אַ מאָלעווער אידן מיטן נאָמען בערזשיניק. ווען דער קריסט האָט דערזען זיין טעות און געקומען צו קלמנ'ען, אַז יע־נער זאָל אים אומקערן דאָס גאָלדענע פינפערל, האָט קלמן בערזשיניק גע־לייקנט און געזאָגט אַז ער ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגן. דער קריסט איז אָפּנים ניט געווען קיין נאַר און פאַרופן קלמנ'ען צו אַ דין־תורה ביי ר' שמחה ביק. געקומען צום רב, דערציילט דער גוי אַז ער האָט זיך טועה געווען און אָוועקגעגעבן אַ גאָלדן פינפערל אָנשטאָט אַ גילדן. ר' קלמן האָט דאָס אָבער אָפּגעלייקנט. ענדלעך רופט דער רב ר' שמחה אַריין קלמנ'ען אין

אַן אַנדער צימער און פרעגט אים, זאָל ער זאָגן דעם אמת, צי ער האָט יאָ אָדער ניט גענומען דאָס פינפערל. קלמן בערזשיניק איז געווען ביז גאָר אַ פרומער און ערלעכער איד, און ער האָט געענטפערט ר׳ שמחה׳ן אַז, אמת ער האָט טאַקע יאָ גענומען ביים גוי דאָס גאָלדענע פינפערל נאָר וואָס דען? ער האָט זיך פאַרענטפערט מיט דער גמרא: „טעות גוי מותר" — ביי אַ גוי מעג מען. דערהערנדיג דאָס האָט אים ר׳ שמחה ביק געזאָגט אַז ער זאָל שוין אַריינגיין אין אַנדערן צימער וואו דער קריסט איז געשטאַנען און גע־וואָרט, און אים אומקערן דאָס פינפערל. ווען רב שמחה ביק ז״ל איז נפטר געוואָרן, האָט מען געטאָן אזוי ווי ער האָט אָנגעזאָגט מען זאָל איבער אים טאָן: די ארבע מיתות בית דין, פאַר די עבירות וואָס ער איז ביט באַגאַנגען...

מען האָט זיין קערפּער פון פיר איילן די הויך אַרונטערגעוואָרפן, אַרויפ־געטריפט הייסע וואַקס אויף אים, געוואָרפן שטיינדלעך אויף זיין ארון און נאָך דעם פאַרצויגן אַ גאַרטל אַרום זיין האַלז.

רב שמחה האָט אָנגעזאָגט אַז אויף זיין מצבה זאָל מען ניט אַוועקשטעלן דעם טיטול „רב".

רב שמחה זצ״ל איז געווען דער פערטער דור פון ר׳ יעקב עמדין, דער באַרימטער גאון און באַקעמפער פון דער שבתי־צבי סעקטע און וועלכער האָט געשטאַמט פון האַמבורג, דייטשלאַנד, און איז אויך געווען אַן אייניקל פון מהר״ל פון פּראַג, טשעכאָסלאָוואַקיע, דער לעגענדארישער שאַפער פון „גולם".

ר׳ שמחה ביק איז געווען אַן עלטער־זיידע פון הרב אברהם ביק, וועל־כער געפינט זיך איצט אין ניו־יאָרק און איז דער פּראָפעסאָר פון דעם אינ־טערעסאַנטן בוך „גרונט־פּרינציפּן פון רעליגיעזן סאָציאַליזם" און מחבר פון עטלעכע אַנדערע וויכטיגע ווערק אין העברייאיש און אידיש. הרב אברהם ביק איז אַ תלמוד מובהק און אַ מוסמך פון הרב קוק און די גאוני ירושלים, און איז דער רב פון וואַרשעווער חיים סאָלאָמאָן מושב זקנים אויף סעקאַנד עוועניו, ניו־יאָרק. זיין פאָטער שאול ביק איז געווען רב אין מעזשביזש, קאַמארין, טשערניגאָווער גובערניע און אויך רב אין מאלעוו־פּאָדאָלסק אונ־טער דעם סאָוועטן־רעזשים.

ר׳ שאול ביק איז דער מחבר פון ספר „יד שאול". פאַר אים איז געווען רב אין מאלעוו ר׳ יצחק ביק, ז״ל — אַ זעלטענע פערזענלעכקייט און אַ וועלטלעכער מענטש; אַ דומע־דעפּוטאַט, איינער פון די גרינדער פון מזרחי, און האָט אָנטייל גענומען אין דער פּעטראָגראַדער רבנים־קאָנפערענץ.

ר׳ יצחק ביק איז געווען אַ זעלטענער גוטער רעדנער, און יעדן שבת נאָכמיטאָג, ווען ער האָט גע׳דרשנ׳ט אין דעם בית מדרש, פלעגט זיין גע־פּאַקט קאָפּ אויף קאָפּ. אויף די עלטערע יאָרן איז ר׳ יצחק געקומען קיין אַמעריקע און איז געווען רב אין פּראָווידענס, ראָוד איילאַנד.

אַזוי האָט זיך געצויגן די קייט פון דער באַרימטער ביק־פאַמיליע אין מאָלעוו־פּאָדאָלסק פאַר דור דורות.

ווי שוין פריער דערמאָנט, איז די מאָגיליאָוו־פּאָדאָליער יוגנט געווען אַ קעמפערישע, אַ רעוואָלוציאָנערע און מוטיגע. אין יאָר 1905, ווען די שטאָט איז געווען אַרומגעכאַפּט פון דעם רעוואָלוציאָנערן פלאַם, האָט די ניקאָלאַיעווער מאַכט אַהין אַריינגעבראַכט פּאָגראָמשטשיקעס פון אויסער דער שטאָט, אָבער די זעלבסט־שוץ, צוזאַמען מיט די קצבים, אָנגעפירט פון דער פאַמיליע זשודאָוועצקי, האָבן די פּאָגראָמשטשיקעס אָפּגעשלאָגן און פאַר־טריבן. דערביי זיינען געפאַלן אַ צאָל קרבנות. ווען די רויטע אַרמיי איז גע־שאַפן געוואָרן, האָט די יוגנט פרייוויליג זיך אין איר אָנגעשלאָסן, און אַ סך איינוואוינער האָבן אָוועקגעגעבן זייער לעבן פאַר דער רעוואָלוציע. באַזונ־דערס האָט זיך דעמאָלט אויסגעצייכנט אַלס קעמפער אין דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער דיוויזיע אין אוקראַינע, יאָסל וואָלאָוויץ. ווען דער באַנדיט זעליאָני מיט זיינע היידאַמאַקעס האָט פאַרנומען מאָלעוו, איז יאָסל וואָלאָוויץ געווען געצוואונגען צו אַנטלויפן איבערן דניעסטער קיין רומע־ניע, און איצט וואוינט ער אין ברוקלין. ער איז טעטיג אין בראַנטש 134 פון אידישן פראַטערנאַלן פאָלקס־אָרדן, מאָלעווער סאָסייעטי, אַטיק־מאָלעווער רעליף און אויך אין דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג.

לויטן צענזוס פון 1926 איז די באַפעלקערונג פון מאָלעוו באַשטאַנען פון 22,751 מענטשן און נאָך דעם זיינען צוגעקומען נייע איינוואוינער, ווייל דאָס לעבן אין שטאָט האָט זיך איינגעשטעלט. אָרעמקייט איז אָפּגעשאַפט געוואָרן. יעדער האָט געהאַט באַשעפטיגונג. די קאָלכאָזן זיינען געווען אַ דערפאָלג. גערעטענישן אויף די פעלדער זיינען געווען גרויסע, און די הונגער־יאָרן פון בירגער־קריג זיינען צוביסלעך פאַרגעסן געוואָרן. עס זיינען צוגעקומען נייע מעל־מילן, די בראַנפן־ברויז, צוקער־פאַבריק, מעבל, קליידער, זייגער־פאַבריק, טשוהון און אייזן־פאַבריק.

23 יאָר האָט די רויטע פאָן געפלאַטערט איבער מאָגיליאָוו־פּאָדאָלסק און געוועקט האָפענונגען ביי די פאַרשקלאַפטע פון דער אַנדערער זייט דניעסטער — ביז דאָס היטלעריסטישע דייטשלאַנד האָט אַזוי פאַררעטעריש אַטאַקירט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און פאַרנומען די שטאָט. קאַרגע דריי יאָר זיינען די דייטשן און די רומענער געווען אין מאָלעוו־פּאָדאָלסק, און עס איז שוין ביי קיינעם ניט געבליבן קיין האָפענונג אַז אימיצער פון די קרובים זאָלן האָבן געבליבן לעבן. ביז אַ נייער טאָג איז אויפגעגאַנגען פאַר אונזער באַליבטער שטאָט מאָגיליאָוו־פּאָדאָלסק.

דעם 19־טן מערץ, 1944, האָט מאַרשאַל סטאַלין אָנאָנסירט אַז די העלדישע רויטע אַרמיי האָט פאַרנומען מאָלעוו, אַריינקומענדיג אין שטאָט דורך די שטעטלעך קאַרפּאָווקע און סערעבריאַ. די דייטשע סאָלדאַטן זיינען

אנטלאָפן, איבערלאָזנדיג צוויי רומענישע דיוויזיעס צו פאַרהאַלטן די רויטע אַרמיי, אָבער די רומענער האָבן זיך אונטערגעגעבן צוזאַמען מיט אַ סך געווער און פּראָוויאַנט, און מאַרשאַל י. ס. קאָניעוו׳ס צווייטע אוקראַינישע אַרמיי האָט באַפרייט די שטאָט.

די סטראַטעגישע וויכטיגקייט פון מאָלעוו איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער סאָוועטישער פּרעמיער און מאַרשאַל יאָסיף סטאַלין האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז דעם זעלבן טאָג זאָל מען פייערן אין מאָסקווע די באַפרייאונג פון מאָגיליאָוו־פּאָדאָלסק מיט אַ סאַלוט פון 12 זאַלפן פון 124 קאַנאָנען.

יאָסל וואָלאָוויץ האָט אָנגעפאַנגען ארבעטן און אָרגאַניזירט דעם אָטיק־מאָלעוער רעליף, וועלכער באַשטייט פון די פאָלגנדיגע סאָסייעטיס: ערשטע מאָגיליעוו־פּאָדאָליער פּרענדס אַסאָסיאיישאָן און ניו־יאָרק; דזשייקאָב בלויש־טיין סיק בענעוואָלענט סאָסייעטי; אָטיק־מאָלעווער סאָסייעטי; מאָגיליעוו־פּאָדאָליער לײדיס אַקזילערי און סילווערשטיין און קויפמאַן פאַמיליע־קרייז.

און ווידעראַמאָל איז עס געווען יאָסל וואָלאָוויץ און זיין פרוי שרה, וועלכע האָבן אַוועקגעגעבן אַ סך מי און ענערגיע צו זאַמלען די קליידער. זייער הויז האָבן זיי געמאַכט פאַר אַ סקלאַד, און נאָך דער ארבעט, אַ מידער, ניט־דערשלאָפענער און ניט־דערעסענער, פלעגט שוין יאָסל זיין אין דעם דעפּאָ און פּאַקן די קיטס. און אָפט מאָל פלעג איך טראַכטן אַז אַוועקגעבן אַזוי פיל צייט און ענערגיע פאַר זיינע מיטמענטשן קאָן נאָר אַ מענטש אַ פּראָגרעסיווער און אידעאַליסטישער, אַזאַ־אַ ווי יאָסל וואָלאָוויץ איז.

הרב אברהם ביק, ערן־טשערמאַן פון אָטיק־מאָלעווער רעליף, און אייב דזשאַבלאָוו, טשערמאַן, און היימאַן פליישמאַן, טשערמאַן פון דער ערשטער מאָגיליעוו־פּאָדאָלסק פרענדס אַסאָסיאיישאָן, זיינען געווען זייער טעטיג ביים אַוועקשיקן דעם טראַנספּאָרט. היימאַן פליישמאַן, טשערמאַן פון די מאָלעווער, אייב דזשאַבלאָוו, פרענק צודעק און אויך אַ סך אַנדערע מאָלעווער לאַנדסלייט האָבן בייגעשטייערט היפשע סומען געלט.

נאָוואַ אושיצאַ

(זכרונות, בילדער און פּאַסירונגען פון מיין שטעטעלע)

פון יהושע ווייסער



דאָס שטעטל נאָווא־אושיצא אָדער ווי די עלטערע מענטשן פלעגן דאָס רופן, ליטניוועץ, אונטערשיידט זיך מיט פילע מערקווירדיגקייטן פון אַנדערע שטעטלעך פון דעם דאָזיגן מין, וואָס געפינט זיך אין יענעם געגנט. דוכט זיך אַ קליין שטעטעלע, און דאָך קענט איר דאָרט געפינען פילע אינטערעסאַנטע דענקמעלער, וואָס דערמאָנען אין פילע מערקווירדיגע פּאַסירונגען, וואָס האָבן פיליכט אַ היסטאָרישן ווערט.

שוין דער אַריינפאָר אין שטעטל איז מערקווירדיג מיט זיין אויסערגעוויינטלעכן הויכן באַרג, ווי מען רופט אים: „דער זאַמעכאָווער באַרג". און ווען מיר, קינדער, פלעגן קוקן אויף דעם באַרג, פלעגט זיך אונז אויסדאַכטן, אַז דאָרטן, פון יענער זייט באַרג, ענדיגט זיך די וועלט, און איך פלעג מיר אַלס קינד ניט קאָנען פאָרשטעלן ווי אַזוי מענטשן קאָנען גאָר אַרויפקריכן אויף אַזאַ הויכן באַרג . . .

פלעגט דאָך טאַקע דער נאָווא־אושיצער בעל־עגלה, ווען ער פלעגט דאַרפן אַרויף אָדער אַראָפּפאָרן פון דעם באַרג, בעטן זיינע פּאַרשוינען זיי זאָלן זיין אַזוי גוט און זיך מטריח זיין אַרונטערצוקריכן פון פור און גיין, במחילה, צו פוס . . .

און ווען מען פלעגט שטיין אויף דעם באַרג, פלעגט איר זען דאָס גאַנצע שטעטל ווי ביי זיך אויף דער דלאָניע . . . אָט דאַכט זיך זעט איר דאָרט דעם קלויסטער און, להבדיל, די שול. אין זומער פלעגט זיך אייך דאַכטן, אַז איר זעט דעם שיינעם גרויסן גאָרטן, ווייל דאָס שטעטל פלעגט ממש זיין איינגעטונקען אין גרינס.

און איך אַליין דערמאָן זיך איצט, אַז ווען איך פלעג נאָר אָנקומען נאָענט צום שטעטל, קומענדיג פון גרויסע שטעט אין רוסלאַנד, וואו איך האָב געלערנט מוזיק און געזונגען מיט חזנים, פלעגט דאָס האַרץ אָנהויבן האַסטיגער צו קלאַפּן פאַר אומגעדולד צו זען דאָס שטעטל, און עס פלעגט זיך דאַכטן, אַז עס איז גאָר נישטאָ נאָך אַזאַ שיין און מערקווירדיג שטעטל

ווי נאָווא־אושיצאַ. און אפשר האָט דאָ געשפּילט אַ געוויסע ראָל די איינ־געבוירענע ליבשאַפט, וואָס מיר פילן צו דעם שטעטל, וואו מיר זיינען געבוירן . . .

די שרעקלעכע נקמה פון אַ אידישן מסור

דאָס האָט פּאַסירט מיט פילע יאָרן צוריק. אין אַ צייט, ווען אין נאָווא־אושיצא איז געווען אַ איספּראַווניק אַן אכזר און געפערלעכער שונא־ישראל, און די אידן פלעגן שרעקלעך ליידן פון זיינע רשעות'ן, וואָס ער פלעגט זיי אָפּטאָן. און מערקווירדיג, דער איספּראַווניק פלעגט שטענדיג וויסן ווען און וואו צו מאַכן אַן אַביסק (אונטערזוכונג) אין אַ אידישער הויז, און טאַקע תמיד געפונען אָדער אָפּענעם טאַבאַק, פּאַר וואָס מען האָט באַדאַרפט באַ־צאָלן אַקציז צו דער רעגירונג, אָדער אַנדערע זאַכן, און אַפילו אַז מען האָט גאָרנישט געפונען, האָט מען גלאַט אַזוי געמאַכט אַ בלבול אויף אידן, אַבי זיי שלעכטס צו טאָן.

אין יענער צייט פלעגט מען כאַפּן קליינע אידישע קינדער און זיי פאַרשיקן אין טיף רוסלאַנד און זיי דאָרטן מיט געוואַלד אָפּ'שמד'ן און זיי מאַכן פאַר סאָלדאַטן. פלעגן דאַן די אָפיציעלע רעגירונג'ס־„כאַפּער" שטענ־דיג וויסן וואו צו זוכן די אידישע קינדער, וואָס די מאַמעס פלעגן אויסבאַ־האַלטן און זיי טאַקע געפינען און מיט געוואַלד זיי אַוועקרייסן פון זייערע אומגליקלעכע עלטערן און זיי פאַרשיקן, — ביז די אידן האָבן אויסגעפונען, אַז זיי האָבן צווישן זיך אַן אייגענעם פאַררעטער, אַ מסור, וואָס ווייזט אָן דער רעגירונג וואו צו זוכן . . . און די אידן האָבן אָפּגעהאַלטן אַ געהיימע אסיפה און זיי האָבן באַשלאָסן מקיים צו זיין די מידה פון „ובערת הרע מקרבך" . . . און אַזוי האָבן זיי דעם פּסק אויסגעפירט:

פרייטאָג, ווען אידן זיינען לכבוד שבת געגאַנגען אין מרחץ, האָט מען גענומען דעם מסור און מען האָט אים אַריינגעוואָרפן אין דעם קאָכיגן וואַ־סער . . .

און שפּעטער, ווען דער איספּראַווניק, דער רשע, האָט חושד געווען די אידן, אַז זיי האָבן מבער געווען דעם מסור, האָט ער אָנגעפאַנגען צו מאַטערן די אידן און זיי אָנטאָן ענוים קשים. זיי זאָלן אַרויסגעבן די אידן, וואָס האָבן נקמה גענומען אין דעם מסור. מען האָט די אידן געמוטשעט מיט דער גרעסטער אכזריות. מען האָט זיי געטריבן „סקוואַז סטראָי" וואָס דאָס האָט געמיינט פּאָלגענדעס: מען האָט די אידן אָפּגעשאָרן די האָר פון א האַלבן קאָפּ און האַלבער באָרד, און זיי געטריבן צווישן צוויי שורות סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיי געשלאָגן מכות רצח. אָבער די אידן האָבן די אַלע איבער־מענטשלעכע יסורים איבערגעטראָגן מיט דער גרעסטער עקשנות, און ניט אַרויסגעגעבן זייערע ברידער, וואָס האָבן נקמה גענומען אין דעם אידישן מסור . . .

די גרויסע שול אין נאָוואָ־אושיצאַ

די גרויסע נאָוואָ־אושיצער שול וואו איך האָב געזונגען אַלס משורר ביי דעם שטאָטישן חזן ר׳ שכנא קאַגאַן, איז געשטאַנען ביים אָפּגרונט פון אַ טיפן טאָל, און עס פלעגט זיך דאַכטן, אַז אָט וועט זיך די שול איבערקערן און אַריינפאַלן אין טאָל אַריין — און דאָך שטייט שוין די דאָזיגע שול הונדערטער יאָרן אַזוי, ביזן היינטיגן טאָג. און מערקווירדיג איז די דאָזיגע שול מיט איר ארון־קודש, און איך דענק, אַז דער וואָס האָט אויסגעשניצט און אויסגעפּורעמט אָט דעם וואונדערבאַרן אָרון־קודש, האָט געמוזט זיין אַ גרויסער קינסטלער אין זיין פאַך.

דער דאָזיגער אָרון איז געמאַכט געוואָרן איבער דער גאַנצער הויך פון מזרח־זייט וואַנט, און ווען מען פלעגט עפענען דעם אָרון צו פּתיחה, פלעגן זיך אויך עפענען אַנדערע טירן און אַנדערע ארונות ביז דער סטעליע, און אין יעדער ארון איז געווען אויסגעצייכנט אַן אַנדער עפּיזאָד פון תנ״ך, ווי: עקידת־יצחק, מכירת יוסף, משפּט־שלמה, און אַנדערע. עס דערמאָנט זיך מיר איצט, ווען עס פלעגט קומען שמחת־תורה, צו די הקפות, און מען פלעגט צו „ויהי בנסוע הארון״ עפענען דעם ארון, פלעגט מעכאַניש אַרויספליען אַ גאָלדענער אָדלער און צעשפּרייטן זיינע פליגלען מיט אַ מין שטאָלץ . . . אַז מיר קינדער פלעגן ממש נשתומם ווערן, און ניט קענען פאַרשטיין, פון וואַנען דער אָדלער האָט זיך גענומען . . .

דער דאָזיגער ארון־קודש איז באמת געווען אַ קונסט־ווערק און מענטשן פון גרויסע שטעט, וואָס פלעגן אָנקוקן דעם ארון, פלעגן זיך אויסדריקן, אַז דער ארון וואָלט זיך באַדאַרפט געפינען אין גרעסטן וועלט־מוזעאום אַלס וואונדער.

די שול איז אויך פאַרבונדן מיט אַ מערקווירדיגער לעגענדע. עס דערציילן די לעטערע אידן, אַז ווען דער אַרכיטעקט, וואָס האָט געפּלאַנעוועט און געבויט די שול, האָט שוין באַדאַרפט פאַרענדיגן די אַרבעט, איז אַרויפגעגאַנגען אויף דעם דאַך, איז ער אַראָפּגעפאַלן און גע׳הרג׳עט געוואָרן, און מען האָט אים מקבר געווען אין שול און דערפאַר פלעגן די עלטערע אידן זאָגן, אַז אויף אַ געוויסן פלאַץ לעבן דער בימה טאָר מען ניט טרעטן . . .

דער שטאָטישער גאָרטן אין נאָוואָ־אושיצאַ

נאָוואָ־אושיצאַ פאַרמאָגט אויך אַ וואונדערבאַרן שטאָטישן גאָרטן, אָדער ווי מען פלעגט אים רופן „קאַזיאָנע סוד״. אָט דער גאָרטן איז געווען דאָס אייגנטום פון דער שטאָט, און די שטאָטישע איינוואוינער פלעגט זיין דערלויבט דאָרטן צו שפּאַצירן. אָבער דאָס איז ניט געווען גלאָט אַזוי זיך אַ פאַרם מיט בוימער און אַלייען, נאָר טאַקע אַ גאָרטן אין וועלכן עס האָבן

געוואקסן אַלערליי פּרוכטן. עס זיינען דאָרט אויך געווען זייער שיינע נאַ־טירלעכע „בעסעדקעס" אַרומגעוואַקסן מיט הויכע ביימער, וואו עס פלעגט שפּילן דער מיליטערישער אָרקעסטער, און פילע פון אונז נאָוואָ־אושיצער האָבן דאָרט געוועבט זייערע שיינע חלומות, וועלכע זיינען צום באַדויערן אָפטמאָל ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן . . .

נאָוואָ־אושיצער אינטערעסאַנטע מענטשן

נאָוואָ־אושיצאַ האָט אויך פאַרמאָגט אין יענע יאָרן אינטערעסאַנטע און מערקווירדיגע מענטשן. און ניט קוקנדיג וואָס דאָס שטעטל האָט דאַן גע־לעבט דאָס טראַדיציאָנעלע אידישע פרומע לעבן, האָבן זיך דאָרטן פון איין זייט געפונען אַ פּאָר אידישע טיפּן, וואָס זיינען געווען עקסטרעמע אַטע־איסטן, און פלעגן רעדן על ה׳ ועל משיחו . . . און פון דער צווייטער זייט האָבן זיך דאָרטן געפונען אַזעלכע פרומע מיסטישע נשמות, וואָס אין דער יוגנט זיינען זיי געווען אַפּיקורסים, און אויף דער עלטער זיינען זיי געוואָרן אַזוי פרום, אַז זיי פלעגן שטענדיג זיצן אין בית־המדרש און ניט ריידן קיין דברי־חול, נאָר בלשון־הקודש . . .

נאָוואָ־אושיצער אידנטום האָט אויך אַרויסגעגעבן פילע פריהייטס־קעמפער, וועלכע האָבן גענומען אַ טיכטיגן אָנטייל אין דער רעוואָלוציע און געהאָלפן באַפרייען רוסלאַנד פון דער צאַרישער רעגירונג. און אייניגע פון זיי נעמען אויך איצט אָן אָנטייל אין דער לאָקאַלער סאָוועטישער רעגירונג.

דער „קאָזאַקישער" דאָקטאָר

ער איז געווען אַ קריסטלעכער קאָזאַקישער דאָקטאָר. דער אָפיציעלער דאָקטאָר פון דעם דאָנער קאָזאַקן־רעגימענט וואָס האָט קוואַרטירט אין נאָוואָ־אושיצאַ. און הגם די קאָזאַקן זיינען באַקאַנט געווען מיט זייער שנאה צו אידן, איז דער דאָקטאָר שפּילעווסקי, דוקא געווען אַ אמת׳ער אוהב ישראל, און ווען ער פלעגט קומען צו אַן אָרימען אידישן חולה, איז ניט נאָר פלעגט ער ניט נעמען קיין געלט פאַרן וויזיט, נאָר ער פלעגט נאָך דעם חולה איי־בערלאָזן אונטערן קישן אַ פּאָר גילדן אויף צו קויפן אַ עוף . . . און דאָס איז געווען אַ „קאָזאַקישער" דאָקטאָר . . .

איך האָב, שפּעטער מיט יאָרן, זיך באַגעגנט מיט אים אין אַ קליין שטעטעלע לעבן וויניצא, וואו ער האָט געלעבט צוריקגעצויגן אַלס פּריי־וואַטער דאָקטאָר, און געהאָלפן אָרעמע קראַנקע אומזיסט.

דער געהיימניספולער גענעראַל . . .

דאָס האָט פּאַסירט אום יום־כיפּור נאָכט צו „כל־נדרי". די גרויסע נאָוואָ־אושיצער שול איז געפּאַקט מיט מתפּללים, דער חזן מיט די משוררים

זינגען אַזוי האַרציג די הייליגע תפלה „כל־נדרי". אַלע אויגן זיינען איינ־געגראָבן אין די מחזירים, ניט דורכצולאָזן קיין וואָרט פון חזנ'ס געזאַנג . . .

אָבער פּלוצים באַוויזט זיך אין טיר אַ הויכער מאַן, אָנגעטאָן אין די קליידער פון אַ גענעראַל און די מענטשן גאַפן. אַלע פּנים'ער זיינען גע־ווענדט צו דער טיר.

דער גענעראַל גייט אַרויף צום מזרח, טוט אָן אַ גרויסן וואָלענעם טלית, קערט אום דעם פּנים צו מזרח און הויבט אָן דאַווענען מיט גרויס כוונה. און אַזוי האָט דער „גענעראַל" זיך ניט אומגעקערט מיטן פּנים פון מזרח־וואַנט, דורך דער גאַנצער צייט פון אַלע תפילות. דאָס זעלבע האָט זיך אויך אי־בערגע'חזר'ט צו מאָרגנס דעם גאַנצן טאָג פון יום־כיפור.

דער עולם איז געשטאַנען פאַר'חדוש'ט און יעדער האָט געוואָלט טרעפן ווער דער „גענעראַל" איז. אייניגע האָבן געזאָגט, אַז דאָס מוז אודאי זיין עפּעס אַ „גלגול" פון אַ פאַרבלאָנדזשעטער נשמה, וואָס איז געקומען אין דער הייליגער שול זוכן אַ תיקון . . . אַנדערע האָבן ווידער געדרונגען אַז דאָס מוז אודאי זיין אליהו הנביא וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ „גענעראַל"...

נאָך נעילה איז צו דער שול צוגעפאָרן אַ פייעטאָן געשפּאַנט מיט פיר פערד „נאַשפּיץ" און דער געהיימניספולער גענעראַל איז פאַרשוואונדן און מער האָט מען אים אין שטעטל ניט געזען.

מיט אַ צייט שפּעטער האָט איינער פון די חשוב'ע בעלי־בתים פון שטעטל אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז דאָס איז געווען זיין פאָטער'ס אַ ברוי־דער, וועלכן מען האָט נאָך אַלס אַ קליין קינד געכאַפּט און פאַרשיקט קיין מאָסקווע אַלס „קאַנטאָניסט". דאָרטן האָט מען אים מיט געוואַלד אָפּגע־שמד'ט און דערצויגן אין מיליטערישע אַקאַדעמיעס, וואו ער האָט זיך דער־דינט צו דעם הויכן ראַנג פון גענעראַל, און ווען ער איז געוואָרן עלטער, האָט אים מיט אַן אוממענטשלעכן כח געצויגן צו קומען אין דעם שטעטל וואו ער איז געבוירן געוואָרן, צו גיין אויף „קבר זיקות" צו זיינע עלטערן, און דאַווענען אין דער שול וואו זיינע עלטערן האָבן געדאַוונט, און ער איז געקומען אין שטעטל פּונקט אויף דעם הייליגסטן טאָג — יום־כיפור.

נאָוואָ־אושיצער עלטערע אידן דערציילן, אַז דער גענעראַל איז שפּעט־טער אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד, און דאָרט צוריק געוואָרן אַ איד.

טאַלנע

פון ד. אַרליק

אונזער שטעטל טאַלנע איז געווען באַוואוסט דורך דעם „טאַלנער רבי'ן", צו וועמען חסידים פלעגן קומען פון גאַר דער וועלט נאָך רפואות און זיך בענטשן. כאָטש אַ קליין שטעטל, איז טאַלנע געווען אַ סך מער טעטיג און לעבעדיג און אויך פּראָגרעסיווער ווי אַנדערע, גרעסערע שטעט.

ערשטנס, האָבן מיר געהאַט אַ באַן־סטאַנציע וואָס האָט אַרויסגעהאָלפן דעם האַנדל אין שטאָט. די אידישע באַפעלקערונג איז מערסטנס באַשטאַנען פון סוחרים באַן־הענדלער, קרעמער און אויך אַ גרויסע צאָל בעל־מלאכות, ווי שוסטער, שניידער, סטאָליערס, קאָוועלעס און בלעכער.

אונזער שטעטל האָט געהאַט אַ צוקער־זאַוואָד, אַ גיסעריי און נאָך אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען.

קולטורעל איז טאַלנע געשטאַנען אויף אַ פיינער מדרגה. מיר האָבן געהאַט אַ רוסישע שול פון צוויי קלאַסן, אַ תלמוד־תורה, וואו אידישע קינדער האָבן געלערנט העברייאיש, אידיש און אויך רוסיש. מיר האָבן געהאַט אַ ביבליאָטעק אַן לייענער־קרייזלעך.

די רעוואָלוציע אין 1905 האָט דערוועקט די בעסטע און איבערגעגעבנסטע רעוואָלוציאָנערן צווישן טאַלנער יוגנט. זייערע נעמען וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן. דאָ איז כדאַי צו דערמאָנען נאָר די ערשטע פון זיי, ווי: ראַכיל שוכאַט, מאיר ווינאַקור, טאַניע לודווינסקאַיאַ און דוד גאָכמאַן.

אונזער שטעטל האָט אַ סך צו פאַרדאַנקען דר. ל. מ. בילונקעס. ער האָט אויף אַלע געביטן אַרויסגעהאָלפן דעם שטעטל. ער האָט איין מאָל אייגעשטעלט זיין אייגן לעבן צו ראַטעווען טאַלנער אידן.

אין דער צייט פון דער סאָוועטן־מאַכט האָט זיך דאָס שטעטל פאַרשענערט.

עס איז אויך צוגעקומען אַ צווייטער שפּיטאָל, ווי אויך אַ דענטאַל־קליניק, אַ קינדער־היים, אַ קינאָ און די שטאָט איז באַלויכטן געוואָרן פון עלעקטריציטעט.

דאָס אַלעס איז צערויבט און צעשטערט געוואָרן, ווי פילע הייזער פאַרברענט דורך די בעסטיאַלישע רוצחים — די ווילדע נאַציס, איידער די שטאָט איז באַפרייט געוואָרן פון דער רויטער אַרמיי.

דאָ, אין ניו־יאָרק, האָט זיך אַ גרופּע לאַנדסלייט אָרגאַניזירט אַלס „טאַלנער אייד" און טוט־אויף גוטע אַרבעט פאַר זייער באַליבט און אומ־

גליקלעך שטעטל. ביז איצט האָבן זיי געשאַפן צוויי פילד יוניטס (עקס־רעי מאַשינען); געגעבן געלט פאַר בעטן אין לענינגראַדער שפּיטאָל נומער 1117 אויף דעם נאָמען פון טאַלנער אידן; געשאַפן געלט פאַרן נעשאָנאַל וואַר־פאָנד; אָוועקגעשיקט דורך דעם אוקראַינער קאָמיטעט ביים אידישן קאָונסיל פאַר ראַשיען וואָר רעליף העכער 600 קיטס און אַ טאָן קליידער דירעקט קיין טאַלנע. איצט וועלן זיי שיקן מעדיקאַמענטן און וויטאַמינען פאַר 1000 דאָלער.

דערביי שטעלט זיך די אַרבעט ניט אָפּ. מיט דער הילף פון די לאַנדס־לייט וועט דאָס שטעטל צוריק אויפגעבויט ווערן און די אידן וואָס קומען איצט צוריק קיין טאַלנע וועלן האָבן אַ היים, און מיט עפּעס זיך צו באַשעפ־טיגן. מיר האָפן אַז די טאַלנער אין אַמעריקע וועלן האַרציג און וואַרעם זיך אָפּרופן און העלפן אין דער וויכטיגער אַרבעט.

קאָלאָמיי

(פונם „טאָג")

פון ה. ל. טהוי

מיין שטאָט קאָלאָמיי, וואָס ליגט צווישן סטאַניסלאַוו און טשערנאָוויץ, האָט פאַרמאָגט אַ באַפעלקערונג פון אַן ערך פערציג טויזנט נפשות, דערפון איבער 50 פראָצענט אידן, דער רעשט — פאָליאַקן און רוטענער. די אידן האָבן זיך מפרנס געווען פון האַנדל מיט תבואה, פאַסאָליעס, אייער און חזיר־האָר. אין שטאָט איז אויך געווען אַביסל אינדוסטריע: עטלעכע גרויסע מילן, ביר־ברויעריען, פאַבריקן פון שוועבעלעך און פון ליכט, גאָפּט־ראַפּינע־ריס און טלית־וועבעריען. אין די טליתים־פאַבריקן זיינען געווען באַשעפ־טיגט עטלעכע הונדערט אידישע אַרבעטער, דאָס רוב זייער פרומע — מיט באָרד און פאות. זיי האָבן געלעבט אין גרויס דחקות. מיט פינף־און־פערציג יאָר צוריק האָבן די דאָזיגע פרומע אַרבעטער פאַרלאַנגט אַ הוספה, נאָר די בעלי־בתים האָבן נישט געוואָלט געבן. האָבן די אַרבעטער געסטרייקט און געשוואוירן ביי אַ ספר־תורה, אַז זיי וועלן נישט זיין קיין סטרייק־ברעכער. אָבער די בעלי־בתים האָבן זיי אויסגעהונגערט, און די אַרבעטער האָבן דעם סטרייק פאַרלוירן און זיך געמוזט אומקערן צוריק צו דער אַרבעט.

צו יענער צייט איז נאָך קיין אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע נישט געווען. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָבן דר. מאַקס צעטערבוים און דר. סאַמועל שאָר (אַן אייניקל פונם „תבואת שור") אָרגאַניזירט די אַרבעטער און זיי האָבן געסטרייקט אַן אַ שבועה און האָבן דעם סטרייק געוואונען. עס איז ניט גע־ווען קיין איינציגער סטרייק־ברעכער. פּוילישע קריסטלעכע אַרבעטער, וואָס האָבן דעמאָלט געאַרבעט ביים בוי פון דעם יעזואיטן־קלויסטער אין קאָלאָ־מיי, האָבן יעדע וואָך געשטיצט די פרומע אידישע סטרייקערס פון די טלית־וועבעריען.

יעדן דאָנערשטאָג האָט מען אויסגעטיילט די סטרייקערס מעל אויף חלה. איך מוז דערמאָנען, אַז אין דער אַרבעט פאַר די סטרייקערס האָט זיך שטאַרק באַטייליגט די פרוי פון דר. הולעס, וואָס איז געווען אַ שוועסטער פון דעם סאָציאַליסטן־פירער דר. שאָר. די פירער פון די סטרייקערס זיינען געווען חנא העכט און נפתלי קעסטען.

קאָלאָמיי האָט געהאַט אַ מאַיאָריטעט פון אידישע וויילערס. האָט מען געמאַכט פשרה מיט די פאָליאַקן, אַז צום לאַנדטאָג (רעגיאָנאַל פאַרלאַמענט אין לעמבערג) האָט מען געוויילט אַ פאָליאַק און דעסגלייכן פאַר בירגער־

מייסטער; און וויצע־בירגערמייסטער איז אַלעמאָל געווען אַ איד, און אויך צום ווינער פּאַרלאַמענט האָט מען תמיד געקליבן אַ איד.

אַזוי איז ר׳ שמעון סופר (שרייבער), דער קראָקעווער רב, געווען דע־פּוטאַט (אָפּגעאָרדענטער) פון קאָלאָמיי. נאָך אים איז אויסגעקליבן געוואָרן דר. יוסף שמואל בלאָך, ראַבינער פון פלאָריסדאָרף, לעבן ווין. דר. בלאָך איז געווען פּאָפּולער דורך אַ קאַמף מיט דעם גרויסן רשע שניידער אין פּאַרלאַמענט און מיט זיין אַרויסטרעטן אין דעם עלילת־דם פּראָצעס פון טיסאַעסלאַר (אונגארן). דר. בלאָך האָט אויך געפירט אַ פּראָצעס און געשריבן אַ בוך געגן דעם באַרימטן צורר פּראָפעסאָר אויגוסט ראָלינג. דר. בלאָך האָט נאָכגעפאָרשט און אויפגעדעקט, אַז דער אין זיין צייט טרויעריג־באַ־קאַנטער פּאָטער פון אַלע ראַסן־אַנטיסעמיטן און נאַציס געאָרג ריטער פאָן שענערער שלאָסהער פון ראָזענוי שטאַמט פון אידן. עס איז באַלד דערויף אַרויס אַ בוך אונטערן נאָמען „שמואל לייב קאָהן, שלאָסהער פון ראָזענוי", און שענערער האָט זיך געמוזט צוריקציען פון דער פּאָליטיק.

ווען די פּאָליאַקן האָבן געבראָכן דעם קאָמפּראָמיס און אויפגעשטעלט געגן דר. בלאָך אַלס געגנקאַנדידאַט דעם גראַף סטאַזשינסקי, און האָבן נאָך דערצו אָנגעפירט אַ שרעקלעכן טעראָר ביי די וואַלן, איז עס געקומען צו בלוטיגע געשלעגן, אַן עטלעכע אידן זיינען גע׳הרג׳עט געוואָרן. ווען דר. בלאָך איז טראָצדעם געווילט געוואָרן, איז געווען אַ געוואַלדיגע שמחה אין שטאָט. מ׳האָט געטאַנצט אין די גאַסן.

איך דערמאָן מיך אַ טשיקאַווע ווערטל, וואָס דר. בלאָך האָט גענוצט ביי איינער פון זיינע וואַל־רעדעס אין דער גרויסער שול. דר. בלאָך האָט גע־זאָגט דעם עולם, אַז אין דער תורה איז דאָ אַ רמז, אַז מ׳דאַרף אים ווילן. ווארים די סדרה פון דער וואָך איז „וישב", און וישב מאַכט — ווילט יוסף שמואל בלאָך.

מאַלין

פון סעם רעזניק

(פּאָרזיצער פון מאַלינער רעליף)

די שטאָט מאַלין (קיעווער גובערניע) האָט ביז דעם אָנהויב פון דעם 20־טן יאָרהונדערט געפירט אַ פּרימיטיוו לעבן. די איינוואוינער האָבן ווייניג געוואוסט פון דער אויסערלעכער וועלט. מיט דער באַן־ליניע, הויבט זיך אָן צום ערשטן מאָל באַוויזן אַ מענטש פון דער גרוי־סער שטאָט.

די פּאַפּיר־פאַבריק וואָס האָט געגעבן באַ־שעפטיגונג צו עטלעכע הונדערט אַרבעטער 24 שעה אין טאָג און אַלע טעג אין וואָך, האָט זייער ווייניג אידישע אַרבעטער באַשעפטיגט. די אי־דישע מאַסן האָבן זיך געמוזט דערנערן אַלס האַנט־ווערקער פון טאָג־טעגלעכע באַדערפענישן. אַ דאַנק דער באַן, ווערט מאַלין אין דעם אָנהויב פון 20־טן יאָרהונדערט אַ צענטער צו פּראָדוצירן די באַקאַנטע ווינער בענקלעך, וואָס האָט חוץ פּרנסה אויך אָנגעהויבן אויפקלערן די אַרבעטער צו קעמפן פאַר בעסערע באַדינגונגען. פאַר דעם צאַריזם איז מאַלין ניט לאַנג געבליבן פאַרבאָרגן. ווען די ערשטע זאַבאַסטאָווקע פאַר אַן 8־שעה׳יגן אַרבעטס־טאָג איז אין 1904 גערופן געוואָרן, האָט מען אין דער קליינער שטאָט אַריינגעשיקט אַ גרויסע אָפּטיילונג טשערקעס, צו אונטער־דריקן די אַרבעטער. אָבער מאַלינער לאָזן זיך ניט און זיי האָבן זייערס אויסגעפירט. די מאַלינער מאַסן־עמיגראַציע קיין אַמעריקע קאָן גערעכנט ווערן פון 1910־1912. די ערשטע אַריבערגעקומענע וועמען דאָס לעבן פון אַ גרויסער שטאָט איז געווען פרעמד, האָבן דערפילט זייער עלנט און האָבן אין יאָר 1912 געגרינדעט די מאַלינער סאָסייעטי, צו קאָנען טיילווייז פאַר־גרינגערן זייער פרעמדקייט, און שאַפן אַ היימישע אַטמאָספערע פאַר די שפּעטער־אַריבערגעקומענע.

צום הילפס־רוף וואָס איז געקומען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן מיר מאַלין געהאָלפן ברייטהאַרציג. אויף דעם חורבן וואָס דער היט־לעריזם האָט געבראַכט אויף גאַנץ אוקראַינע און אויף מאַלין, האָבן מיר שוין געענטפערט מיט אָפּשיקן דעם ערשטן טראַנספּאָרט פון אַ פּאָר טאָן קליידער און שיך דירעקט קיין מאַלין.

אונזער צוזאָג איז: מיר ווען אייך ניט פאַרלאָזן אַזוי לאַנג ווי איר וועט דאַרפן אונזער הילף.

the appearance of this significant figure did Ukrainian national musical creation turn into the right channel. M. Leontovitch, another gifted musician who bent his energy toward the song of his people, proved to be even more masterful in developing the Ukrainian melody than Lysenko. The best work of Leontovitch is his choral pieces.

The fall of Russian tzarism and the formation of the Soviet Republic of the Ukraine loosened a veritable waterfall of national musical activities, the collecting of ancient folksongs, the formation of choruses and symphonic orchestras, a revival of playing on the ancient instruments, composition bases on national Ukrainian themes.

It is impossible in this short space to even list all of the important organizing or creative musicians of today's Ukraine.

Of its composers and cultivators of the popular song, in addition to Dmitry Pokras I should like to mention Olesj Tchishko, author of the opera "Battleship Potiomkin" and a collection of well selected Ukrainian folksongs among which the old Kossak song *"Vie Viter"* ("The Wind is Howling") is most appealing, Victor Kossenko, professor at the Kiev Conservatory and author of a Ukrainian folkopera "Marina"; and Konstantin Listov, born in Odessá, composer of the famous war song "Tatchanka" and head of the music department of the Red Fleet.

As to the young Ukrainians whose creation leans toward symphonic and chamber music, it is interesting to note that many of them passed through the severe school of two prominent masters of Russian music known to the world at-large, that is, Nicolai Miascowsky, one of the greatest musicians of our time, and Reinhold Gliere, himelf an eminent Ukrainian.

Of the newer composers of symphonic music there is Boris Liatoshinsky, author of orchestral works, operas and chamber music pieces, and president of the Union of Ukrainian composers.

To complete our roster we must mention the noted Ukrainian musicologist, editor of numerous publications and historian, Igor Boelza, and last, but by no means least, the significant Jewish composer born and reared in the Ukraine, Moses Milner, author of the opera "The Heavens Burn" and of beautiful Jewish songs, a creative musician of genius.

hand of high grade national composers of the Ukraine, or at least one of the reasons, is easy to unveil. The jealous suppression of national-regional creation and of independent thought by despotic old Russia would not brook creative currents non conformed to Great-Russian (velikoross) *official* culture.

Music of a given nation is worth as much as the ethnical and musical ingredients that go into its making. In the case of Ukrainian music the leaven that speeded its growth is of high quality.

In the blood of the Ukrainian people flows not only a basic Slavonic stream but also, fertile strains of gifted and energetic races of yore, the Khazars, Avars (ancient Hungarians), Mongols of various tribes, and in the later times, of Crimean Tartars, Poles and Jews. The melos of all of these races left its imprint on the Ukrainian music and tinged its old melody with a distinctly Oriental color.

The Ukrainian people of today possess a fine musical heritage of a vast historical range, from the ancient and pagan memorial chants (such as "My sweet offspring"—"Moya ty ditynka"), recitatives of Oriental color, and the gay *Koliadky* (christmas carols) closer in type to the North Slavic song—to the new folksong glorifying the people's uprising against oppressors, the abolition of serfdom or even the flight of the oppressed to America. The old songs were handed down from generation to generation by folksingers and players of the ancient Ukrainian instruments, the *Kobza* (kind of guitarre), *torban* (sort of lute), *sopilka* (shepherd's pipe), *rig* (shepherd's horn), etc.

The first Ukrainian composers were absorbed by and in Russian church music. Lured to the St. Petersburg of the Tzars, Bortniansky and Berezovsky fell mental victims to the sweetened Italianized style then dominating Russian musical taste—in the second half of *XVIII* century.

Not before the appearance of Mikola Lysenko (1842-1912), father of new Ukrainian music, student and cultivator of Ukrainian folksongs, author of many collections of them and of operas ("Taras Bulka" and "Rizdviana Nitch"), founder of the first Ukrainian musical institute in Kiev—not before

MUSIC OF THE UKRAINE

By LAZARE SAMINSKY

Composer, author of "Music of Our Day," director, Three Choir Festivals of New York

What should be the quality of and what must happen to a composed tune that is to become a folksong, become anonymous, a habit, a part of people's life?

I had a strong and peculiar feeling recently while dealing with such tunes when last spring I conducted in New York a concert-salute in honor of New Russia. I was leading the joint ensemble of the Women's University chorus and the Emanu-El choir and watched the ardent young faces of my choristers as they sang among others a group of Red Army songs. Among them was one such a "modern" and now very famous song, "If War Comes to Moscow" by Dmitry Pokrass, son of a cattle driver from ancient Kiev, capitol of the Ukraine.

In the urgency, vigor, color of this martial tune there is something that sets it above the day, above the upheaval that brought it to birth. In some way this song is the voice of a people and a chip of the melos bred in the very bowels of a people's history.

The outward aspect of Ukraine's musical past seems strange at the first glance. Having a magnificent folkbasis, ethnical and melodic, an ancient folksong of remarkable beauty created by a people of outstanding musical gifts, a people of singers and story-tellers, Ukrainian music has left its infancy behind only quite recently. Only after the fall of the Russian imperial autocracy and the creation of the Ukrainian Soviet Republic did national creation wake up.

The main reason for the old splendid Ukrainian song lying dormant so long and coming to no important fruition at the

days at the close of the last century: they carry the tradition and do the foot work, the American-born generation do the giving.

In the United States the Ukrainian Jews, like other Jews from Russia and Eastern Europe, generally of the first generation of immigrants, have been exceptionally devoted to the education of their sons and daughters and their adaptation to the American scene as citizens whose desire is to contribute to the national welfare. Among these are such notable figures in American Jewish life as Dr. Judah L. Magnes, who was Rabbi of Temple Emanu-El in New York and who is now president of the Hebrew Union University in Jerusalem; Joseph Barondess, the American labor and Zionist leader; Rabbi Leon Gellman, president of the Mizrachi; Rabbi M. D. Twersky, the first Chassidic rabbi from the Ukraine, who is still active in New York City; John L. Bernstein, the chairman of the Overseas Committee of HIAS; Rabbi Abraham J. Feldman, author-editor of Hartford, Connecticut; Fannie Goldstein (Dorchester, Mass.), of the Boston Public Library, who ranks exceedingly high among the American authorities on books for children; Dr. Bernard Heller, director of the Text-Book Commission of the Synagogue Council of America; Laza Saminsky, composer and conductor, who is musical director of Temple Emanu-El and director of the League of Composers, all of whom this writer knows personally.

